STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02335

MAYSE GELESVIL

Petahyah Lam

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מעשה געלעסוויל

אַדער

דער גרינער רעווערענד
וואָס קעמפפט
געגען דער געלער געפאַהר

אמת'ע לעבעדיגע בילדער פון דעם אַמעריקאַנער
אידישען לעבען אין די קליינע קאונטרי־קהלות

פאַרפאַסט פון
רעוו. פתחי' לאַמם

ניו יאָרק, התרפ"ז

234 אַריאַם פרעס, 54 קאַנאל סטריט, ניו יאָרק.

COPYRIGHT — 1927
by
REV. PHILIP LAMM

3105

נאכדרוק שטרענג פארבאָטען.

רעוו. פתחי׳ לאַמם.

פון פראָפעסאָר ג. זעליקאָוויץ ע"ה

געוועזענער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון „טאָגעבלאַט".

רעוו. פתחי' לאַמם, המכונה רעוו. פיליפ לאַמם,
קאָנאַנסבורג, פּאַ.

עס פרעהט מיך אייך צו פאַרזיכערן אויף אייער אנפראַגע צו מיר, אַז אייער אידישער מאַנוסקריפּט **„דער גרינער רעווערענד געגען די געלע געפאַהר"** אין וועלכען איהר שילדערט געטרייע בילדער פון אידישען לעבען אין דער אַמע־ריקאַנער פּראָווינץ, איז אַן אמת גערעכטענע אַרבייט, די בילדער זיינען פרעכטיג געשילדערט און אייער שפּראַך איז עלעגאַנט. זאָגאַר אייערע אריינגע־פלאָכטענע הומאָריסטישע דרשות זיינען אינטערע־סאַנט, דען ווי זאָגט דער תלמוד? באתרא דעייל ירקא ליעול בשרא וכוורי (שבת).

איך צווייפעל ניט **אַז איהר וועט געפינען גענוג סובסקרייבערס** פאַר אייער **העכסט אינטערעסאַנטעס ווערק.**

מיט פריינדליכען גרוס,

ג. זעליקאָוויץ.

Testimonial Letter

of Professor G. SELIKOVITCSH.
Literary Editor Jewish Daily News.

I feel a genuine pleasure in expressing my warmest approval of the masterly work "**The Story of Gellesville**" or "**The Green Reverend versus The Yellow Peril**", written by **Rev. Philip Lamm** of Cannonsburg, Pa.

I have read this work in Yiddish very carefully, admiring the true and talented descriptions of Jewish family life, keen observations coupled with charming interpretations of the maxims of our sages. Having read this work in manuscript, I heartily recommend the author as deserving aid by subsription, so as to enable him to publish his work.

Prof. G. SELIKOVITSCH.

וואָס פּראָפעסאָר ג. זעליקאָוויטש ע״ה האָט געשריבען איבער דיעזען ווערק אין „טאָגעבלאַט“ אין זיין וועכענטליכער אבטהיילונג „ליטעראַטור און לומדות“.

(פרייטאג דען 19טען מארטש, 1926).

„פאר אונז שטאָדט-מענשען פון דער גרויסער אידישער ניו יאָרק, באָסטאָן פיטסבורג, פילאדעלפיא, שיקאגאָ אָדער קליוולאנד איז דאָס אידישע לעבען אין פראָווינץ ווי אַ פאר־שלאָסענער בוך. מיר ווייסען כמעט גאָרנישט פון אידישען קאָנטרי-לעבען. איך זאָג עס וועגען אַ מערקווירדיגען בוך אין אידיש, וואָס טראָגט דעם סענזאַציאָנעלען נאָמען „מעשה גע־לעסוויל“ אָדער „דער גרינער רעוורענד געגען די געלע גע־פאהר“. דיעזער בוך גיט דעם לעזער לעבעדיגע בילדער פון אַמעריקאנער קאָנטרי קהלות, זייערע קאָנגרעגיישאָנס, פּרעזידענטען, רעוורענדס, וואָכעדיגע חדרים, „סאָנדעי־סקוהלס“ מיט זייערע טיטשערס, די „יאָנג דזשודעאַן“ מיט זייערע ספּיקערס די „לעדיעס אָקזילעריעס“ מיט זייערע פּרעזידענטקעס, און נאָך צעהנדליגע אַזעלכע פראַגען, נאַטור־טריי געשילדערט פון הדרשן ר׳ פתחי׳ לאָמס, אָדער ריכטיגער רעוו פיליפ לאָמס, ווי ער איז באַקאַנט צו זיין קאָנגרעגיישאָן אין קענאָנסבורג פּאַ.

„איך זעה צום ערשטען מאָל פון אַן אָרטאָדאָקסישען רב, אַזאַ טרייע פאָטאָגראַפיע פון אידישען קאָנטרי לעבען ווי דיעזער ווערק פון רעוו. לאָמס, איבער 300 זייטען, אין וועלכען עס איז אויך אַריינגעוועבט שעהנע תורה ווערטלעך. פּסיכאָלאָגישע אילוסטראַציאָנען פון דעם כלי קודש לעבען אין די קאָנטרי שטעדט. אַזוי ווי דער גרעסטער טהייל פון בוך איז נאָך אין דרוק, האָב איך געזעהן בלויז אַ טהייל פון׳ם ווערק געשריבען אין אַ דייטליכען שעהנעם אידיש, זאָגאַר די אַריינגעפלאָכטענע שעהנע דרשות לעזען זיך גלאַט אין אַ דייטליכען אידיש“....

במקום הקדמה.

„מעשה געלעסוויל" אָדער „דער גרינער רעוורענד וואָס קעמפּפט געגען דער געלער געפאהר", איז אַ גייסטיגער עראָפּלאַן וואָס פיהרט אייך ליבע לעזער, צו אַן אונבאַקאַנטער פערשלאָסע־נער וועלט; צו אַ טהייל פון די קליינע קאַנטרי קהלות אין אַמעריקא. (זעהט זייטע 5 וואָס פּראָפעסאָר ג. זעליקאָוויץ ע"ה שרייבט איבער דיעזען ווערק), און אויב איהר ווילט האָבען אַ „גוד־טיים", קומט שנעל, זעצט אייך אַריין אַט דאָ טאַקע אין דעם עראָפּלאַן „מעשה געלעסוויל" ! און „דער גרינער רעוורענד וואָס קעמפּפט געגען דער געלער געפאהר" פאַרזיכערט אייך אַז איהר וועט האָבען אַ גאַנץ פיינע רייזע און איהר וועט אָנקומען בשלום ובשלוה צו דעם ריכטיגען פונקט. דער גרינער רעוורענד אַליין פיהרט אייך און פליהענדיג מיט דער „מעשה געלעסוויל" קענט איהר זעהן אַלערליי אינטערעסאַנטע קהל'שע קאַנטרי־בילדער, סיי איהר זענט קורצזיכטיג סיי איהר זענט וויטזיכטיג. יעדער איינער קען זעהן מיט דעם אויג וואָס ער האָט....

אויב איהר זענט אַ וויטזיכטיגער, וועט איהר געפינען פאַר זיך אינטערעסאַנטעס אין די פאָלגענדע שטעלען:

„איינלייטונג צו דער מעשה געלעסוויל" פון זייטע 7 ביז זייטע 28, אכטער קאַפּיטעל פון זייטע 83 ביז זייטע 95, און עלפטען און דרייצעהנטען קאַפּיטעל. און סוף דבר הכל נשמע, לעזט אויפמערקזאַם דעם עפּילאָג זייטע 200 ביז צום ענדע. און אז איהר ליעבע לעזער, וועט די ערשטע רייזע מיט „מעשה געלעסוויל" האָבען געמאַכט, וועט איהר ערשט דאַן אַ פרישען אַפּעטיט צו אַ וויטערע רייזע באַקומען, נור איהר זאָלט אייך גאָר ניט זאָרגען, ווייל עס וואַרט שוין אויף אייך דער צווייטער גייסטיגער עראָפּלאַן מיטן נאָמען „מעשה געל־גרין־וויל", פון דאָרטען וועט איהר די פאָרטזעצונג פון „מעשה געלעסוויל" זעהן און די אינטערעסאַנטע אייביגע מלחמה אין וועלכער די געלע לאָזען ניט גרין ווערען און די גרינע לאָזען ניט געל ווערען.

דער פּערפּאסער.

איינלייטונג צו דער מעשה געלעסוויל

ליעבער לעזער! איהר ווייסט, איך ווייס אויך און די גאנצע וועלט ווייסט אודאי, אַז יעדע מעשה האָט אַן עק — ווייל ווי זאָגט דער עולם: אַ מעשה אָהן אַן עק טויג לחלוטין ניט, אפילו אויף כפרות אויך ניט!

אַנטקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רייד, אַנטקעגען מיין מעשה (מעשה געלעסוויל). — איך שטעל מיר פאָר, אַז איך זעה אייך, ווי איהר נעהמט מיין ספר אין דער האַנט און קוקט — קוקט אויף דעם פאָדער-בלאט און מאַכט מיט׳ן קאָפּ, ווי איהר וואָלט געזאָגט: ניש-קשה פון אַ נאָמען: „מעשה געלעסוויל״ און „דער גרינער רעווערענד געגען דער געלע געפאַהר״! איהר קוקט ווייטער און לייענט: „אמת׳ע לעבעדיגע בילדער איבער דעם אַמעריקאַנער אידישען לעבען אין די קליינע קאונטרי קהלות...״

איהר מישט איבער דעם ערשטען שער-בלעטעל און איהר ווילט אייך שוין נעהמען צו דער רעכטער מעשה. הם... די מעשה איז פאַרשטעלט מיט פאַרשידענע פיטשעווקעס: אָט טרעפט איהר קודם אַ בילד. איהר מישט ווייטער — טרעפט איהר אַ אידישען בריעף, דערנאָך אַן ענגלישען בריעף פון פּראָפעסאָר ג. זעליקאָוויטש ע״ה, ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון „אידישען טאַגעבלאַט״. איהר מישט ווייטער, מיינענדיג אפשר הויבט זיך דאָ אָן אַ מעשה: — אַ נעכטיגער טאָג! שוין ווידער אַן אַרטיקעל, וואָס פּראָפעסאָר ג. זעליקאָוויטש ע״ה האָט אין זיין „ליטעראַטור און לומדות״, אין „אידישען טאַגעבלאַט״, פון ד׳

ניסן תרפ"ו, איבער דעם דאָזיגען ספר זיין מיינונג געשריבען. אצונד מיינט איהר דאָך שוין זיכער אז די מעשה הויבט זיך אָן און איהר מישט דאָס בלעטעל איבער, און איך הער ווי איהר זאָגט: „וואָס פאַר אַן אָנשיקעניש שוין ווידער? ה ק ד מ ה! אָט האָסטו דיר אַן הקדמה צום טיש!..." נאָר וואָס זאָלט איהר טהון? איהר זענט שוין אין זיינע הענט — אין דעם גרינעם רעוורענדס הענד, מיין איך — איהר קענט אייך ניט העלפען, די מעשה איז אייך טשיקאַווע, און איהר לייענט די הקדמה איהר האָט מזל, זי איז קורץ; נו, מיינט איהר דאָך שוין איבער־געקומען די שבעה מדורי גיהנום, די ערשטע מעשה הויבט זיך אָן — דערוויל א נעכטיגער טאָג, ווייל קוים מ'ישט איהר איבער דאָס בלעטעל, טרעפט איהר איינעם אַ ניט־געבעטענעם גאַסט און ער שטעלט זיך פאַר אייך פאַר אומפאַרלאַנגט מיט'ן נאָמען „מעשה גרינער רעווערענד — איינלייטונג צו דער מעשה געלעסוויל", און איהר ווילט די גאַנצע מעשה איבערלאָזען, נור ניט געכאַפּט, ר' איד! די איינלייטונג אַליין איז אויך אַ מעשה, זי דערצעהלט אייך די „מעשה גרינער רעוורענד" און ערשט דערנאָך וועט איהר שוין אַליין טרעפען צו דער רעכטער מעשה (מעשה געלעסוויל). איהר ווערט אין כעס און איך הער ווי איהר שרייט: „ניט אויסצוהאַלטען! ביז איך וועל קיין געלעס־וויל קומען וועל איך שוין זיין אַן אויסגעמאַטערטער און וועל די „מעשה געלעסוויל" גאַרניט קענען זעהן! איהר ווילט אַ וואָרף טהון די גאַנצע מעשה. קומט דאָ דער מחבר אַליין און בעט זיך ביי אייך: „ר' איד! פּאַוואָליע! איהר מוזט ניט וויסען אַלעס מיט אַמאָל! איך, דער מחבר אַליין, האָב גאַנצע דריי יאָהר שטודירט דאָס קאַונטרי־לעבען אין אַמעריקא, ביז איך האָב דעם סענזאַציאָנעלען מעשה דערצעהלער, „דעם גרינעם רעוורענד" געטראָפען, און ער, דער גרינער רעוורענד, איז טאַקי דער בעל־המחבר פון דער „מעשה געלעסוויל" גופא, נו, איז אויב

איהר ווילט זיין סענזאַציאָנעלע מעשה געלעסוויל וויסען, דאַרפט איהר קודם וויסען, און איהר מוזט עס וויסען, ווער איז דאָס דער גרינגער רעוורענד, וועלכער וויל אונז דאָ האַקען אַ טשייניק, אַט דאָס דערצעהלט אייך די איינלייטונג. זי מאָלט אייך פריהער מיט אמת׳ע נאַטור־פאַרבען דעם כאַראַקטער פון דעם גרינעם רעוורענד, זיין שטרעבען, זיין לעבען, זיין אידעאַל אין דער אַלטער היים און זיין איצטיגען לעבען דאָ אין אַמעריקא. זיין אייגענע מעשה איז זעהר נויטיג פאַר דער „מעשה געלעס־וויל", דעריבער ליעבע לעזער, איז מיין עצה, פאַרפעהלט ניט קיין איין וואָרט פון דער דאָזיגער איינלייטונג, וועלכע וועט אייך אין אַלע באַהעלטעניש׳ען פון דעם עיקר המעשה אַריינ־פיהרען און איהר וועט אַ דאָפּעלטען ריוח האָבען; אנשטאַט איין מעשה (מעשה געלעסוויל) וועט איהר האָבען גאַנצע צוויי מעשיות!

אָי, וועט איהר פרעגען: ר׳ מחבר, ווער זייט איהר אַליין? וואָס האָט איהר זיך עפּעס צו די קאָונטרי קהלות אָנגעטשעפּעט? זייט איהר גערעכט, און איהר דאַרפט מיר גלויבען, אַז איך האָב שוין איבער אַ העלפט פון מיין וועלטעל אָפּגעטאַנצט און ביז אַצונד קיין שום שייכות ניט געהאַט מיט קיין איין ליטעראַריש וועלטעל; ניט מיט די ליטעראַטען וואָס זיצען אין קאַפע־הויז, און טרינקען פון ליטער און פון קוואָרט, און ניט מיט די טינטען־לעקערס, וואָס שרייבען אוים אויף תוהו ובוהו גאַנצע ליטערס מיט טינט. אויב איך האָב אַמאָל, אין די אַלטע צייטען, שוין יאָ עפּעס געשריבען, איז דאָס געווען איבער דעם ישיבה־לעבען פון אונזערע ישיבה־בחורים בגולה, און פּלוצלונג זעהט איהר מיך: ותשאני רוח — עס נעהמט מיך דער רוח, דער גייסט הייסט עס, אַז איך זאָל מיט אַמאָל ווערען אַ ליטעראַט, אַ באַשרייבער פון אַזעלכע וויכטיגע ענינים, ווי געלעסוויל! נור אָבער, גלויבט מיר, דאָס איך בין אין דעם גאָרניט שולדיג.

שולדיג אין דעם איז „דער גרינער רעוורענד“, און דערפאַר וועל איך אייך זאָגען ווער ער איז און וואָס ער וויל.

געבאָרען איז ער, לא עלינו, אַ געשטראָפטער, אין גאַליציען הייסט עס, און געהאָדאָוועט האָט ער זיך זינט ער איז צוועלף יאָהר אַלט געוואָרען, אין אונגאַרן. צוערשט האָט ער געלערנט ביי חסידישע רביים אין די ישיבות און דערנאָך ביי אשכנז׳ישע (מתנגד׳ישע) רבנים. און ער האָט פון די דראָבנע זאַכען אויך גענאַשט, דאָס מיינט אַז ער האָט עטליכע ־שוהל קלאַסען „געמאַכט“, האָט אַ פיינעם אונגאַריש און דייטש אויס־געלערענט, דערביי איז ער געוואָרען אַ שעהנער בעל-לשון אויפ׳ן אַלטען מליצה׳דיגען שטייגער, דערצו אַ זינגער, אַ דאַוונער, אַ רעדנער, אַ מגיד און הויפּטזעכליך, אַן אמת׳ער „אונגאַרישער“, איבער אַלע אונגאַרישע אַריבער, צו זיין קרעמעל סחורה האָט איהם שחיטת עופות אויסגעפעהלט, האָט ער דאָס אויך בחור-ווייז אויסגעלערענט, און האָט טאַקי נאָך אַלס בחור, אַ שעהנע שטעלע אין טראַנסילוואַניע אַלס חזן, שוחט עופות און רעליגיאָנס-לעהרער באַקליידעט. נאָר אַזוי ווי דאָס שטעדטעל איז געלעגען טאַקע ממש נעבען רומעניען, האָבען ביידע אונגאַרישע לאַנדעס „אגודות הקהלות“ — אי די שטרענג אָרטאָדאָקסישע, אי די רעפאָרמאַטאָרישע, אין גאַנצען אָן דעם שטעדטעל פאַרגעסען, און דאָס שטעדטעל, קהל הייסט עס, האָט ניט באַלאַנגט ניט צו די און ניט צו די — ניט אַהין — און ניט אַהער הייסט עס, איז אונזער גרינער רעוורענד דאָרט אַ גאַניץ יאָהר אַלס בחור געווען דער חזן און אַלע זיבען זאַכען וואָס געהער צו אַ כלי קודש, ביז ער האָט מיט מזל חתונה גע־האַט און אַ שעהנעם נדן געקראָגען. פון דעם מאָמענט אָן, האָט ער געוואָלט זיין שטעלע אַוועקוואַרפען און אַ סוחר ווערען, האָבען דאָס דער ווייבס משפחה און זיינע גוטע פריינד ניט דערלאָזען, און עס האָט גענומען נאָך צוויי יאָהר און דאַן האָט

ער קיינעם ניט געהערט, בלויז זיך אַליין, און איז טאַקע אַ סוחר געוואָרען, נאָר אַזוי ווי ער איז געווען מעהר מבין אויף אַ בלעטל גמרא, אויף אַ מדרש און אפילו אויף אַן אונגאַריש און דייטש ביכעל, להבדיל, ווי אויף סחורה, האָט ער צו זיך אַ געשעפטס-פיהרער גענומען, וועלכער איז דער מוצי-מבין געווען. אָבער איהר ווייסט דאָך, אַז אונזערע אידעלאַך זאָלען לעבען, לאָזען ניט לעבען און ניט שטאַרבען, ווייל ווילט איהר לעבען — וועלען אייך די קאָנקורענטען ניט לאָזען; ווילט איהר שטארבען — וועט מען לויפען תהלים זאָגען פאַר אייך. אַזוי האָבען די קאָנ-קורענטען אָנגעהויבען צו ווירטשאַפטען, דעם געשעפטס-פיהרער אָפּגעקויפט, אַז ער זאָל זיין בעל-הבית אין אַ בלאָטע אַריינ-פיהרען. יענער האָט זיך ניט לאַנג געלאָזען בעטען און האָט עס טאַקע געטהון און אונזער גרינער רעוורענד האָט זיך צוויי יאָהר געמאַטערט און דאָס געשעפט געמוזט אויפגעבען. איין ריוח איז איהם געבליבען — ערפאַהרונג. די משפחה האָט זיך ווידער צו איהם גענומען, ער זאָל אַ כלי-קודש ווערען, אָבער ער האָט דאָס בשום אופן ניט געוואָלט. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטהון קיין בעהמען, מעהרען און קיין וויען און דאָ האָט ער איבערגענומען פאַרטרעטערשאַפט פון שיך-פאַבריקען און איז געוואָרען אַ רייזענדער. דאָס ערשטע יאָהר האָט ער זיינע פאַר גראָשען אין גאַנצען, עד לפ״ק, אויפגעגעסען, דערפאַר האָט איהם דאָס צווייטע יאָהר פון זיין אַרומרייזען אַלעס מיט ריווח אָפּגעגעבען, ווייל זיין עהרליכער אופן פון אַרומגעהן מיט זיינע קונים האָט איהם צוטרויען געשאַפט, אַזוי אַז יעדער איינער, וועמען ער האָט איינמאָל באַזוכט איז שוין זיין געטרייער קונה אויף תמיד געבליבען. ער האָט אָנגעהויבען — ווי מען זאָגט אין אַמעריקא — זיך אַרויפצואַרבייטען. עס האָט ניט גענומען קיין צוויי יאָהר און ער איז געוואָרען איינער פון די פּאָפּולערסטע שיך-רייזענדער איבער גאַנץ עסטרייך-אונגאַרן און די נעבען-לענדער.

ער האָט זיך אַ יעהרליכען טיקעט אויף דער אייזענבאהן פאַר אַ גאַנץ יאָהר אין דער ערשטע קלאַס גענומען און איז פון דער היים יעדע וואָך, זונטאג בייטאָג אַוועקגעפאָהרען און פרייטאג בייטאָג צוריקגעקומען, כמעט קיינמאָל שבת אונטערוועגנס ניט בלייבענדיג.

נו, אַז מען האָט זיך אַרויסגעאַרבייט, גלוסט זיך אַביסעל צו קהל׳ן, באַזוכען מיטינגען, אַ קוק און אַ „קיביץ" טהון, און אונזער גרינער רעווערענד הויבט אָן ווערען אַ קהל׳שער מענש און אַגיטירט, אַז די קהלה זאָל זיך אַנשליסען צו די שטרענג-אָרטאָדאָקסען, און האָט אַ שטאַרקע פּאַרטיי באַקומען, גאַנצע צעהן בעלי-בתים, אָרימע אָבער פרומע. הקיצור עס איז גע-וואָרען אַ שפּאַלטונג אין דער קהלה, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי הונדערט בעלי-בתים און אָפּגעריסען האָבען זיך צוואַנציג בעלי בתים. מיט די צוואַנציג בעלי-בתים האָט ער אַ שוהל געבויט פאַר זעכציג טויזענד קראָנען. פינף טויזענד קראָנען האָט אַ רב פאַר קהל געגעבען, אַז קהל זאָל איהם אין דעם הויז פון דער שוהל אַ וואוינונג געבען אויף ווי לאַנג ער וועט לעבען, און פון אַ זאַקסישער באַנק האָט ער אַ פּוירסט מאָרטגיידזש אויף די איבעריגע פינף-און פופציג טויזענד קראָנען באַקומען אויף דרייסיג יאָהר אויסצוצאָהלען. די שוהל איז באַשטאַנען פון אַ הויכער הויז, מיט געוועלבען אונטען און וואוינונגען אויבען צו פאַרדינגען, כדי דאָס דירה-געלט זאָל אַריינברענגען די יעהרליכע צאהלונגען צו מאַכען און אויסערדעם איז נאָך געבליבען אַ ריווח, אַ וואוינונג פאַר׳ן רב, פאַר אַ שוחט, אַ תלמוד-תורה, אַ מקוה און טאַקע די שוהל גופא.

די מעשה האָט איבער׳ן לאַנד אָנגעהויבען צו שם׳ען און אַלע האָבען זיך באַקענט מיט דעם גרינעם רעוו. נור אין דער היים איז זיין נאָמען געווען „ר׳ מרדכי ווייזערמאַן", נאָר דאָ, אין אַמעריקא, זאָגט ער, איז זיין בכבוד׳ער און גליקליכער נאָמען

„דער גרינער רעוורענד“, ווייל — אַזוי זאָגט ער — אַז אַ גרינער קומט קיין אַמעריקא, איז בעפאָר ער באַטרעט נאָך דעם אַמע־ריקאַנער באָדען און נאָך זייענדיג אויפ׳ן שיף, קומט צו איהם דער שר־של־שכחה צו פליהען, ער גיט איהם אַ שנאָל אין נאָז, זאָגענדיג: „שכוח תשכח ואל תזכור! פאַרגעסען מוזטו און געדענקען טאָרסטו ניט“ ווער און וואָס דו ביזט אין דער אַלטער היים געוועזען; ווער עס איז אין דער היים געשטאַנען גאַנץ הויך, מוז דאָ גאַנץ נידעריג שטעהן, און אַ קשיא אויף אַ מעשה לאָזט זיך דאביי נים פרעגען, אפילו ווען עס איז דאָ פאַרקערט, ווען מיר טרעפען הייסט עס, אַז די וואָס זענען אין דער היים גאַנץ נידעריג געשטאַנען, שטעהען דאָ נאָך העכער ווי הויך... טאַקע דאָס אַליין געהט אויך קיינעם ניט אָן: גזרה היא מלפני ואין לך רשות להרהר אחריה — דאָס איז אַ גזירה, אָן אַנשי־קעניש אויף אונז, און מיר טאָרען ניט נאָכקלעהרען. כזה ראה וקדש! — דאָס איז עס און אַזוי איז עס און מיר מוזען עס פאַר ליעב אָננעהמען. דערפאַר זאָגט ער, ווייל ער דאָ אין אַמעריקא דעם אַלטען נאָמען פון דער היים ניט טראָגען, נאָר דעם נאָמען וואָס זיינע לאַנדסלייט האָבען איהם דאָ אין אַמעריקא געגעבען, און דאָס איז „ד ע ר   ג ר י נ ע ר   ר ע וו ו ר ע נ ד“.

אָבער לאָזט מיך ניט פאַרגעסען וואו איך האַלט מיט דער מעשה.

הקיצור, ר׳ מרדכי וויזערמאַן האָט באַקומען אַ שם איבער׳ן גאַנצען לאַנד אַלס אַ כלל טהוער און אַן אויפטהוער, ווי דער שטייגער איז פון שמועסען: „איינער אין דער וועלט“, און ווען ער האָט נאָך די פאַרטרעטונג פון דער סאַקסישער באַנק באַ־קומען און האָט אָנגעהויבען מיט קהלות ביזנעס צו טהון, געלד צו געבען אויף שוהלען, אויף הייזער, אויף מקואות, קענט איהר אַליין פאַרשטעהן, אַז זיין קאַריערע איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג, וואו נאָר צרות אָדער מחלוקת, אָדער פשוט אַזוי עניות

ואביונות אין אַ קהלה, האָט מען זיך ביי איהם שואל בעצה געווען, אַלס בורר איהם גענומען, אַלס טוען געוועהלט, אַ הלואה ביי איהם געזוכט, און ער, ווי דער דרך פון אַלע כלל־טהוער, האָט פיעל מאָל זיינע ביזנעס אויפ'ן פריפיטשאַק געלאָזט און זיך מיט קהל'שע ביזנעס אָפּגעגעבען און ביסלאַכווייז האָט זיך אין איהם אַ טאַלאַנטירטער רעדנער, אַ מגיד און אַ ווערטעל־זאָגער ענטוויקעלט. ער האָט אַזוי געאָרדענט די פאַרהעלט־ניסע פון די שוהל, פון דער מקוה, פון דער תלמוד תורה, פון רב, פון שוחט, פון כשרות. און דאָס איז ניט פּשוט אַזוי צו־געגאַנגען, ווייל די גרויסע ניט אָרטאָדאָקסישע, קהלה האָט כסדר מלחמה געפיהרט דורך דער רעגיערונג, און די רעגיערונג פאַרשטעהט זיך, איז מעהר געניייגט געווען צו דער הונדערט און אַכציג משפחה'דיגער קהלה איידער צו דער צוואַנציג משפחה'דיגער אָרטאָדאָקסישער קהלה, דערפאַר אָבער האָט דאָך אונזער מר. ווייזערמאַן אַ יאָהריגען באַהן־בילעט געהאַט, איז ער יעדען מאנטאג און דאָנערשטאג צום קולטוס־מיניסטעריאום, אַזוי ווי צו זיך אַהיים צוגעפאָהרען און ער האָט געמוזט אויספיהרען. און זיין קהל האָט אָנגעהויבען וואַקסען, דער אידישער עולם איז צו די אָרטאָדאָקסען אַריבערגעגאַנגען.

אין זיין שטאָדט האָט ר' מרדכי ווייזערמאַן אויף זיין זייט אַזעלכע פריינד געהאַט, וואָס וואָלטען זיך פאַר איהם מקריב געווען. דאָס זיינען געווען זיינע געשעפטס־פריינד און זיינע קהל'שע מיטאַרבייטער און די אָרימע לייט, וועלכע ער פלעגט כסדר העלפען און שטיצען. דערפאַר אָבער האָט ער אויף דער אַנדערער זייט אַזעלכע שונאים געהאַט, וואָס וואָלטען איהם אין פייער געוואָרפען אָדער אין אַ לעפעל וואַסער דערטרונקען. דאָס זיינען געווען די כלל־טהוער פון דער ניט־אָרטאָדאָקסישער קהלה און זייערע כלי־קודש און אפילו די אַדוואָקאַטען פון שטאָדט אויך, ווייל ער פלעגט זיינע בני הקהלה קיינמאָל צום פּראָצעס

ניט לאָזען געהן, שטענדיג צווישען זיי אַ פשרה געמאַכט. אַזוי פלעגט זיך אין זיין אַלטער היים **ר׳ מרדכי ווייזערמאַן** פיהרען..

מיט אַמאָל איז אין יאָהר 1914 די גרויסע וועלט-מלחמה אויסגעבראָכען, וועלכע האָט אַלע קליינע מלחמה׳לאַך איינגע-שלונגען, צוזאַמען מיט ר׳ מרדכי ווייזערמאַן׳ס מלחמה און ער האָט זיך אַריבערגעצויגען מיט זיין ווייב און קינדער אין דער הויפּטשטאָדט און איז אויך אַ פאַטערלאַנד-פאַרטיידיגער גע-וואָרען אויפ׳ן שלאַכטפעלד און ווערענדיג אַן אינוואַליד איז ער אַהיים געקומען מיט מזל.

צווישען דער צייט האָט זיין סחורה אַ גרויסען ווערט באַ-קומען. ער איז געוואָרען איינער פון די שטאָדט-גבירים, דאָס הייסט, עס האָט מיט איהם אַזוי געוואָרפען ווי מיט אַלע גבירים פון שטאָדט: בין לילה היה ובין לילה אָבד. איבערנאַכט האָט זיך איהם אוסיגעדוכט אַז ער איז געוואָרען אַ ראָטשילד, אַ ראָק-פעלער, און אין דער אַנדערע נאַכט איז ער אַן עני ומחוסר לחם געוואָרען און סוף-כל-סוף איז ער דאָס טאַקע געבליבען.

זיינע לאַנדסלייט אין אַמעריקא אין דער שטאָדט „פאַלי-טישעןטאון“, פאַ., די חברה אנשי טראַנסילוואַניע, האָבען פון זיין אומגליק זיך דערוואוסט, האָבען זיי אָפּגעהאַלטען אַ מיטינג, און באַשלאָסען, אַז זיי וועלען איהם פאַר זייער שוהל אַלס רב אַראָפּברענגען. „רעדען קען ער, לערנען פאַר אַמעריקא נאָך מעהר ווי מען דאַרף, אַ מגיד — עף-עף! ער וועט דאָ אַ גאון זיין!“ האָבען זיינע לאַנדסלייט צווישען זיך געשמועסט. הקיצור, געזאָגט און געטהון, מען האָט איהם געבראַכט, און אַ קאָמיטע האָט איהם ביי דער שיף אָפּגעוואָרט, צייטונגס-שרייבער, האָבען אויך ניט געפעהלט. יעדערער פון די צייטונגס-פאַרטרעטער האָט איהם מיט שאלות געשטורעמט: „רבי, רבי! פון וואָס פאַר אַ שטאָדט קומט איהר?“

„פון וואס פאר א שטאדט איך בין געקומען, דאס קען איך אייך זאגען, אבער א רבי — דאס בין איך נישט!“ האט ר׳ מרדכי ווייזערמאן געענטפערט.

„אבער אייערע לאנדסלייט זאגען דאך, אז איהר זייט גאר א גרויסער רב פון דער היים!“ האבען די צייטונגס-שרייבער איהם געפרעגט.

„אוי די לאנדסלייט! אוי די לאנדסלייט! — האט ר׳ מרדכי ווייזערמאן מיט א שמייכעל געענטפערט — איך בין פון דער היים א סוחר, א בעל-בית, א איד מיט אלע אידען צוגלייך!“

„געוואלד! וואס טהוסטו, דו גרינער! האבען די לאנדסלייט געדונערט, דו הרג׳עסט זיך אליין! אזוי וואלסטו שוין געווען מיט א נאמען און גוט אדווערטייזט, אבער אז דו אליין קוילעסט זיך, ווער איז דיר שולדיג?“

„וואס הייסט איך קוילע מיך? איך בין דאך אבער פארט קיין רב ניט, זאל איך פון מיר א קאמעדיע מאכען?“ האט ר׳ מרדכי ווייזערמאן זיינע לאנדסלייט געענטפערט.

„יא, — האבען זיי געענטפערט — דא אין אמעריקא איז אלעס פארקעהרט ווי אין דער היים: זאגסטו, ביזטו! זאגסטו נישט, ביזטו נישט! ניינציג פראצענט רבנים אין אמעריקא זיינען אזוי!“

„אויב אזוי זאג איך טאקע נישט און בין טאקע נישט! איך וויים, אז אמעריקא האט גענוג אמת׳ע גאונים, ריכטיגע רבנים!“

„איז טאקע זעהר נישט גוט!“ — האבען איהם זיינע לאנדסלייט מיט באדויערען אפגעענטפערט.

די גאנצע וועג פון ניו יארק ביז „פאליטישענטאון“, פא., האבען זיינע לאנדסלייט, די קאמיטע פון שוהל הייסט עס, מיט איהם געארבייט ער זאל קיין גרינער ניט זיין און זאל זאגען, אז ער איז א רב און אזוי ווי ער האט שוין פון זיי ניט געקענט

אויסהאַלטען, האָט ער זיי געענטפערט, אַז ער וועט האָבען אַ ישוב הדעת ביז שבת.

די קאָמיטע איז שוין מלא שמחה געווען, אַז איהר איז דאָך געלונגען דעם גרינעם פאַר׳עקשן׳טען לאַנדסמאַן ווייכער צו מאַכען און ווי נאָר זיי זיינען קיין „פאַליטישענטאון", פּאַ. אָנ־געקומען, האָט מען איהם געמאַכט אַ קבלת־פּנים סכנת־נפשות און מען האָט איהם איבערגעגעבען די ערשטע מתנה טויזענד וויזיט־קאַרטען, טויזענד פּאָסטקאַרטען, טויזענד בריעף־פּאַפּיר און טויזענד קאָווערטען אַלעס מיט דעם זעלבען נוסח:

„הרב הגאון ר׳ מרדכי ווייזערמאַן, רב הכולל בבית הכנסת אנשי אמת — אנשי טראַנסילוואַניע ולכל בתי כנסיות, 600 בלאָף סטריט, פּאַליטישענטאון, פּאַ. וסביבותיה".

„וואָס איז די באַדייטונג פון בלאָף סטריט?" — האָט דער רב הגאון איינעם פון זיינע לאַנדסלייט געפרעגט.

„בלאָף איז אַן ענגליש וואָרט, דאָס באַדייטעט שווינדעל!" האָט איהם דער לאַנדסמאַן מיט געלעכטער געענטפערט.

„אויב אַזוי איז מיר שוין רעכט דער נומער 600 אויך, ווייל, פאַרשטעהט איהר מיך, 600 מיט בלאָף זיינען טאַקע נאָהענטע מקורבים", האָט דער רב הגאון געזאָגט.

„ווי אַזוי?" האָט דער לאַנדסמאַן געפרעגט.

„ווייל 600 איז בגימטריא „שקר" — (שקר באַטרעפט 600) און בלאָף איז אַלזאָ ניט ווייט פון שקר!" האָט ר׳ מרדכי ווייזערמאַן געזאָגט.

„ר׳ מרדכי! זייט ניט קיין גרינער עקשן! אַמעריקאַ דאַרף מען נור פאַרשטעהן, און מיט דער צייט וועט איהר עס טאַקע פאַרשטעהן. טהוט נור דאָס, וואָס די לאַנדסלייט הייסען אייך! איהר וועט זעהן, אַז איהר וועט אַ פיינעם לעבען מאַכען!" האָט איהם דער לאַנדסמאַן געזאָגט.

בקיצור, עס איז געקומען שבת און דער פרעזידענט האָט פלאַקאַטען אין שוהל און אין דרויסען געלאָזט אויסקלעפּען, מיט דעם דאָזיגען אינהאַלט:

„אידען פון פאָליטישענטאון פּאַ.! לאָזט ניט אַוועק די געלעגענהייט! דעם שבת וועט איינער פון די גרעסטע גאונים פון אונזער צייט, ה"ה הרב הגאון הגדול, דער ווירדיגער נייער רב פון די „אנשי אמת, אנשי טראנסילוואניע" אין פּאָליטישענ־טאון פּאַ., דריי אַזייגער נאָכמיטאג דעם גאַנצען היעזיגען עולם באַגייסטערן מיט זיין גייסטרייכער דרשה. אידען קומט אַלע („ברב עם הדרת מלך"). מיר וואַרטען אויף אייך מיט אַ פיינעם שלש סעודות אין דער שוהל אנשי אמת — אנשי טראנס־סילוואניע. קומט!

וכך הוה — אַזוי איז טאַקע געשעהן. שבת בייטאָג, דריי אַזייגער איז די שוהל שוין געפּאַקט געוועזן, ניט נור מיט די לאַנדסלייט און מיט די מעמבערס פון דער שוהל, נור אפילו פון אַלע שוהלען און פשוט פון סטריט אויך זיינען נייגעריגע מענשען אַנגעלאָפען, צו הערען די דרשה פון דעם גרינעם רב הגאון. אפילו צייטונגס שרייבער און רעפּאָרטערס, האָבען דאָרטען ניט געפעהלט.

און דער ניי־אויפגענומענער רב הגאון ר' מרדכי ווייזערמאַן טהוט זיך אָן אַ נייע שעהנע יאַרמולקע דערנאָך אַ טלית, און געהט גלייך אַרויף אויף דער בימה, געהט צו צום פּרוכת פון ארון הקודש, גיט אַ קוש, שטעלט זיך אַוועק מיט שטאָלץ און זיכערקייט פאַר'ן עולם. אַלעס איז שטיל געוואָרען, יעדער איינער האָט געקענט דאָס פּאָכען פון זיין אייגען האַרץ הערען.

שטיל, געלאַסען און מיט אַ נידעריגען טאָן האָט ער זיין דרשה אָנגעהויבען:

„רבותי! איך וועל אייך אַ קליין מעשה'לע דערצעהלען, אפשר האָט איהר שוין די מעשה געהערט, איז נאָך בעסער:

עס איז ביי אונז אויף יענער זייט ים אַ קליין זאַקסיש שטעדטעל געווען, אין וועלכער עס האָבען לויטער זאַקסען און שוואַבען געוואוינט. אַ אידען איז דאָרט אפילו אויף אַ רפואה ניט געווען צו געפינען, ניט ווייל אידען האָבען דאָרטען ניט געוואָלט וואוינען, נאָר ווייל די זאַקסען און די שוואַבען פון דער שטעדטעל האָבען צווישען זיך אַ אידען ניט געוואָלט ליידען. ויהי היום, איז אַ איד אויף אַ המצאה׳לע געפאַלען, ווי אַזוי אין דעם דאָזיגען שטעדטעל זיך צו באַזעצען. ער האָט זיך געלאָזט מאַכען צוויי הויכע קוליעס, וואָס הינקעדיגע מענשען, לא עלינו, געהען אויף זיי, און דערצו נאָך אַ הויקער פון הינטען און דעם אַנדערן פון פאָרענט אָנגעטהון. דעם קאָפּ האָט ער צווישען די צוויי שולטערן אַראָפּגעצויגען און די פּלייצעס, כמעט איבער׳ן קאָפּ אַרויפגעהויבען. אויסער דעם האָט ער זיך אַ קוישעל אָנגעהאנגען און אין דעם קוישעל כל המינים גוטע און נוצליכע זאַכען צום האנדלען אַריינגעלעגט, ווי : פּאָדעם, נאָדלען, פינגערהוטען, שוך-בענדלאַך, נאָז טיכלאַך און נאָך אַזעלכע קלייניגקייטען און איז זיך אין דעם שטעדטעל מיט זיין סחורה אַרומגעגאַנגען פאַרקויפען, פּעדלען, הייסט עס. עס פאַרשטעהט זיך, אַז אויף אַזאַ מין באַשעפעניש האָבען אפילו די פאַרביסענע שוואַבישע אַנטיסעמיטען מיטלייד געהאַט און האָבען איהם געגעבען צו לייזען. ער האָט זיך ניט געפוילט און נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל געקומען, און אַזוי לאַנגזאַם, לאַנגזאַם זיך אין שטעדטעל באַקאנט געמאַכט, וואו און אין וועלכער שטוב ער איז אַריינגעקומען, האָט מען ביי איהם פאַר רחמנות געקויפט און אפילו נאָך אַ באַשטעלונג אויף שפּעטער אויך געמאַכט. הקיצור, ער האָט זיך מ׳יט מזל אַריינגעצויגען אַהין, ער האָט אַ געוועלבעל געעפענט און איז אין קורצען נתעשר געוואָרען. עס פאַרשטעהט זיך, אַז צווישען אידען איז קיין סוד ניטאָ. באַלד האָט מען דאָס אין די אַרומיגע שטעדטלאַך צווישען די אידען דערהערט און

איינציגווייז איז נאָך אַ איד און נאָך אַ איד, אויך מיט קוליעס און מיט אָרענטליכע הויקערס פוןביידע זייטען אַריינגעקומען. מען האָט אויף זיי אויך רחמנות געהאַט און אַריינגעלאָזט. עס האָט לאַנג ניט גענומען און דאָס שטעדטעל איז גאַנץ פיין באַזעצט געוואָרען מיט אַ פּאָאַר מנינים אידען, אַלע קולעוואַטע און אַלע טאָפּעלטע הויקערס. מען האָט אַ שוחט, אַ מלמד, אַ בעל-תפלה צוגענומען אויך קולעוואַטע און הויקערדיגע. אַ שוהל געבויט, „אויך מיט אַ הויקער, — דער באַלעמער פון אויבען", און מען האָט שוין אויך אַ רב געדאַרפט.

האָבען זיך רבנים דערוואוסט פון דעם פיינעם שטעדטעל און אויף יעדען שבת זיינען צו צוויי־ דריי, פון זיי אויף פּראָבע געקומען. זיי האָבען פייערדיגע דרשות געהאַלטען, געוואָרפען מיט ש״ס ופוסקים, מיט השכלה, מיט חסידות, מיט מתנגדות און מיט וואָס איהר ווילט נור אַליין. עס האָט אָבער גאָרניט געהאָלפען, קיין איינער פון זיי האָט נישט געטויגט.

ויהי היום, איז געקומען צוגעהן אַ אידל פון אידל-לאַנד, אַ געשטיוועלטס און געשפּאָרענטס, פאַרזעהן מיט אַלע וואוילע זאַכען, וואָס דאָס שטעדטעל האָט געדאַרפט, ווי למשל, צוויי הויכע קוליעס און צוויי הויקערס, אַזעלכע וואָס אַלע הויקערס פון שטעדטעל האָבען זיך געמעגט באַהאַלטען פאַר זיינע, ווייל זיינע זיינען גרעסער געווען פון אַלע הויקערס פון שטעדטעל צוזאַמען. דעם קאָפּ האָט ער אַזוי קונציג טיעף אַריינגעשטעקט צווישען זיינע צוויי שולטערס און די פּלייצעס ווידער אַזוי ממזר׳יש איבער׳ן גאַנצען קאָפּ אַרויפגעצויגען, דאָס אַלע האָבען ממש אָנגעקוואָלען. מען איז שוין כמעט גאָרניט נייגעריג געווען די דרשה צו הערען. זיינע קוליעס און זיינע הויקערס האָבען שוין פאַר איהם גערעדט, און יעדער האָט שוין געוואוסט, אַז דאָס איז ער, וועמען זיי דאַרפען. נאָר עס געהט פּאָרט ניט אַזוי פּשוט, אָהן אַ פּראָבע אויפצונעהמען, האָט מען איהם שוין

צוליעב דעם מנהג וועגען מכבד געווען מיט אַ דרשה. און וואָס ווילט איהר וויסען, צי די דרשה האָט געטויגט? ער האָט זיי דערלאַנגט אַ דרשה, אַז גאַנץ קהל, בהסכם כולם, איינשטימיג הייסט עס, האָבען איהם אַ פרעהליכען „מזל טוב“ אָפּגעגעבען. „אָט דאָס איז טאַקע אַ רב וואָס מיר זוכען און וואָס מיר דאַרפען האָבען!“ האָבען אַלע געזאָגט. עס פאַרשטעהט זיך, אַז יעדער פון זיי האָט געוואוסט, אַז די הויקערס מיט די קוליעס פון דעם רב זיינען נאָכגעמאַכטע, אָבער גראַדע דאָס האָט דעם רב אין די אויגען פון בעלי בתים נאָך מעהר דערהויבען און כבוד פאַרשאַפט, און טאַקע דערפאַר האָבען זיי איהם אַ קאָנטראַקט אויפ'ן גאַנצען לעבען אונטערגעשריבען.

אַז ער האָט שוין אלעס שריפטליך פון קהל אַרויסגעקראָגען, האָט ער זיך אַ שבת-שירה אַוועקגעשטעלט אַ דרשה זאָגען:

„מיין ליעב קהל! רבותי! אַזוי ווי איהר זענט אַ קהל, וואָס באַשטעהט פון לויטער קאַליקעס נעבאַך, דהיינו, איהר זענט הינקענדיגע מיט קוליעס אונטער די אָרעמס, און דערצו מיט הויקערס פון פאָרענט און פון הינטען, און עס פאַרשטעהט זיך, אַז ווען איהר האָט געדאַרפט אַ רב אויפנעהמען האָט איהר גע-נומען מיך אַזאַ מין קאַליקע, על כן, רבותי! די נאַכט האָב איך געהאַט אַ חלום-טוב אַ מבשר-טוב, וועלכער האָט מיר אַ בשורה אָנגעזאָגט, אַז איך בפרט און איהר, מיין קהל, בכלל, קענען היינט האָבען די רפואה שלמה, און מען האָט מיר געוויזען ווי אַזוי. דעריבער, רבותי! דאָס וואָס איהר וועט זעהן פון מיר זאָלט איהר נאָכטהון, וועל איך מיט אייך צוזאַמען געהאָלפען ווערען, און אין דער מינוט נעהמט ער פון אונטער זיינע ביידע אָרעמס די קוליעס מיט זיין רעכטער האַנט און וואַרפט זיי אין דער זייט, שטעקט ווידער זיינע הענט אַרונטער אונטער די פּלייצעס און אונטער דער ברוסט און ציהט פון דאָרטען אַרויס שמאַטעס און זאָגט: דאָס זיינען מיינע הויקערס געווען און

דאָס זיינען אויך אייערע הויקערס. טהוט דאָס זעלבע וואָס איך האָב געטהון און איהר וועט אויך האָבען די רפואה!"

קהל האָט געפאָלגט און האָט טאַקע געהאַט די רפואה.

אַצונד, רבותי! — זאָגט ר׳ מרדכי ווייזערמאַן צו קהל — האָט איהר פאַרשטאַנען וואָס איך האָב אייך דערצעהלט? אויב יא, דאַן האָט איהר דאָ אייערע וויזיט־קאַרטען, דאָ האָט איהר אייערע בריעף־פאַפּיערען און אייערע קאָווערטען מיט׳ן טיטעל רב הגאון צוזאַמען! איך בין אין דער היים אַ סוחר געווען און דאָ אין אַמעריקא וועל איך עם אי״ה אויך זיין! אַז איהר דאַרפט אַ רב איז נאָך ב״ה לא אלמן ישראל, איז נאָך דער אַלטער ישראל׳יקעל קיין אלמן געוואָרען! ווי איך ווייס דרעהען זיך אפילו דאָ אין אַמעריקא אַרום הונדערטע תלמידי חכמים, וואָס האָבען אמת׳ע סמיכות פון גאונים אין דער היים און ווייל זיי קענען קיין בדחנות און קיין לצנות ניט זאָגען, איז (תשתפכנה אבני קודש בראש כל חוצות!) הער איך, אַז זיי האָבען אַ נייעם נאָמען באַקומען אין אַמעריקא: „שלעפּערס" און מוזען זיך טאַקע נעבאַך שלעפּען און אויסמעסטען גאַנץ אַמעריקא, פון איין עק ביז׳ן אַנדערן. „תורה מונחת בקרן זוית" — די תורה לאָזט מען ליגען אין ווינקעלאַך מיט׳ן מיסט און זייער פּלאַץ פאַר־נעהמען לצנים און בדחנים פון דער היים! נאָט אייך גאָר רעדנער צום טיש! דאָ הער איך פון רעדנער, ווי פון עפּעס, און ס׳איז אין קץ לדברי רוח! די רעדנעריי האָט דאָ קיין עק און קיין סוף ניט. איך האָב צו זיי גאָרנישט. זיי האָבען מיר גאָר־נישט געטהון. פאַרקעהרט, דאַדורך וואָס איך האָב אַ שאַרף־צינגעל צום רעדען, ווילט איהר מיר אויך די קופּקע אָנטהון און מיך פאַר אַ רב מאַכען! אָבער ניין! נישט אַהין איז וויען! איך בין ניט קיין רב! איך בין אפשר אַ רעווערענד, און כאָטש איך בין נאָך אַ גרינער, ווייס איך אַלעס וואָס דאָ טהוט זיך ביי די געלע, און איך זאָג אייך צו, אַז איך, „גרינער רעווערענד", וועל

קעמפּפען געגען דער געלער געפאהר... (זינט דאַמאָלס האָט ער באַקומען דעם נאָמען „דער גרינער רעווערענד וואָס קעמפּפט געגען דער געלער געפאהר“).

ליבער לעזער! איך מיין, אַז איך דאַרף אייך מעהר ניט אויסמאָהלען וואָס דער עולם האָט צו אַזאַ גרינער דרשה געזאָגט. איהר וועט זיך שוין אַליין פאָרשטעלען די איבערקעהרעניש, וואָס אַזאַ מין רעדע האָט אָנגעאַרבייט...

„נעהמט אהער גרינע, טהוט עפּעס פאַר זיי! דאָ האָט איהר דעם דאַנק!“ — האָבען זיינע לאַנדסלייט, אַהיימלויפענדיג פון דער דרשה, ווי פון אַ פייער, געזאָגט.

„ער האָט זיך אָפּגע׳הרג׳עט! ער איז פאַרלוירען!“ האָבען אַנדערע ווידער געזאָגט.

און אויב איהר מיינע ליעבע לעזער, ווילט טאַקע וויסען, וואָס מיט איהם, מיט דעם גרינעם רעווערענד מיין איך, איז געשעהן, וועל איך אייך אויסזאָגען:

איהר ווייסט דאָך, אַז דאָ אין אַמעריקא קען מען קיינמאָל ניט אויסרעכענען פּינקטליך. אַזוי האָט מען ניט געקענט אויסרעכענען, וואָס פאַר אַ פאָלגען די אויבענדערמאָנטע גרינע דרשה וועט דעם גרינעם רעווערענד ברענגען. למשל, איך אַליין האָב די דרשה פון איהם מיט דריי אַ האַלב יאָהר שפּעטער ביי מיר אין שטוב געהערט און ווי ער האָט מיך אַ פרעג געטהון: „וואָס פאַר אַ פאָלגען וואָלט איהר פון אַזאַ דרשה ערוואַרטעט?“ האָב איך איהם געענטפערט: „איך מיין, אַז איהר האָט זיך שוין געמעגט אומדרעהען מיט אייערע פּעקלאַך צוזאַמען און צוריק פאָהרען קיין יוראָפּ, ווייל אַזעלכע גרינע קען אַמעריקא ניט געברויכען“.

„איהר מאַכט אַ טעות, האָט ער מיר געענטפערט, „ונהפוך הוא אשר ישלטו היהודים“, פּונקט פאַרקעהרט האָט מיין „רעדעלע“ זיך געדרעהט, גראַדע די דאָזיגע דרשה האָט אַ רעש

גדול ונורא אַנגעמאַכט, ניט נור אין דער שטאָדט פּאָליטישענ־טאון פּאַ., נור אפילו די גרויס־שטאָדטישע צייטונגען האָבען מיין דרשה מיט מיין פּיקטשור אויף דער ערשטער זייט געבראַכט. מיינט ניט אַז בלויז די אידישע צייטונגען, ניין! אפילו אַלע ענגלישע, איטאַליענישע, רוסישע און פּוילישע צייטונגען אויך, און זיי האָבען מיך אומזיסט אַזוי פיעל אַדווערטייזט וואָס פאַר קיין געלד איז דאָס ניט מעגליך צו קריגען".

און ער, דער גרינער רעווערענד, האָט דאָס באַלד פאַרשטאַ־נען אויסצונוצען, און איז צו אַ גרויסער באַנק געגאַנגען, דאָרטען האָט מען שוין פון איהם געהערט און מיט שמחה רבה האָט מען איהם די פאַרטרעטונג געגעבען. די דאָזיגע באַנק האָט גרויסע ביזנעס געטהון דורך געבען געלד אויף הייזער, אויף ריעל־עסטייט אויף אַ לענגערע צייט אָפּצוצאָהלען און דאָ איז דאָך אונזער גרינער רעווערענד אין דער היים געווען! גוי'אישע לאַנדסלייט האָט ער אין די אַרומיגע קאָונטרי־שטעדטלאַך געגוג און געגוג געטראָפען, זיך געטוויגט אויף זייער שפּראַך צו ריידען, און עס האָט ניט לאַנג גענומען, און אונזער גרינער רעווערענד איז געוואָרען דער אייגענטימער פון דריי שעהנע הייזער אין פּאָליטישענטאון פּאַ. ער האָט אָבער אָן זיין שוהל, וועלכע האָט איהם פון דער אַלטער היים אַריבערגעבראַכט אויך ניט פאַרגעסען. ער האָט אָרגאַניזירט די יוגענד און האָט זיי צו די אַלטע צוגעשפּאַנט, ער האָט פאַר זיי נאָבעלע דרשות געהאַלטען, יעדען פרייטאג־צו־נאַכט ווינטער, און יעדען שבת ביי־טאג זומער. די אַלע יונגע לייט, וואָס פלעגען פריער שבת דעם גאַנצען טאָג פאַרברענגען אין באָל שפּילען, זיצען אַצונד ביי דריי־פיער שעה אויפ'ן זייגער ווי צוגעקלעפּט צום טיש און קוקען אין מויל אַריין זייער אָרגאַנייזער, וועלכער לערנט מיט זיי דורך די סדרה פון דער וואָך אויף אַ מאָדערנעם שטייגער, אַלע פּאַ־סירונגען פון דער וואָך באַלייכט ער און וועבט זיי דורך מיט

שפאנענדע משלים. די יונגע־לייט הייסט עס, האלטען דעם טאג פון שבת פאר זייער גליקליכסטען אין דער וואך, און אלע זקנים, אפילו די וואס קענען א שטיקעל גמרא, אדער מדרש לערנען, לאזען אויך אלעס איבער, אבי די סצענע צו־צו־זעהן און זיך איינהערען, ווי אזוי עס איז מעגליך „אמעריקאנער קינדער" צו אידישקייט צו־ציהען און אין זיי אזא חשק איינפלאנצען, דאס זיי זאלען גאנצע שטונדען געדולדיג איינזיצען און ווערען הערען פון אלעס וואס איז אידיש.

איינמאל זאגט דער גרינער רעוורענד צו זיינע תלמידים: „יונגע פריינדע! שבת בין איך שוין מיט אייך צופרידען, אבער מיט׳ן שבת־צו־נאכט נאך ניט!"

„פארוואס?" — פרעגען די יונגע לייט.

„איך וועל אייך זאגען: ביי אונז אין יוראפ איז איינמאל אין יאהר א ליל־שמורים, דאס איז די ערשטע פסח נאכט. נו, וועמען געהערט די ליל שמורים? ווער פרעהט זיך, ווער אונטערהאלט זיך און ווער לערנט זיך עפעס אן פון דעם ליל שמורים? ווער פרעגט קשיות? ווער גנב׳עט דעם אפיקומן? ניט די יונגע?

און דא אין אמעריקא איז יעדער שבת־צו־נאכט א ליל־שמורים, א וואך־נאכט. אלע סטארס זיינען אפען ביז האלב דרייצעהן, איבעראל איז מען אויף כמעט א גאנצע נאכט. געסט קומען ערשט נאך האלבער נאכט און מיר וויסען גארניט!"

„קענען מיר דען שבת־צונאכט אויך א סדר אפריכטען?" האט אן אמעריקאנער אינגעל געפרעגט.

„דאס ניט, אבער א מלוה מלכה קענען מיר פראווען אויפ׳ן אייראפעאישען שטייגער", האט דער גרינער רעוורענד געענט־פערט. „נו, אז איהר ווילט, קענען מיר יעדען שבת־צו־נאכט מלוה מלכה פראווען, און אונזער סדר וועט זיין: א מעשה

דערצעהלען. די מעשה וואָס איך וויל אייך דערצעהלען איז זעהר אַ לאַנגע אָבער זעהר אינטערעסאַנט און באַלעהרענד. זי לויפט ווי אַ ראָמאַן, מאָהלט אייך לעבעדיגע בילדער פון אַמע־ריקאַנער קליינע קאונטרי קהלות, וואָס איך שטודיר שוין דריי יאָהר אין אַמעריקא. זי וועט דויערן אַ גאַנץ יאָהר, דאָס הייסט, פופציג שבת־צו־נאַכטען און הייסען הייסט זי „מעשה געלעסוויל", זי איז זעהר שפאַנענד. טאָ זאָל זיך אונז דאַכטען, אַז מיר לייענען אין אַ צייטונג אַ ראָמאַן און מיר וואַרטען אויף די פאָרטזעצונגען, פון וועלכע מיר האָבען קיינמאָל אין לעבען קיין שום נוצען ניט. נור מיין „מעשה געלעסוויל" איז פיעל אינטערעסאַנטער, לעבעדיגער, שפאַנענדער און וועט אייך, ליעבע יונגע פריינד, אויף אייער גאַנצען לעבען גרויס נוצען ברענגען און ערשט וועט איהר יעדען שבת־צו־נאַכט אַ גע־וואַלדיגע הנאה האָבען. איהר דאַרפט צו דער מלוה־מלכה קיין גרויסע זאַכען ניט האָבען, יעדער איינער פון אייך גיט צו פינף סענט, מען קויפט ברויט, סאַרדינען און מען מאַכט טהעע און מיר וועלען דערביי מעהר פאַרגעניגען האָבען, ווי אַנדערע פון זייערע גרויסע פאַראַדען.

„אָלרייט!" — האָבען די יונגע לייט מיט שמחה געענט־פערט. „מיר הויבען טאַקע שוין אָן!"

„איך בין צופרידען!" האָט דער גרינער רעוורענד גע־ענטפערט.

און טאַקע אומר ועושה; די ערשטע מלוה־מלכה איז גרויס־אַרטיג געלונגען, אַן אמת'ער עונג רוחני געווען. דער כח, צו דערצעהלען אַ מעשה וואָס דער גרינער רעוורענד האָט, וואָס ער די בילדער אַזוי לעבעדיג מאַלט און די קערענדלאַך פון דער מעדיצין וואָס ער לעגט אַריין אַזוי קונציג האָט מיך איבער־ראַשט און האָב באַשלאָסען די פאָרטזעצונגען יעדען שבת־צו־נאַכט צו הערען, און איך האָב זיי געהערט. פופציג שבת־צו־

נאַכטען, פופציג מלוה דמלכות האָט דאָס דערצעהלען פון דער „מעשה געלעסוויל״ געדויערט.

אָבער איך האָב ניט בלויז געהערט און דערנאָך פאַרגעסען, ניין! איך האָב יעדען שבת־צו־נאַכט מיר אַלעס וואָס איך האָב געהערט, פינקטליך אויפגעשריבען און טראָג מיך שוין אַזוי אַרום אַ יאָהר צייט מיט דער אויפגעשריבענער „**מעשה געלעסוויל**״ און איך שפּיל זיך, איך שפּיגעל זיך, איך אונ־טערהאַלט זיך מיט איהר, מיט דער טשיקאַווער קאָנטרי־קהלה, און מיט איהרע קאָמישע פיגורען.

אַמאָל זיץ איך אַזוי פאַרטראַכט און פאַרטיעפט אין מיינע געדאַנקען און דערזעה פאַר מיר שטעהן אַ באַקאַנט פּנים. ווער קען דאָס זיין? — קלעהר איך מיר. אָה, דאָס איז דאָך „דער גרינער רעוורענד וואָס קעמפּפט געגען דער געלער גע־פאַהר!״ ער קוקט אוים אויף מיר אין כעס צו זיין. פאַר וואָס? פאַר ווען? און ער, ווי ער וואָלט מיינע מחשבות געלעזען, זאָגט צו מיר:

„וואָס טראָגט איהר איך אַרום מיט מיין מעשה?״ (מעשה געלעסוויל). „איך האָב געהערט אַז איהר האָט פון איהר אַ גאַנצען בוך געמאַכט!״

„וואָס הייסט איך טראָג זיך אַרום? איך דערקוויק זיך יעדע מינוט מיט איהר!״ האָב איך איהם געענטפערט.

„אַליין דערקוויקט מען זיך ניט! איך האָב זיך אַליין אויך ניט געוואָלט דערקוויקען. איך האָב זי אַרויסגעגעבען, איך האָב זי דערצעהלט, אַז אַנדערע זאָלען זיך דערקוויקען״ — האָט מיר דער גרינער רעוורענד געענטפערט. און איהר האָט אַלעס אין אַ בוך פאַרשריבען, פאַרוואָס זאָלט איהר דאָס ניט אָפּדרוקען און יעדען איינעם דערלאַנגען, אַז אַנדערע זאָלען זיך אויך דער־קוויקען? !...״

על־כן, דערפאַר, מיינע ליעבע לעזער. בשם, אין נאָמען פון זיין הויכקייט, דעם גרינעם רעוורענד, קום איך צו אייך שטעל זיך פאַר אייער טיר און בעט אייך:

„הערט אייך איין וואָס איך האָב צו זאָגען: אַזוי ווי איך וויים, אַז איהר ווייסט מיט מיר אינאיינעם, אַז בכאַן אין אַמע־ריקא ווערען יעדען יאָהר, יעדען חודש, יעדע וואָך, און בכל עת ובכל שעה מיליאָנען און מיליאָנען געספענדעט אויף פאַר־שידענע שפּילערייען, אי פאַר קליינע, אי פאַר גרויסע, און אפילו פאַר די גאַר גאַנץ גרויסע אויך, און די אַלע שפּיעלערייען געהען אלע אַרוים פון דער מאָדע, דאַרף מען דאָך שוין ווידער פרישע, אָבער אין דער „מעשה געלעסוויל" האָט איהר אַ שפּיעל, וואָס שפּילט זיך דאָ כסדר, זינט אַמעריקא איז נתגלה געוואָרען, טאָ לאָזט די שפּיעל אין אייער הויז צווישען אייער פאַמיליע אַריין, איך פאַרזיכער אייך, אַז ווי ערנסט איהר זאָלט ניט זיין, איז ווען איהר וועט זעהן, ווי אייערע קינדער שפּיעלען זיך מיט „דעם גרינעם רעוורענד" לעזען, הייסט עס, די „מעשהגעלעסוויל", וועט איהר אַליין גרוים פאַרגעניגען האָבען, און נאָך עפּעס: ביי אַן אַנדער מין שפּיעל פאַרלירט אַלעם און אפשר איינער געווינט, אָבער צייט פאַרלירט יעדער איינער, אָבער אין דיעזער שפּיל פאַרדינט יעדערער און קיינער פאַרלירט ניט, אפילו די צייט באַצאָהלט זיך פאַר אַלעמען, לעזט עס נור איבער און איהר וועט זיך אין דעם שנעל איבערצייגען.

דער פּערפאַסער.

ערשטער קאַפּיטעל

די קאָנגרעגיישאָן אין געלעסוויל, פּאַ., גיט איהר רעווערענד דעם וועג. — אַ גרינער רעווערענד צו פּראָבע אויף שבת, געפעלט זעהר דעם עולם, אַ קאָמיטע מיט שימקע קאָכלעפעל אין דערמיט, פאָהרט מוצש״ק צו די רבנים אין שטאָדט פ., די רבנים זיינען מסכים צום גרינעם רעווערענד. שימקע וויל נאָך צו זיין רב אויך געהן, דאָרט איבערדרייט זיך אַ טעפּעל זויער-מילך. — שימקע געפינט אויס, אַז דער גרינער רעווערענד קען נעבאַך קיין ענגליש און ס'איז גאָר ניט דערפון"...

עס איז אייך, ליעבע יונגע פריינד, יעדען איינעם באַקאַנט אַז די קליינע קהלות אין אַמעריקא, די זאָגענאַנטע „קאָנטרי-קהלות", זיינען ניט אימשטאַנד צו האַלטען אַ באַזונדער רב, אַ באַזונדער חזן, אַ באַזונדער מלמד און אַ באַזונדער רעדנער, אָבער ווילען וויל מען דאָס אַלעס האָבען, דעריבער נעהמט זיך אַזאַ קאָנגרעגיישאָן אַ מאַן, וועלכער פאַראייניגט די אַלע דער-מאָנטע מעלות צוזאַמען און ער אַטענדעט שוין אַלעם אַלרייט, ער זינגט, ער זאָגט, ער דרשנ'ט און פסק'ענט. ער איז אַ איד אַ מטופל מיט אַ סך מלאכות...

נו, האָט פּאַסירט אין געלעסוויל, פּאַ., די פאָלגענדע גע-שיכטע: אַזוי ווי זייער רעווערענד האָט זיך ביי זיי אין אַ פּאָר יאָהר צייט שעהן „אַרויפגעאַרבייט" און איז אַן אמת'ער אָלרייטניק געוואָרען, האָט איהם די קאָנגרעגיישאָן ניט מעהר געגליכען און מען האָט איהם דעם וועג געגעבען. די קאָנג-רעגיישאָן האָט אַריינגעשטעלט אַן אַדווערטייזמענט אין די צייטונגען, אַז זי וויל האָבען אַ רעווערענד מיט אַלע מעלות. אויף שבת איז אַ גרינער רעווערענד געקומען צו פּראָבע, האָט

געדאַוונט און גוט אויסגענומען, אַ דרשה געזאָגט — נאָך מעהר געפעלען. איין מעמבער איז אָבער געווען אין דער קהלה, וועמען דער גרינער רעוורענד איז גאָרניט געפעלען, און דאָס איז געווען זיין אייגענער בעל מכנים אורח, צו וועמען די קאָנגרעגיישאָן האָט איהם אָנגעוויזען, ער זאָל דאָרטען עסען און שלאָפען. ער האָט געהייסען „שימקע קאָכלעפּעל“. דעם נאָמען האָט ער באַקומען דערפאַר, ווייל איבעראַל, וואו עס האָט זיך עפּעס געקאָכט ביי אַ מעמבער פון דער קאָנגרעגיישאָן איז ער געגאַנגען מישען, און וואו עס האָט ניט געקאָכט האָט ער אַליין פייער געמאַכט אַז ס'זאָל קאָכען, אַז ער זאָל האָבען אין וואָס צו מישען זיך... און אזוי ווי דער גרינער רעוורענד האָט איהם פּריוואַט ערקלעהרט, אַז ער עסט ניט קיין פליישיגס נאָר מילך־שפּייזען, און דאָס מוז אויך זיין פון אידישען געמעלק, אָדער פיש, הערינג, וכדומה, איז שימקע אויף דעם רעוורענד להשמיד ולהרוג געוואָרען (ווייל וואָס קען מען פאַר אַזאַ עסען רעכענען דער קאָנגרעגיישאָן?), און ער שרייט צום רעוורענד: „וואָס האָט איהר געזאָגט, ביי מיר איז טריף? מאַכט אייך נור ניט פאַר אַזאַ גרויסען צדיק אין פעלץ. איך קען שוין די וצדקתך'ס!“

„איהר מעגט זיי קענען! — האָט דער גרינער רעוורענד איהם געענטפערט. — איך עס אין ערגעץ ניט קיין פלייש, בלויז דאָס וואָס איך שעכט און קאָך פאַר זיך אַליין!“

„קאָן איך אייך שוין זאָגען — האָט שימקע קאָכלעפּעל מיט בייזקייט אין קול געזאָגט. — אַזוי ווי איהר וועט קאָכען, אַזוי וועט איהר עסען...“

„איהר האָט רעכט! האָט דער רעוורענד געזאָגט — איך וועל אייך נאָך עפּעס צולעגען — אַזוי ווי איך וועל מיר אויס־בעטען, אַזוי וועל איך שלאָפען!...“

„אייער בעט איז שוין געבעט!“ — האָט איהם שימקע געענטפערט.

„ניט דאָס בעט מיין איך! — האָט דער גרינער רעוורענד געזאָגט. — איך מיין דאָס בעט אויף יענער וועלט!“

„אַזוי, האַלט איהר נאָך פון די שטותים? זענט איהר ניט פאַר געלעסוויל!“

„אויב איך בין ניט פאַר געלעסוויל וועלען מיר זעהן. אָבער טאַקע דערפאַר וואָס איהר האַלט ניט פון די שטותים, טאָר איך טאַקע ביי אייך קיין פליישיגס ניט עסען!“ — האָט דער גרינער רעוורענד אומגעדולדיג געענטפערט.

שימקע קאַכלעפעל האָט פאַר כעס די ליפּען געביסען.

„נאָך דאָס פעהלט אונז דאָ! אַזעלכע גרינהאָרנס פאַר שוחטים!“ — האָט ער אונטער דער נאָז געברומט. — דער גרינער רעוורענד האָט הפנים ניט געוואוסט מיט וועמען ער האָט אַזוי גערעדט. ער האָט שוין געמעגט גוט דאַוונען און פיין רעדען, דאָס אַלעס האָט ניט געהאָלפען. אז שימקע קאַכלעפעל האָט זיין לאַנגע נאָז אַראָפּגעלאָזען איז געווען פאַרפאַלען. מיט שימקע׳ן האָט קיינער ניט געוואָלט זיך זאַטשעפּען. „אין זיין מויל — האָט יעדער געזאָגט — איז ניט גוט אַריינצופאַלען“. זיינע ווערטער זיינען געווען קייל׳עכדיג און שאַרף און אז ער האָט מיט אַ מענשען גערעדט, האָבען זיינע דיבורים׳לאַך אַזוי ווי קוילען פון אַ ביקס גראד אין האַרצען זיך אַריינגעריסען. ווינד און וועה איז דעם מענשען געווען, וועלכער האָט זיך אָנ־געטרויט איהם אָפּצוענטפערען. ער האָט געמעגט דער גרעס־טער גביר זיין — פון איהם האָט ער שוין ניט געקענט אָפּ־שניידען טרוקען... שימקע האָט געוואוסט וואָס עס טהוט זיך ביי יעדען מ׳עמבער פון דער קאָנגרעגיישאָן, סאַי אין ביזנעס סאַי אין פאַמיליען־לעבען, אַזוי גוט ווי ביי זיך אין דער היים, און אָפּטהון אימעצען אַ שפּיצעל, אַ ביזנעס צושטערען, אָדער אַ שידוך אָפּרעדען, אָדער אַבי־וואָס — „איז ביי איהם ווי אַ מזמור געגאַנגען“. אָט, למשל: ווען ער איז ערגעץ אין אַ

שטאָדט צו אַ רב אַריינגעקומען און דער „שטאָדט־רב“ האָט פאַרגעסען איהם צו זאָגען „ברוך הבא, ר׳ שימקע! וואָס מאַכט איהר? זעצט אייך!“ האָט ער זיך פאַר דעם רב׳ס פענסטער געשטעלט און בקול רם ובקול „וויסקי“ געזידעלט, אַז עס האָט זיך די גאַנצע סטריט אויף זיינע בייז־וואונדער צוזאַמענגעלאָפען, און דאַמאָלס האָט ער ווי אַ טרייב־מאַשין הונדערטער עבירות אין איין מינוט אויסגערעכנט און זיי טאַקע אויפ׳ן רב אויפ־געהאנגען. אָט אַזוי אַרום, איז ער מ׳יט יעדען רב פון שטאָדט, איינגעריסען געוועזן.

עס האָט אָבער געוואוינט אין דער נאָהענטער גרויסער שטאָדט פ. אַ רב אָהן אַ קהלה, דאָס הייסט אָהן אַ שוהל. ער איז אפילו געוועזן אַ תלמיד חכם, אָבער שכל איז ביי איהם געוועזן אַ דעליקאַטנער אַרטיקעל און ער האָט דערפון ניט פיעל געהאַט. עס פאַרשטעהט זיך, אַז ער האָט ניט געקענט זיך־צו־שלאָגען צו עפּעס אַ שוהל. דער רב האָט אפילו יעדען, ווער עס איז נור צו איהם געקומען, דעם גרעסטען כבוד אָפּגעגעבען, אָבער ווער עס איז ביי איהם איינמאָל געוועזן, האָט זיך מיט דעם צופיעל כבוד אַזוי איבערגעגעסען, דאָס ער איז מעהר צו דעם רב ניט געקומען. שימקע קאָכלעפעל האָט אָבער פאַר כבוד געהאַט אַ מאָגען פון מאָגען־לאַנד, צופיעל כבוד האָט זיין מאָגען ניט פאַרדאָרבען ווייל דאָס איז געוועזן זיין ליעבלינג־שפּייז און ווייל ער פלעגט דאָס אין ערגעץ ניט באַקומען, איז יענער רב געוועזן שימקע׳ס רב....

מוצאי שבת קודש האָט דער פּרעזידענט אַ קאָמיטע פון דריי מעמבערס מיט דעם גרינעם רעווערענד צו די רבנים פון דער שטאָדט פ... אַריינגעשיקט, אויסצוגעפינען אויב דער רעווע־רענד טויג. און אַזוי ווי אָהן שימקע׳ן איז גאָר ניט געוועזן, פאַרשטעהט זיך, אַז שימקע איז ביי דער קאָמיטע דער „ראש המדברים“, דער „העד־קוואָדער“ געוועזן, נאָר אַזוי ווי שימקע

איז מיט די רבנים קידער־ווידער געווען, האָט ער געלאָזט די קאָמיטע צו די רבנים אַליין געהן, און ווי נאָר ער האָט זיך דער וואוסט דערפון, אַז די רבנים לויבען שטאַרק דעם גרינעם רעוור־רענד, האָט ער צו זיין רב אויך געוואָלט געהן. די קאָמיטע האָט מסכים געווען און זיי זיינען אַלע צו שימקע׳ס רב אויך געגאַנגען. פונקט דאַמאָלס האָט זיך דער רב צו דער מלוה־דמלכא געוואַשען. דער רב מאַכט המוציא און זאָגט: „ברוך הבא ר׳ שימקע! וואָס האָט איהר אונז עפּעס גוטס צו זאָגען, אַזוי שפּעט אין דער נאַכט? ברוכים הבאים, געסט, זעצט אייך!“ שימקע דערצעהלט שנעל דעם תכלית נאָך וואָס ער איז מיט דער קאָמיטע פון דער קאָנגרעגיישאָן געלעסוויל, פּאַ., געקומען. דער רב הייסט זיך פון שוחט אַ חלף ווייזען. דער שוחט נעהמט אַרויס אַ חלף, באַקוקט איהם פריהער, דערנאָך גיט ער איהם דעם רב. דער רב ציהט אויס די האַנט דעם חלף בודק צו זיין און אין דערזועלבער מינוט שלאָגט ער דאָס טעפּעל זויערע מילך פון דער רביצינ׳ס האַנד אַרויס. פונקט אויף דעם רב׳ס קאַפּאָטע אַרויף. די רביצין שרייט צום רב: „ליימענער גולם! קענסטו ניט אַכטונג געבען?“ — און דער רב ענטפערט: „נו, נו! מוז דען דוקא זויער־מילך זיין צו מלוה־דמלכא?“ — וואָס, ר׳ שימקע, וואָס זאָגט איהר?“

„לעולם — ענטפערט שימקע — מוז טאַקע קיין זויער־מילך זיין, אָבער ביי מיר הייסט דאָס אַ ניט־גוטער סימן אויף דער פולער וואָך“. — און גיט אַ וואונק מיט איין אויג. און אַזוי ווי יעדער נאָר האָט זיך זיין שכל, האָט דער רב גלייך פאַר־שטאַנען וואָס שימקע מיינט, און גיט דעם גרינעם רעוורענד אַ פרעג: אַזוי איהר זייט נאָך אַ גרינער? מן הסתם קענט איהר דאָך קיין ענגליש ניט, טאָ ווי אַזוי ווילט איהר די שטעלע אַלס רעוורענד אין געלעסוויל אָננעהמען?“

און דער רעוורענד ענטפערט:

„איך מיין אַז ניט וועגען דעם איז די קאָמיטע צו אייך אַצונד געקומען, אַז איהר זאָלט אויסגעפינען, אויב איך קען ענגליש אָדער ניט. איהר באַדאַרפט אויסגעפינען אויב איך קען אַ חלף שטעלען אָדער ניט; אויב איך קען דיני שחיטה אָדער ניט, אָבער וואָס געהט אייך אָן, צי איך קען ענגליש אָדער ניט?“

„קוקט נאָר, קוקט! ער איז אַן עזות-פּנים אויך געגען דעם רבי׳ן, זאָל לעבען! דאָס איז פאַר אונז ניט קיין סחורה!“ — זאָגט שימקע. — „ניט געפידעלט, ר׳ איד!“

און די קאָמיטע מיט שימקע׳ן צוזאַמען זיינען אַהיים גע־פאָהרען נאָך געלעסוויל און דער גרינער רעווערענד איז אין שטאָדט געבליבען. אפילו די הוצאות האָט מען איהם אויך ניט באַצאָהלט.

צווייטער קאַפּיטעל.

זונטאג דריי אַזייגער נאָכמיטאג אַ מיטינג אין שוהל. אַ געלער רעווערענד צו פּראָבע. האָלט אַ מאָדערנעם ספּיטש און אַ לעסאָן מיט די קינדער, ווועלכער ענדיגט זיך: יעס רבי כלב, יעס רבי סוס....

צומאָרגענס, זונטאג צעהן אַזייגער אין דער פריה, קלאַפּט עמיצער ביים פּרעזידענט אין טיר. „קאם אין!" הערט זיך אַ קול פון דרינען. עס עפענט זיך די טיר. עס קומט אריין אַ מאַן מיט אַ גאַנץ מאָדערנעם געשטעל, ווייזט אויס ניט קיין גרינער. ער גריסט איהם אין ענגליש:

„האַו דו יו דו? זייט איהר מיסטער דזשאָן עכטפּאַרב?"

„יעס סער! וואָס ווינשט איהר?

„מאַי ניים איז רעווערענד קוועקזילבער!"

„האַו דו יו דו? און וואָס גוטעס וועט איהר זאָגען?"

„איך בין געקומען, — זאָגט דער געלער רעווערענד ווייטער, — וויילַ איך האָב געלעזען אייער אַדווערטייזמענט, אַז איהר דאַרפט אַ רעווערענד מיט אַלע מעלות, און אַזוי ווי איך באַזיץ אַלע מעלות וואָס אייער קאָנגרעגיישאָן פאַרלאַנגט, בין איך אָט אַזוי אַהער געקומען זיך אַביסעל אומקוקען."

„אָלרייט!" — ענטפערט דער פּרעזידענט מיסטער דזשאהן עכטפּאַרב — אַזוי ווי היינט איז צופעליג זונטאג, וועל איך צוזאַמענרופען אַלע מעמבערס אויף דריי אַזייגער נאָכמיטאג.

מיינע יונגע פריינדע! עס זאָל אייך קיין וואונדער ניט זיין, וואָס אונזער „געלער רעווערענד" איז גראַדע אום זונטאג און ניט אויף שבת געקומען? דאָס האָט צוויי אורזאַכען גע-

האט: ראשית, האָט אונזער געלער רעוורענד געהאַט אַ האַלב אָפּגעשטאָרבענע „קלאָדינג ביזנעס", אין אַ קאָנטרי שטעדטעל, און אַזוי ווי שבת איז אין אַמעריקא דער הויפּט „ביזי טאָג", האָט ער ניט געקענט אַוועק פון זיינע ביזנעס אויף שבת... והשנית: קען מען דאָך שבת חלילה מבויש ווערען, ווייל ווי געוועהנליך קומען דאָך שבת אין שוהל אַריין אַזעלכע בעלי-בתים, וואָס האָבען נאָך ליעב אַביסעל דאַוונען און זיינען גאָר אפשר מבינים, וואָס דאַוונען הייסט, איז טויג דאָס טאַקע ניט... זונטאַג, אָבער, איז שוין עפּעס אַנדערש, אַ גאַנץ אַנדער עולם קומט זיך זונטאג צוזאַמען און פאַר ד ע ם עולם האָט ער „סטאַק" גענוג.

וכך הוה, אונזער געלער רעוורענד האָט קיינע לאַנגע שהיות און קיין ברייטע הויות ניט געמאַכט, קיין אַפּליקיישאָן געשריבען, נאָר אַט אַזוי בלי טיבול ובלי ברכה, ניט באַרופען און ניט געמעלדעט, איז ער צום פּרעזידענט זונטאַג אין דער פריה אַריינגעקומען און נאָכדעם ווי ער האָט זיך עכט-אַמעריקאַניש — ניט ווי עפּעס אַ גרינער, פאָרגעשטעלט, און דער פּרעזידענט האָט איהם פון אויבען ביז אַרונטער באַטראַכט: ס'איז ניט חלילה געוועזען עפּעס אַן אידליק מיט אַ באָרד, נאָר טאַקע גאַנץ קלין אָפּגעשייווט, קוים-קוים אַ זכר פון אַ קליין קמצ'ל, וועלכער איז אויך נאָר צופעליג פון'ם יעצטיגען שעיווען איבערגעבליבען, ער טראָגט אַ שטרויענע הוט, געלע האַלב-שיך, ווייסע „סילקענע סאָקס" און קנאַקט ענגליש ווי אַ האָז ניסלאַך, אַזש אַ רויך געהט. עס איז אַלזאָ קיין וואונדער ניט, ווען אונזער פּרעזידענט, מיסטער דזשאָהן עכטפּאַרב, האָט זיך ממש אין דעם פיינעם מאָן פאַרליעבט...

באַלד איז ער צו צום טעלעפאָן און האָט אָנגעהויבען אָפּצורופען: „דזשעק, סעם, טשאַרלי, דייווו, א. אַז. וו., אַלע בעלי-בתים, זאָגענדיג: אַזוי ווי עס איז געקומען אַ „ניים-מען" און

וויל ביי אונזער קאָנגרעגיישאָן דעם דזשאָב אָננעהמען, זאָלט איהר, פליעז היינט דריי אַזייגער „עפּטער-דינער" מיט אייער מ׳יסעס און מיט אייערע קינדערלאַך אין שוהל זיין".

„שור וועל איך דאָרט זיין, איך וועל נאָך מיטרופען יעדען איינעם וואָס איך וועל קענען", האָט יעדער פון זיי געענטפערט. און דריי אַזייגער זיינען טאַקע אַלע מעמבערס צוזאַמען מיט די מעמבערקעס און מיט די קינדער אין שוהל געווען.

אין שוהל האָט שוין דעם „אויבען-אָן" אונזער גע̇לער רעוו-רענד קוועקזילבער, אָדער ווי דער פּרעזידענט האָט איהם גע-רופען דער „ניים-מען", פאַרנומען. יעדע אויג, יעדער בליק, פון אַלע זייטען איז צו אונזער ניים-מען געריכטעט געווען, און ער, דער רעווערענד איז געווען ניש-קשה׳דיג געדרעסט, אַ שעהנעם „פּרינץ אַלבערט", אַ ווייסע נעקטאַי, אַ ווייסע וועסט, אַ ווייסע פּאַרפיומירטע טאַשענטוך שטעקט און שמעקט אַרויס פון זיין אויבערשטען פּאַקעט, אויף זיין נאָז האָט ער נאָבעלע גאָלדענע ספּעקס געהאַט, און שנעע-ווייסע ציינער (זיינע אייגענע, וואָס ער האָט ערשט נעכטען אום שבת-קודש דעם דענטיסט באַצאָהלט פאַר זיי) לייכטען אַרויס פון זיין עטוואָס געעפענטען מויל, פון וועלכען אַן אנגענעהמער טשואינג-גאָם גערוך שמעקט אַרויס. מיט איין וואָרט: אַ שמעקעדיגער יונגער-מאַן... אונזער רעווערענד גיט אַ קוק און דערזעהט, אַז דער גאַנצער עולם איז שוין צוזאַמען, אנשים ונשים וטף, מענער, פרויען און קינדער, וואַרפט ער אַ שמייכעלדיגען בליק אויף דער זייט וואו די ליידיס זיצען און מיט אַ לייכטער חן׳עוודיגער באַוועגונג הויבט ער זיך אויף פון זיין פּלאַץ און געהט אַליין אַרויף אויף דער בימה, קוקט זיין עולם גראַד אין די אויגען, בליקט רעכטס, בליקט לינקס אַן עלטערער גרינער מעמבער, ר׳ שלום אייזענשטאַרק, ניט לאַנג פון קיעוו געקומען, מאַכט דערויף אַ שטילע באַ-מערקונג: „ויפן כה וכה וירא כי אין איש, וועלכער זאָל איהם

ארויסוואַרפען און רוקען־און־לענד צובערעכען"). אין שוהל איז לכבוד דעם גאַסט שטיל געוואָרען, מען האָט אפילו דאָס האַרץ־קלאַפּען ביי דעם רעוורענד געקענט הערען.

ער עפענט זיין שעהן־באַפּוצטען מויל, עס זעהען זיך ווידער זיינע אייגענע גאַנץ־אויסגעצאָהלטע שנעע־ווייסע צייהן אַרויס, ער שטעקט ביידע הענט אַריין אין די הויזען־פּאַקעטס און מיט אַ שמייכעלדיגען פּנים הויבט ער אָן זיין ספּיטש וועלכער קלינגט אין אידישען ווי פאָלגט:

„ליידים און דזשענטעלמען! עס מאַכט מיר אַן אמת׳ן פּלעזשור דאָס איך האָב דאָס פערגעניגען אויף דיעזען פּלעים צו אייך צו רעדען. איך האָב שוין לאַנג געהערט פון אייער גוטען שם, באַזונדערס דעם גוטען שם פון די היגע ליידיס, פון וועלכען פאַקט איך האָב זיך אַצינד איבערצייגט, אַז צו דער עלעקשאָן פון אַ גייסטיגען אידישען פיהרער זיינען זיי פּונקט אַזוי צוזאַמענגעקומען ווי זייערע מענער און האָבען זייערע אַלע בריליאַנטען, זייערע קינדערלאַך, אויך מיטגעבראַכט...

„ליידים! איך ווענד זיך אַצונד צו אייער אמת־אידישער האַרץ, איך ווענד זיך צו אייך, אַלס צו די דאָזיגע עדעלע מאַמעס פון אונזער צוקונפטיגער דזשענערייטשאָן, וואָס ווייסען יאָ, וואָס עס הייסט קינדער־ערציהען, באַזונדערס דאָ, אין אונזער פרייען אַמעריקא, וואו אונזערע קינדערלאַך וואַקסען אוים מיט אַ פרייען גייסטט און מיט אַ קלאָהרען שכל: פריי פון פאַנאַטיזם און קלאָהר פון „אַלט־סטייליזם" איז דאָס גרעסטע פאַרברעכען זיי צו מוטשען און צו נודיען ביי אַ „גרינעם מלמד", ווי דער וואָס כ׳האָב געהערט, אַז ער איז ביי אייך נעכטען צו פראָבע געוועזען".

(דאַט׳ס־טרו, דאַט׳ס־טרו, — הערט זיך פון אַלע זייטען)

„מען קען מעהר דעם יונגען דור קיינע נאַרישקייטען ניט איינריידען, — זאָגט דער רעוורענד, — מען קען אונזערע קליינע קינדער ניט מעהר אויף די אַלטע מעטאָדעס שעה׳נווייז לאָזען

זאָגען עברי, חומש מיט רש״י, מיט די ואני בבואי מפדנ׳ס אין זייערע קעפּלאך אַריינקלאַפּען. דאָס געהט דאָ ניט מעהר! נייע צייטען — נייע מעטאָדעס! יאַ, דאָס ווערט היינט פאַרלאַנגט: קינדער מוזען וויסען אין סקוהל פאַר וועמען זיי זיצען, און מוזען טאַקע ווי סאָלדאַטען פאַר זייער גענעראַל, פאַר זייער רבי׳ן אין קלאַס זיצען, ווייל „דרך ארץ קדמה לתורה״ — ניט אַזוי ווי אין די אַלטע פאַרשימעלטע חדרים! מיר לעבען ניט מעהר אין די אַלטע צייטען, וואָס אידען האָבען זייער הויפּטצייט פאַרבראַכט אין די בתי־מדרשים מיט׳ן געדאַווענאַכץ, מיט חצות־אָפּריכטאַכץ, מיט שערי־ציון זאָגעכץ, מיט תהלים געזינגעכץ, מיט שאָקלען זיך ביי דער גמרא און מיט אַ ניגון געלערנעכץ און מיט איין פּאָר תפילין איז נאָך ניט גענוג געוועזען, נאָר מיט צוויי פּאָר תפילין! מיר לעבען היינט אין פּראַקטישע צייטען, מען קוקט פון וואָס מען קען אַ לעבען מאַכען, דאַט׳ס אָל! מיר זיינען דאַרויף געקומען, אַז מיר מוזען אפילו אין איין פּאָר תפילין אויך ניט דאַווענען — לב טוב מכריע את כולן, אַ גוט אידיש האַרץ, דאַט׳ס אָל!״

(דאַט׳ס טרו, דאַט׳ס טרו! בראַוואָ! מען פּאַטשט, מען אַפּלאָדירט פון אַלע זייטען).

„מיר מוזען די הויפּט־זאַך פאַר אונזערע אויגען האַלטען, און ווייסט איהר וואָס דאָס זאָל זיין? — דעם נאַציאָנאַלען געפיהל אונזערע קינדער איבערגעבען, אַביסעל עברית בעברית, אידישע היסטאָריע, דאַט׳ס אָל! מען טאָר די עדעלע קינדערשע קעפּעלאַך מיט פאַנאַטישע שטותים ניט פאַרקלאַפּען. (אַזוי איז עס! אַזוי איז עס! דאַט׳ס טרו, דאַט׳ס טרו!) מיט איין וואָרט: מיט אַמעריקאַנער קינדער מוז מען לערנען, דאָס זיי זאָלען אַן אינטערעסע האָבען, מיר טאָרען ניט געהן צוריק! אויף איין פלעים בלייבען שטעהן טאָרען מיר אויך ניט! די זון שטעהט אויך ניט אויף איין פלעים, די ערד שטעהט אויך ניט! אַז אונ־

זערע אַלטע זיינען „אַלט סטײלישע“ פאַנאַטישע אידען געווען, מוזען מיר אויך אַזוי בלייבען? אַוועק מיט די מיאוס׳ע נאַריש־קייטען פון אונזערע קינדער׳ס קעפּעלאַך! מאַכט זיי פריי די געדאַנקען! אויב ניט — וועלען זיי זיך אַליין פריי מאַכען, זיי וועלען פאַראויסגעהן און די טאַטעס מיט די מאַמעס וועלען צוריק בלייבען!“ (דאַט׳ס טרו! שאָקלען אַלע מיט די קעפּ).

נאָכ׳ן שטיל ווערען, רעדט דער געלער רעווערענד ווייטער:

„לײדיס און דזשענטעלמען! אַט וויל איך אייך אַ סעמפּעל צייגען, ווי קינדער באַדאַרפען אין קלאַס צו זיצען. (ער רופט אַ קליין באַטשיקעל פון זיין מוטער אַוועק).

„קאַם היער, דאַרלינג! ווהאַט איז יור ניים?

„מיי ניים איז היימי“.

„דאַט׳ס רייט, היימי. סיט־דאַון היער!“

„ענד ווהאַט איז יור ניים?“

„מיי ניים איז סידני“.

„אָל־רייט, סידני, סיט־דאַון היער!“

„ענד ווהאַט איז יור ניים?“

„מיי ניים איז דזשעקי“.

„דאַט׳ס רייט, דזשעקי, סיט־דאַון היער!“

און אַזוי כסדר, ביז אַלע קינדער האָבען זיך שעהן אויס־געזעצט און צוטהיילט אין צוויי קלאַסען: די גרויסע באַיעם אַ זעקס־און־צוואַנציג אין איין זייט און די קליינע באַטשיקלאַך און גוירל׳לאַך אַ פערציג, אויף דער אַנדער זייט.

רעווערענד קוועקזילבער רופט דעם קליינעם היימי פון קלאַס אַרויס און מאַהלט אויס אויף דעם גרויסען שרייב־טאָוועל (דאַס איז שוין געווען „דאַון־סטעירז“ אין חדר) צוויי פּיקטשורס פון זיין נייעם מעטאָדע־בוך, און פרעגט:

„היימי, ווהאַט איז טהיס?“

„טהיס איז ע האָרס.“

„ענד וואַט איז טהים?“

„טהים איז עי דאַג“.

„דאַט׳ס רייט היימי. ענד וואַט איז עי האָרס ענד עי דאַג אין היברו?“

„אַי דאָנט נאָו“ — זאָגט דער קליינער היימי.

„ליסן היימי! האָרס איז „סוס“ ענד דאַג איז „כלב“ אין היברו. דו יו אַנדערסטענד, היימי?“

„יעס, רבי סוס! יעס, רבי כלב!“ ענטפערט היימי, (בראַוואָ, בראַוואָ! מען פּאַטשט, מען לאַכט, מען אַפּלאָדירט. ריזיגער בייפאַל).

„אוי, אַ געזונד אין דיר, היימי באַם! — זאָגט ר׳ שלום אייזענשטאַרק, — דו האָסט צוגעטראָפען וואָס דער רבי איז. זינט דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרען איז די נבואה גע־געבען געוואָרען צו די שוטים און צו די קליינע היימילאַך...“

דריטער קאַפּיטעל.

פּיוערדיגע מיטינגען ווערען אָפּגעהאַלטען: די געלעסווילער קאָנגרעגיישאָן פון איין זייט און די ליידיס עקזילערי פון דער צווייטער זייט. — ליזי שפּיעלפויגעל, די סעקרעטערקע, ערשיינט מיט אַ קאָמיטע ביי דער מיטינג פון דער קאָנגרעגיישאָן אַלס פאַרטרעטערקעס פון דער ליידיס עקזילערי, פערלאַנגען אַז רעווערענד קוועקזילבער זאָל עלעקטעד ווערען, דער פּרעזידענט פאַרשפּרעכט זיי. — אַ מאָושאָן ווערט געמאַכט אַז אַ פּיקניק מיט אַ דענס זאָל דעם צווייטען זונטאג אָפּגעהאַלטען ווערען, ר׳ שלום דער גרינער, פּראָטעסטירט אי געגען רעווערענד קוועקזילבער, אי געגען דעם פּיקניק. ער געפינט אויס אַז פּונקט דעמאָלס איז תשעה באב׳ שימקע קאַבלעפּעל געפינט אויס אַז דער תשעה באב איז אַ נדחה, און מען פּעסט אַז דער פּיקניק זאָל אָפּגעהאַלטען ווערען — רעווערענד קוועקזילבער וועט מען לאָזען מיט די רבנים מנסך (מנסה) זיין...

הקיצור די מעמבערס האָבען זיך צוזעצט, דעם מיטינג צו אָפּהאַלטען. אין איין האַל די מענער און אין צווייטען האַל די פרויען, אָבער דאָס מאָל האָבען זיך די פרויען גע׳בריה׳ט און פריהער פאַרטיג געוואָרען מיט זייער רעזאָלושאָן. זיי האָבען אַ קאָמיטע עלעקטעט פון דריי פרויען און צווישען זיי מיסעס ליזי שפּילפאָגעל די סעקרעטערקע, וועלכע זיינען צו דעם מיטינג פון די מענער אריינגעגאַנגען און האָבען זייער רעזאָלושאָן פאַר קהל פאָרגעלעגט, לאמר, אַזוי צו זאָגען:

„בראָטהער פּרעזידענט ענד בראָטהערס! אַלס קאָמיטע פון דער ליידיס עקזילערי, זיינען מיר געקומען אייך זאָגען, אַז מיר האָבען געפּעסט אַז דער רעווערענד קוועקזילבער מוז

עלעקטעט ווערען, און אַזוי ווי מיר זיינען אין די האַרי צוריק צום „קאַרד פּלעי, ווילען מיר וויסען וואו מיר האַלטען!“

„מיסעס שפּיעלפאָגעל ענד ליידים! — ענטפערט דער פּרעזידענט, — איהר קענט זיי שוין זאָגען, אַז ס׳וועט זיין אָל־רייט! מיר זיינען „גוד באָים“ און מיר ווייסען אונזער פליכט צו די ליידים...“

„מיר ווילען אָבער וויסען אויף שור“, — האָט מיסעס שפּיעלפאָגעל געזאָגט.

„איהר קענט געזיכערט זיין אויף שור! ווייל איך האַלט מיט אייך. מעהר דאַרף איך אייך ניט זאָגען!“ — האָט דער פּרעזידענט געענטפערט. און די קאָמיטע מיט ליזי שפּילפאָגעל בראש זיינען אַרויס צופרידען מיט׳ן פּרעזידענט׳ס ענטפער.

דער פּרעזידענט גיט אַ קלאַפּ מיט׳ן האַמער און זאָגט:

„בראַטהערס! איהר האָט דאָך געהערט וואָס די ליידים ווילען! דאַרפט איהר וויסען, אַז מיר מוזען זיך מיט זייער ווילען רעכענען! אַגענסט זיי דאַרפען מיר ניט אַרבייטען!“

„שור! שור! — האָט יעדער איינער געזאָגט.

„אַוודאי, אודאי מוז מען טהון אַזוי ווי די ליידים ווילען! אַז זיי גלייכען איהם מוז איהם קהל אויפנעהמען, אַזוי שטעהט טאַקע אין שולחן ערוך!“ — שרייט אַריין ר׳ שלום אייזענשטאַרק דער גרינער.

„צו אָרדער, ר׳ שלום! איך האָב אייך דאָס וואָרט ניט געגעבען, איהר האָט קיין רעכט ניט צו ריידען!“ — קלאַפּט מיט׳ן האַמער דער פּרעזידענט, און רעדט ווייטער:

„אַט האָבען זיי אונז אַנומעלט דעם בענעפיט פון זייער „קאַרד פּאַרטי און פון זייער באָל אַוועקגעגעבען און פון זונטאג איבער צוויי וואָכען מאַכען זיי ווידער אַ פּיק־ניק און אַ דענס און דעם בענעפיט וועלען זיי אונז ווידער אָפּגעבען“.

„וואָס הייסט דאָס: פון זונטאג איבער צוויי וואָכען אַ פיק־ניק מיט אַ דענס?!“ — שרייט ר׳ שלום אייזענשטאַרק, דער גרינער צום פּרעזידענט.

„צו אָרדער, ר׳ שלום! — שרייט דער פּרעזידענט און קלאַפּט מיט׳ן האַמער.

„וואָס הייסט? אזוי הייסט עס! אַ פיק־ניק מיט אַ טאַנץ, ווי אין פּסוק שטעהט!“ — ענטפערט שימקע קאַכלעפּעל.

„אין וועלכען פּסוק שטעהט דאָס, אַז פּונקט אויסגערעכענט פון זונטאג איבער צוויי וואָכען זאָל זיין אַ פיק־ניק מיט אַ טאַנץ — וואָס איז דעמאָלט די שמחה מיט אייך?“ — פרעגט ר׳ שלום.

„אין וועלכען פּסוק שטעהט דאָס, אַז עס דאַרף פון זונטאג איבער צוויי וואָכען אַרום קיין פיק־ניק ניט זיין?“ — פרעגט שימקע.

„ס׳איז דאָך עפּעס תשעה באב דעמאָלט, צו ניין?“ — זאָגט פאַרביטערט ר׳ שלום אייזענשטאַרק.

שימקע קאַכלעפּעל זוכט אין זיין קעשענע און נעהמט אַרויס אַ קליינעם לוח, קוקט און קוקט און גיט זיך אַ בייזער.

„ווהאַט איז די מעטער וויטה יו? ר׳ שלום! דער תשעה באב איז דאָך אַ נדחה!“

„איז וואָס?“ — פרעגט ר׳ שלום.

„איז עבר זמן בטל קרבנו — עובר דער טערמין, בטל געוואָרען דער קרבן!“ — לאַכט שימקע כע, כע, כע! צו וואָס כסדר קלאָגען און קלאָגען?“

„אַז קלאָגען זאָל מען שוין נאָך אַלע שונאי ציון!“ — קרעכצט ר׳ שלום.

„בראַטהערס! — זאָגט ווייטער דער פּרעזידענט, — איך וויל האָפען, אַז יעדער בראַטהער וועט אונזערע שוועסטערן צוהעלפען, אַז דער פיק־ניק זאָל זיין אַ סוקסעס.

ש„ר, שור, ווֶעלען מיר אַלע צוהעלפען!“ — האָבען אַלע צוגעשטימט.

אַצונד וועט איהר מוחל זיין און אַריינרופען דעם רעווֶ־רענד! — זאָגט דער פּרעזידענט צו שימקע קאַכלעפּעל, לאָמיר הערען וואָס ער פערלאַנגט!“

(דאָ אין אַמעריקע, אין די קאַנטרי קהלות, איז פאַרקעהרט, ניט קהל זאָגט וואָס מען צאָהלט, נור דער רעוורענד מאַכט דעם פּרייז).

„ווער עס איז אַגענסט זאָל זיך אויפשטעלען! — זאָגט דער פּרעזידענט.

ר׳ שלום אַליין שטעלט זיך אויף.

„איינער איז קיינער!“ — האָט דער פרעזידענט געזאָגט מיט אַ שמייכעל, און אַלע קוקען אויף דעם גרינעם ר׳ שלום מיט אַ שמייכעל פון ביטול.

שימקע קאַכלעפּעל לויפט שנעל אויפצוזוכען דעם נייעם רעוורענד און עס האָט לאַנג ניט גענומען, איז ער מיט איהם אַריינגעקומען.

„רעוורענד! איהר האָט ביי אונז אויסגענומען! נו, וואָס ווילט איהר אונז טשאַרדזשען פאַר אייער קונץ?“ — זאָגט צו איהם דער פּרעזידענט.

ניט פיעל! ענטפערט דער רעוורענד. — בלויז פינף־און־זיבעציג דאָלער אַ וואָך, און אז איהר וועט מיך גוט טריטען וועלען מיר פון היינט איבער אַ יאָהר ווייטער האַנדלען. היינט גיט איהר מיר אַן אַגרימענט בלויז אויף איין יאָהר, דאַט׳ס אָל!“

„און וואָס האָט איהר נאָך צו פאַרקויפען אויסער טיטשע־ריי?“ — פרעגט שימקע דער קאַכלעפּעל.

„וואָס האָב איך נאָך צו פאַרקויפען? — ענטפערט דער רעוורענד מיט אַ פראַגע — איך האָב צו פאַרקויפען מוהל־שאַפט, איך בין טאַקע אַ פוירסט־קלעס מוהל, דערנאָך בין איך אַ גוטער

דאַוונער — ניט קיין ראַטהמאַן, — אָבער פאַר אַ קאַנטרי קהלה גענוג חזן, און צו אַלעם לעצטען בין איך דאָך עפּעס אַ שוחט אויך!"

„דאָס הייסט, צו אַלעם לעצטען אַ שוחט!" — זאָגט ר' שלום אייזענשטאַרק, דער גרינער, — „אַ ביטערניש מיט אַמעריקא און מיט זייערע שוחטים!" — ברומט ער זיך צו...

דער סעקרעטער הויבט אָן צו רעכענען און שרייבט מיט אַ פּענסיל.

שחיטה קומט אַריין אַ וואָך — — — — — — — —	40.00
סיטס אין שוהל אַ יאָהר 1200 דאָלער — — — — —	25.00
מעמבער־דיום — — — — — — — — — — — — — —	30.00
חדר־געלד פון זיבערע זעכציג קינדער — — — — —	30.00
צוזאַמען אינקאָם אַ וואָך — — — — — — — — — —	125.00

דאַגעגען זיינען די אויסגאַבען:

ריפּיירינג אַ יאָהר — — — — — — — — — — — —	200.00
עלעקטריק, גאַז אונע וואַסער אַ יאָהר — — — — —	200.00
אַנדערע אויסגאַבען אַ יאָהר — — — — — — — — —	500.00
צוזאַמען אַ יאָהר — — — — — — — — — — — — —	900.00
דאָס הייסט אויסגאַבען לערך וועכענטליך — —	18.00

„דאָס הייסט, — זאָגט שימקע קאָכלעפעל מיט אַ צופרידען פנים: — די קאָנגרעגיישאָן קומט נאָך אַרוים מיט אַ ריוח פון עטליכע און דרייסיג דאָלער, אַ חוץ דעם רעווערענדס געהאַלט! פיין, פיין!" — ער רייבט זיך די הענט.

„בראַטהערס ! — שרייט אוים דער פרעזידענט צו די מעמ־בערס — איהר דאַרפט היינט שנאַפּס ברענגען לכבוד דער שמחה מיט דעם כאַפּ, וואָס איך האָב אין דעם מאַן געטהון !"

„אַז מען כאַפּט בריהט מען זיך אָפּ !" — רעדט אַריין ר׳ שלום אייזענשטאַרק.

„איך מיין, אַז מיר קענען שטאָלץ זיין אויף דעם מאַן !"

„אמת ! אמת !" — זאָגט יעדערער מיט שמחה. — דעם מאַן מוז מען עלעקטען !"

מיט אַמאָל שטעלט זיך דער הויכער ר׳ שלום אויף דער באַנק אַרויף, און אַזוי הויך ווי ער איז, האַלט ער נאָך זיין האַנט אויפגעהויבען אַלס צייכען פון פראָטעסט, זיין פנים איז פאַר־פלאַמט, די אויגען שפּריצען פייער. עס ווייזט אוים, אַז ער וויל זיך מיט דער גרויסע מציאה גאַרנישט פרעהען. ער גיט אַ טיעפען קרעכץ און זאָגט :

„מיסטער פרעזידענט, איך פאַרלאַנג דאָס וואָרט !"

„אָל־רייט !" מאַכט דער פרעזידענט צו ר׳ שלום׳ן, אַלס צייכען, דאָס ער קען ריידען.

„וואָס וויל ער ! וואָס וויל ער, אָט דער גרינער ? (קולות פון אַלע זייטען).

דער פרעזידענט קלאַפּט כסדר מיט׳ן האַמער און עס ווערט שטיל.

און ר׳ שלום הויבט אָן צו רעדען :

(פון אַלע זייטען הערען זיך שטימען : „וואָס וויל ער שוין ווידער, דער גרינער? וואָס וויל ער ?).

דער פרעזידענט קלאַפּט מיט׳ן האַמער אויף תולה ארץ און עס ווערט שטיל.

„מיסטער פרעזידענט !" — הויבט ר׳ שלום אָן רעדען. (דער עולם לאַכט, ווייל „על פי דין" מוז אַ מעמבער זאָגען „בראַטהער פרעזידענט", „ער איז דאָך אָבער אַ גרינער" — זאָגען די שוין־

אויסגעגרינטע מעמבערם מיט א ביטול), און ר׳ שלום זעצט פאר זיין רעדע: „אזוי ווי איך בין טאקע א גרינער און וויל טאקע א גרינער פארבלייבען, אבער ביי אייך האב איך דערפאר א קליינע דעה, וואלט איך געדארפט גאר שווייגען, איא? (שור! שור! — הערט זיך פון אלע זייטען), אבער ווערליג איך זעה האלט איהר שוין טאקע ביי א שוחט אויפנעהמען און איהר דארפט דאס אזוי גוט וויסען ווי איך, אז א שוחט איז אין א קהלה דאס הויפט-אידישקייט, קען איך זיך ניט איינהאלטען און שווייגען (קולות פון אלע זייטען: ווען שווייגט איהר יא? ווען שווייגט ער יא?) אמת, איך שווייג טאקע קיינמאל נישט, אבער אצונד מוז איך שוין שרייען! איא איהר פרייט זיך מיט אייער מציאה? טאקע זעהר שעהן פון אייך, איהר האט שוין אלעס וואס איהר דארפט האבען, — אבער וואו האט איהר א שוחט? איך זעה נאך ניט קיין שוחט! פרעג איך אייך: וואס וועט זיין מכח א שוחט?" „אויסרופען פון אלע זייטען: קוקט נאר אן דעם גרינעם! דער דזשענטעלמאן געפעהלט איהם גאר ניט. זאל ער געהן קיין יוראפ, דארטען וועט ער האבען אזא שוחט ווי ער וויל!)

„איהר האט א טעות, ברידערלאך! ניט מיר דארף דער שוחט געפעלען, נאר די עהרליכע רבנים!" — זאגט ר׳ שלום.

„ווייסט איהר וואס, ר׳ שלום! — זאגט דער פרעזידענט. — אלרייט! מיר וועלען א קאמיטע אפאינטען, וועלכע זאל מיט אונזער רעווערענד צו די רבנים אריינגעהן און זיי, די רבנים מ׳יין איך, וועלען אונזער רעווערענד „מנסך" זיין. נו, זייט איהר שוין צופרידען?"

„וועט ער דאך זיין נסך? — זאגט ר׳ שלום און לאכט, — איהר מיינט אודאי „מנסה-זיין", נור זאל זיין אזוי צו זעהן זיך מיט די רבנים.

פערטער קאַפּיטעל.

די פרומע רבנים פון פ., קענען רעוו. קוועקזילבער פאַר אַ חטאת, זאָגען אַז זיין שחיטה איז נבלה. רעוו. קוועקזילבער טענה׳ט: „וואָס איז געווען, איז געווען, היינט בין איך שוין אַ בעל תשובה״....

ליזי שפּיעלפאָגעל די סעקרעטערקע פון די לײדיעס איוד סאָסייעטי ווערט „אַ העד־קוואָטהער״ פון אַ קאָמיטע, וואָס באַשטעהט פון פינף־און־צוואַנציג ווייבער און זיי געהען אַריין צו די רבנים פּראָטעסטי־רען געגען די עולות וואָס זיי באַגעהן געגען פרויען־רעכטע, וואָס מען שטערט זיי צו קענען עלעקטען דעם וואָס זיי גלייכען (אין איוראָפּא וויל מען און אין אַמעריקא גלייבט מען). — רעוו. קוועקזילבער ווערט עלעקטעד.

אַ קאָמיטע איז ערוועהלט געוואָרען, וואָס זאָל מיט רעוו. קוועקזילבער צו די רבנים קיין פ. אַריינפאָהרען און מען איז טאַקע צומאָרגענס, ניין אַ זייגער אין דער פריה, אין שטאָדט געווען. די קאָמיטע איז געגאַנגען צו איין רב, צום צווייטען, צום דריטען און אפילו צום פערטען אויך און צום לעצטען צו שימקע קאָכלעפעל׳ס רב אויך, און כולם בפה אחד — אַלע רבנים זאָגען, אַז ער איז אַ חטאת און אַז זיין שחיטה איז נבלה. שימקע קאָכלעפעל לאָזט זיך ניט, ער שטעלט זיך אונטער זיין רב׳ס פענסטער און געוואָלדעוועט: „אַלע רבנים וואָלט מען געדאַרפט אָט אַזוי ווי זיי געהען און שטעהען „השיבנו נאַזאַד״— צוריק עקספּעדירען קיין יוראָפּ! אַ חוצפה וואָס קען זיך פאַר־לויפען! נאַ דיר רבנים צום טיש! זיי וואוינען אין פ. און מיר וואוינען אין געלעסוויל, און זיי ווילען זייער ממשלה איבער אונזער קהל אויך אויסשפּרייטען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט אראפגעלאזענע נעזער איז די קאמיטע מיט שימקע קאכלעפעל בראש אהיים געקומען און פאר דער מיטינג באריכטעט, אז עס איז ניט אזוי פויגעלדיג: די רבנים זאגען אלע, אז רעוו. קוועקזילבער דארף קיין שוחט ניט זיין...

„מיר זענען אויך אזעלכע חטאתים ווי רעווערענד קוועקזילבער! — זאגט שימקע קאכלעפעל — פאר וואס נעהמען זיי ביי אונז געלד?“

„געלויבט איז דער באשעפער, אז מען טרעפט נאך אין אן אמעריקאנער שטאדט פינף רבנים וואס לאזען ניט א חטאת א שוחט צו זיין — זאגט ר׳ שלום אייזענשטארק. — ניש־קשה, דער אויבערשטער וועט נאך העלפען, מיר׳ן נאך אפשר א שטיקעל פלייש עסען. ניט געזארגט! לא אלמן ישראל!“ (דער עולם לאכט פון דעם גרינעם).

„אבער איהר זייט דאך ניט קיין נאר, ר׳ שימקע! — זאגט דער פרעזידענט. — פארוואס זייט איהר צו אייער רב ניט צוגעגאנגען?“

„וואס הייסט דאס עפעס איך בין ניט געגאנגען? כ׳בין אודאי יא געגאנגען!“ — זאגט שימקע.

„נו?“ — פרעגט דער פרעזידענט.

„נו, מאכט המוציא! איהר ווייסט ניט? אזוי לאנג שלאגען זיך די מוזשיקעס אין קרעטשמע, ביז זיי גלייכען זיך אויס, אז אלע צוזאמען זאלען בשותפות שלאגען אידען. מיט איין ווארט: שאנדרע באנדרע איינס מיט ס׳אנדערע. כ׳האב יא עפעס געהאלטען פון מיין רב. אבער אצונד זאג איך אייך, אז ער איז ניט בעסער פון די אנדערע רבנים. ווען עס האלט ביי א שוחט אויפנעהמען, צייגען זיי גבורה, אנו, זאלען זיי מיר ווייזען, מיר צו אסר׳ן אין סטאר שבת צו שטעהן! אזא, דאס קענען זיי ניט? — כאפען זיי א שוויג. אבער קעגען אן ארימען שוחט, וואס האט אמאל זיין סטאר אפען געהאלטען

שבת, זיינען זיי גרייט איהם צו ממית׳ן. מיר זענען די מ׳עמבערס אונז קאסט אפ די שווערע געלד און זיי ווילען גאר האבען די דעה! — נו, פרעג איך אייך, איז פאראן אמת אין אמעריקא?״

„גיט זיי געלד פאר אתרוגים, גיט זיי געלד פאר חמץ פאר־קויפען, גיט זיי געלד פאר זייערע חיבורים, פילט זיי אן די קעשענעס! און טאמער קומט אמאל אוים, אז מען דארף צו זיי אנקומען, איז א נעכטיגער טאג! אין רחמים בקארטען! איך וועל זייער שוועל מעהר נים אריבערטרעטען! מיין סענט וועלען זיי מעהר ניט זעהן!״

(דער עולם לאכט פון שימקע׳ס היצען־זיך).

„טאטע דו לאכסט? א וועה צו דיין געלעכטער!״ זאגט ר׳ שלום און גיט א זיפץ.

הקיצור, דער מיטינג האט געפעסט אז מען זאל רעווערענד קוועקזילבער אריינרופען און איהם פרעגען, צו עס איז מעגליך מיט איהם אפצומאכען, אז ער זאל זיין בלויז דער טיטשער און דעם גרינעם רעווערענד, וואס איז דא געווען פאריגען שבת, זאל מען פאר חזן־שוחט אויפנעהמ׳ען.

ר׳ שלום אייזענשטארק, דער גרינער, איז זיך ממש מחיה. „איך בין גארניט ווערט דיינע חסדים, רבוש״ע — זאגט ער — מיר׳ן כאטש אן עהרליכען שוחט האבען!״

שימקע קאכלעפעל לויפט ווי א פאר׳סמ׳טע מויז ארום, צו־איינעם, צום צווייטען, צום דריטען, ער קאכט, היצט, העצט. ער געהט ארוים, לאזט דעם פרעזידענט ארויסרופען און זאגט איהם, אז אויב דער גרינער, וואס האט ביי איהם ניט געוואלט עסען, וועט אויפגענומען ווערען, וועט זיין סכנות נפשות. מיר דארפען דא אזעלכע גרינע חיות ניט האבען. רעווערענד קוועק־זילבער איז פאר אונז, געלעסוויל, גוט גענוג — מיר דארפען ניט קיין אנדערען!

„קודם רופט אריין רעווערענד קוועקזילבער און מיר וועלען שוין זעהן, וואס מיר האבען צו טהון!“ — זאגט דער פרעזידענט צו שימקע קאכלעפעל.

שימקע האט געשווינד דעם רעווערענד קוועקזילבער אויפגע־זוכט און האט איהם געבראכט צו פיהרען ווי א חתן, איהם אויפ׳ן וועג איינגערוימט א סוד, אז ער זאל טיטשעריי אליין ניט אננעהמען.

„רעוו. קוועקזילבער! — זאגט דער פרעזידענט — מיר באדויערען זעהר אייך מיטצוטהיילען, אזוי ווי איהר ווייסט אליין, דאס די רבנים פון פ. זיינען אייך אגענסט און מיר ווילען אייך דאך האבען, האבען מיר געפעסט אייך פאר בלויז טיטשער צו ערוועהלען און איהר באקומט זעכציג דאלער א וואך. מיר מיינען, אז אייך דארף דאס ליבער זיין, ווייל, פארשטעהט איהר, וואס טויג האבען צו טהון מיט רבנים און וואס טויג אונז צו האבען מיט זיי עסקים און אין זייערע מיילער אריינפאלען, כאטש מען פרעגט ניט נאך זיי, אבער א קאנגרעגיישאן איז דאס ניט ליעב. אלזא, ווי געפעלט אייך דער אנטראג?“

„דער אנטראג געפעלט מיר שוין גאר ניט! — ענטפערט רעוו. קוועקזילבער. (און הפנים ער האט זיך דערוואוסט, אז אין דער אנדער רום מיטען די לייזים, שטעלט ער דעם טאן אויף העכער און זאגט:) דער אנטראג איז פאר מיר די גרעסטע אינסאלטינג, וואס פארשטעהען דען אמעריקאנער רבנים? ווייסט איהר ווי די גמרא זאגט? „במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד“, דאס מיינט אויף אידיש: „אויף דעם פלייס וואו בעלי־תשובה שטעהען, קענען אפילו די „געלערענטע“ צדיקים ניט שטעהען“, און ווייסט איהר פאר וואס? ווייל די בעלי תשובה שטעהען העכער פאר זיי, אפילו פאר די געלערענטע! און וואו האט איהר אין אמעריקא גע־לערענטע צדיקים? ווער לערנט דען אין אמעריקא? און אט

טאַקע דערפאַר זיינען דאָס די צדיקים׳לאַך מיר אַגענסט, ווייל זיי ווייסען, אַז איך שטעה העכער פון זיי, זיינען זיי דזשעלאוס. עס פּאַסט זיי ניט אין זייער סביבה אַ בעל תשובה!

„פאַרשטעהט איהר שוין ווער די רבנים זיינען? — העלפט שימקע צו — און זיי ווילען אונז אַ דעה זאָגען, ווען מיר זאָלען פאַר אַ שוחט נעהמען. איך זאָג אייך: „אמת מארץ תצמח!" — דער אמת ליגט דאָ אין אַמעריקאַ תשעה-ניינציג מייל אין דער ערד באַגראָבען. אַמעריקאַ און שוין!"

„ווירדיגער פּרעזידענט — זאָגט ווייטער רעוורענד קוועקזילבער — און ווירדיגע קאָנגרעגיישאָן! איך האָב דאָרום מיין מיינד אָפּגעמאַכט: אָדער אַ גאַנצער, אָדער גאָרניט! אָדער איהר עלעקטעד מיך פאַר שוחט—חזן—טיטשער, אָדער גאָרניט!"

„אוב אַזוי, מוזט איהר אַזוי גוט זיין און אַרויסגעהן. אויב איהר ווילט קענט איהר אויף אייער אכסניא געהן און מיר ווען אייך היינט אָדער מאָרגען לאָזען וויסען פון דעם באַשלוס!" — זאָגט דער פּרעזידענט צו׳ם רעוורענד.

רעוורענד קוועקזילבער איז אָבער ניט קיין גרינער און ווייס פון דעם סוד וואָס בלעם האָט צו די שרי בלק געזאָגט „לינו פה הלילה", זאָגט רש״י אַז די שרי בלק האָבען פאַרשטאַנען, אַז „אין בו ממש", דאָס הייסט, אַז מען הייסט איהם וואַרטען, איז עס גאָרנישט מיט גאָרנישט. גיט ער זיך, דער רעוורענד הייסט עס, אַן עצה און שטעלט נאָך אַ העכערען טאָן, כדי די ליידים אין דער אַנדער רום זאָלען איהם זיכער הערען, און זאָגט:

„ווירדיגער פּרעזידענט און ווירדיגע מעמבערס! איך וויל אַצונד וויסען, טויט אָדער ברויט, ווייל אין פאַל אַז ניט, האָב איך אין צוואַנציג מינוט אַרום אַ טרעין אַוועקצופאָהרען און איך בלייב דאָ אפילו איין מינוט לענגער אויך ניט, דאַט׳ס אָלל!"

קוים האָט דער רעווערענד די אויפּ'ן העכערען טאָן געזאָגטע ווערטער גענענדיגט, עפענט זיך די טיר פון דער „לײדיס מיטינג־רום" און אַלע מעמבערקעס פון דער לײדיס אייד סאָסייעטי מיט זייער סעקרעטערקע ליזי שפּיעלפאָגעל בראש, האָבען זיך אַ לאָז געטהון אין מיטינג־רום צו די מענער מיט אַזאַ געוואַלד, מיט אַזעלכע קולות, דאָס עס האָט פאַרהילכט און פאַרטויבט יעדען אויער.

„וואַט'ס די מעטטער וויט יו? מיר ווילען דעם דזשענטעל־מען ניט אַוועקלאָזען. מיר ווילען זעהן, צי די רבנים פון פ. — די „אָלד־פעשאָן" אָרטאָדאָקס דזשום האָבען אונז דאָ אַרײנצו־ריידען, ווען אונז קאָסט געלד, ווען מיר מאַכען די געלד! מיר ווילען דענסעס, באָלס, פּאַרטיעס מאַכען און אייך די געלד אַוועקגעבען און די רבנים ווילען האָבען די דעה? ! נאָ מאָר! מיר ווילען פון דאַנען ניט אַרויסגעהן, ביז מיר ווילען אויף שור וויסען,, אַז מיר האָבען אויסגעפּייט דאָס אונזעריגע! יו אָנדער־סטענד?"

הקיצור, ווער מיינט איהר האָט אויסגעפיהרט? קהל? אַ נעכטיגער טאָג! טאַקע די „לײדיס אייד סאָסייעטי" מיט ליזי שפּיעלפאָגעל, די סעקרעטערקע, שימקע קאָכלעפעל מיט'ן פּרעזידענט, מר. דזשאָהן עכטפּאַרב...

רעוו. קוועקזילבער איז צו מזל עלעקטעד געוואָרען און וואוינט שוין היינט אין געלעסוויל פּאַ. און קוילעט פאַר אַלע בעלי־בתים. — נור פאַר איין ר' שלום אייזענשטארק ניט. אָבער רעוו. קוועקזילבער מאַכט זיך דערפון קיין עגמת נפש ניט און אפילו ליזי שפּילפאָגעל, דעם רעווערענד'ס בעסטע פריינדין זאָגט, אַז דאָ זיינען מיר ניט אין יוראָפּ, וואו די ווייבער מוזען שטעהן ביי דער קיך מיט'ן פּתח־שיך־שאַ אין מויל. דאָ אין אַמעריקאַ, איז „ליידיס פוירסט".

פינפטער קאַפּיטעל.

— מיין באַגעגעניש מיט רעווערענד קוועקזילבער. — איך גיב זיך אויס פאַר אַ רעווערענד. — רעוו. קוועקזילבער גיט מיר אַן עצה איך זאָל קיין גרינער ניט זיין: אין אַמעריקא דאַרפען קינדער ניט קענען דאַווענען. — רעווערענד קוועקזילבער דערצעהלט זיין נצחון געגען די רבנים, וואָס טויג איהם צו זיין אַ חטאת און ניט קענען קיין לעבען מאַכען, ליבער איז ער אַ בעל תשובה און מאַכט זיך אַ פיינעם לעבען...

יונגע פריינדע! — אפשר מיינט איהר, אַז איך האָב אייך דאָ אַ מעשה פון די באָבע-מעשיות דערצעהלט, וויל איך אייך בארוהיגען — אָדער באַאונרוהיגען — און אייך פאַרזיכערען, אַז די מעשה איז ניט קיין באָבע-מעשה, נור אמת וצדק, און אפשר ניט אַזוי פיעל צדק ווי אמת... הערט זיך איין וואָס עס האָט מיט מיר פּאַסירט:

אָט דאָ ניט לאַנג צוריק, פאַר עטליכע וואָכען, איז מיר אויסגעקומען צו פאָהרען אין טרעין קיין פ. און פאָהרענדיג איז מיר עפּעס אומעטיג געוואָרען, ניט געהאַט מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדען, איך בין שיער-שיער איינגעשלאָפען, ערשט אויף אַ מאָל שטעלט זיך אָפּ די טרעין. איך קוק אַרוים — ס'איז אַ סטיישאָן, באַלד קומט אַרויף אַ מאָדערנער אידעל, מאחינו בני ישראל, און זיין קליין קמצ'ל אויף זיין געמבע האָט ביי מיר דעם חשד געמאַכט, אַז דאָס מוז עפּעס אַ כלי-קודש'ל זיין, און איך האָב זיך טאַקע ניט טועה געווען. מיין כלי-קודש'ל דערבליקט מיך ביי אַ פענסטער, וואַרפט אַן אויג אויף מיר און — ברוך הבא, ער איז שוין נעבען מיר דאָ, גיט מיר אָפּ אַ גאַנץ

פיינעם „שלום עליכם“, און איך, פאַרשטעהט זיך, ענטפער איהם אָפּ „עליכם שלום“.

„ווער זייט איהר — אפשר מ׳שלנו? — פרעגט ער מיך — דאָס הייסט: אפשר אויך אַ כלי־קודש׳ל?

„און איך שאָקעל מיט׳ן קאָפּ — פאַרשטעהט ער, אַז יאָ, און ווערט צו מ׳יר צוגעלאָזט.

„ווי איז אייער ווערטהער נאָמען? — פרעגט ער.

„מיין נאָמען איז אַ סך ניט ווערטה, איבערהויפּט אין אַמע־ריקא!“ — ענטפער איך איהם.

„אָבער אַ נאָמען האָט איר דאָך!“

„היתכן? אודאי האָב איך דאָ אַ נאָמען, איך הייס: „דער גרינער רעווערענד“.

„אודאי פון גאַליציע אָדער פון ארץ ישראל! געטראָפען?— פרעגט ער מיך.

„די אַנדערע העלפט איז מ׳עהר ריכטיג. וואָרים וועלכער איד איז ניט פון ארץ־ישראל?“

„אָט זעהט איהר: איך בין אויך אַ איד און ניט פון ארץ־ישראל!“

„פון וואַנען דען? פון גושן?“

וואָס עפּעס דוקא פון גושן?“

„ווייל עס שטעהט, רק בארץ גושן לא הי׳ ברד, און איהר האָט אויך קיין באָרד ניט, האָב איך געמיינט...“

„האָט איהר ניט גוט געמיינט. איך בין דוקא אַן אַמע־ריקאַנער!

„אָבי ניט קיין איד!“

„דאָ האָט איהר שוין אַ טעות. איך בין טאַקע דער אמת׳ער איד!“

איך גיב אַ קרעכץ.

„וואָס קרעכצט איהר, גרינער? — פרעגט ער מיך.

„איך קרעכץ, ווייל איך בין גאָר קיין ריכטיגער איד ניט“ — האָב איך געענטפערט שמייכלענדיג.

„דערויף דאַרפט איהר ניט קרעכצען. מען ווערט אַ ריכ־טיגער איד און שוין!“

„ווי אַזוי?“

„גאַנץ איינפאַך: מען וואַרפט אַוועק דעם גרינהאָרן איז שוין אַלעס אָל־רייט!“

„ווי אַזוי טהוט מען דאָס?“ — פרעג איך.

„איהר וועט זיך אויסלערנען. איך האָב זיך אויסגעלערענט און יעדער גרינער לערנט עס אוים“.

„זעהט נאָר, די וועלט זאָגט אַ ווערטעל: אַז מען רעדט פון יענעם פאַרגעסט מען פון זיך. זעהט איהר, איך ווייס שוין ווי איהר הייסט און איך האָב גאָר פאַרגעסען זיך פאָרצושטעלען. איך בין רעווערענד קוועקזילבער, פון געלעסוויל, פאַ.“

„מיר פרעהט זעהר אייך צו קענען! — האָב איך געזאָגט — אויב איהר זייט דער רעווערענד פון געלעסוויל, בין איך דוקא דער גרינער רעווערענד פון גרינעסוויל“.

„דאָס איז געלונגען! — זאָגט ער. — איהר זייט דער גרי־נער רעווערענד פון גרינעסוויל און איך בין דער געלער רעווערענד פון געלעסוויל! כאַ־כאַ־כאַ! — צום לאַכען, כ׳לעבען!...

„לאו־דוקא! איינעם גלוסט זיך לאַכען; דעם אַנדערען — וויינען...“

„נייז, אַן אונזעריגער דאַרף דאָ גאָרניט וויינען, די כלי־קודש׳ער מיין איך. איהר ווייסט דאָך ווי עס איז אין יוראָפּ: דער שוחט קען די קאָפּ ניט אויפהויבען פאַר׳ן רב אָדער פאַר׳ן דיין. ער מוז כסדר אַרבייטען מעשה בהמה, כדי דעם גאַנצען תבואת שור צו קענען אויף אויסוועניג. די חלפים מוזען זיין עף־עף־עף און דערביי מוז ער נאָך אַ פרומער זיין, מוז יעדען טאָג אין מקוה געהן, מוז אַלע אָרימע לייט געבען עסען און

טרינקען. אָבער דאָ אין אַמעריקא, אויב עס טרעפט זיך אַ פרומער רב, מוז ער פון אונז ליידען, און טאָמער פאַרגלוסט זיך איהם מיט אונז זיך צו זאַטשעפּען, איז פרעגט שוין גאָר ניט... אין דער היים האָבען שוחטים פון זיי געליטען דעריבער ליידען זיי דאָ פון שוחטים. מיט איין וואָרט: צוריקגעגעבען ברויט!— זאָגט ער.

„אָבער ווי איך פאַרשטעה, מוזט איהר אַ היבשער מושלם זיין".

„ווי אַזוי פאַרשטעהט איהר דאָס?"

„גאַנץ איינפאַך, ווייל איך האָב ערשט ניט לאַנג צוריק אַן אַדווערטייזמענט פון אייער קאָנגרעגיישאָן געלעזען, אַז זיי זוכען אַ שוחט מיט אַלע מעלות, מיט עברית בעברית און עברית באַנגלית, אַ גוטען דאַוונער, אַ פוירסט קלעס רעדנער און אַז מען האָט אייך עלעקטעד, האָט איהר דאָך אַודאי די גאַנצע השלמה, וואָס זיי האָבען פאַרלאַנגט!"

„אוי זייט איהר אַ גרינהאָרן! ניט אומזיסט הייסט איהר „דער גרינער רעווערענד", ווי קען מען דאָס אַזאַ גרינער זיין! הערט זיך צו, גרינער: איך האָב אַבסאָלוט ניט קיין השלמה. ניט איך קען דאַוונען, ניט זינגען, ניט קיין עברית בעברית און ניט קיין עברית-באַנגלית. הערט וואָס איך זאָג אייך: איך קען ניט און טאָקע לחלוטין ניט, און דאָך האָב איך דעם דזשאָב אָנ-גענומען. און ווייסט איהר מיט וואָס? מיט אַביסעלע שכל, דאָט'ס אָלל!..."

„ווי אַזוי איז דאָס מעגליך?" — האָב איך געפרעגט.

„גרינט זיך אוים וועט איהר די קונץ שוין ממילא קענען! — האָט ער געענטפערט. — וויסען זאָלט איהר, אַז אין אַמעריקא קענט איהר מיט בלאָף אַלעס אויספיהרען און מיט עהרליכקייט— גאָרניט. דאָט'ס אָל!..."

„אדרבה, דערקלערט מיר ווי אַזוי? — האָב איך איהם געפרעגט.

„איך וועל אייך צוליעב טהון. קודם-כל זאָגט זשע מיר, איך בעט אייך, ווי אַזוי לערנט איהר מיט אייערע תלמידים. נייך, זאָגט מיר צוערשט ווי לאַנג זייט איהר שוין ביי אייער קאָנגרעגיישאָן? ענטפערט מיר פריהער על אחרון און דערנאָך על ראשון".

„נו, אַז איהר ווילט צוערשט אחרון, וועל איך אייך צוליעב טהון — זאָג איך. — איך וועל זיך מיט אייך ניט צוקריגען, ווי דער לינסקער שטאָדט-גבאי מיט׳ן גביר".

„וואָסערער לינסקער גבאי? וואָס רעדט איהר עפּעס?"

„איהר ווייסט גאָר פון די מעשה ניט? נו, וועל איך אייך דערצעהלען: אין לינסק איז געווען אַ מנהג, אַז ששי פלעגט מען איין שבת דעם רב אויפרופען און איין שבת דעם ראש הקהל, דעם פּרעזידענט, הייסט עס, און אחרון — אַ גביר. האָט פּאַסירט, דאָס אַ גראָבער יונג אַ גביר האָט געקראָגען אחרון נאָך דעם ראש הקהל, נאָך דעם פּרעזידענט הייסט עס, וואָס איז ניט געווען אַזאַ גביר ווי דער גביר פון אחרון. איז דער גביר פון אחרון מלא כעס וחמה אויף דעם גבאי געוואָרען. ס׳טייטש, ווי אַזוי וואַגט דאָס דער גבאי מיך אחרון אויפצורופען, נאָך דעם קבצן? נאָך דעם פּרעזידענט, הייסט עס?

„איהר האָט דאָך געוואָלט אחרון! — פאַרענטפערט זיך דער גבאי.

„איך האָב טאַקע געוואָלט אחרון, — ענטפערט דער גביר — אָבער ניט נאָך ששי!"

עס פאַרשטעהט זיך, אַז דער עולם האָט זיך הויך אויפ׳ן קול צולאַכט און דערפאַר איז דער גביר מיט׳ן גבאי אין לינסק נאָך עד-היום צוקריעגט".

„טאַקע אַ שעהנע מעשה!“ — ענטפערט רעווערענד קוועק־זילבער, ניט פאַרשטעהענדיג די מעשה.

„און איך וועל אייך פריהער אחרון געבען און דערנאָך ששי“, — האָב איך איהם געזאָגט, און האָב איהם דערצעהלט אַ מעשה מיט אַ בוידעם, וואָס הויבט זיך ניט אָן און לאָזט זיך ניט אויס. איך האָב איהם דערצעהלט, אַז איך בין אין גרינערס־וויל אָנדערהאַלבען יאָהר, און די תלמידים, וועלכע האָבען מיט אַ יאָהר און האַלב צוריק ביי מ׳יר אָנגעהויבען דעם אלף בית, זאָגען שוין פיין עברי און כמעט אַ האַלבען דאַוונען איבער־זעצען זיי אויף אידיש און אַ טהייל אויף ענגליש. זיי קענען אויך אַלע ברכות אויף אויסוועניג און די גרעסערע תלמידים, וועלכע איך האָב שוין געטראָפען ביי חומש אָנהויבען, יענע לערנען יעדע וואָך צוויי־דריי פרשיות חומש, אַ פסוק אָדער צוויי רש״י, אַ קאַפיטעל תנ״ך, און קענען כמעט דעם גאַנצען סדור פאַרטייטשען, און אַז עס קומען די ווינטערנעכט, מאַך איך פרייטאג צו נאַכט, נאָכ׳ן עסען, אַן עקזאַמיניישאָן. די עלטערן פון די תלמידים מיט די בעסערע בעלי־בתים קומען אויך צו געהן. צוערשט זאָגען די קינדער חומש, דערנאָך זאָג איך מעניני דסדרה, דערנאָך טהייל איך פאַר די קינדער שבת־אויבסט מיט קענדים און מען געהט אַהיים מיט׳ן „וקראת לשבת עונג“ — לוסטיג און לעבעדיג (אין אמת׳ען האָב איך טאַקע אַזאַ שטעדטעל שוין געטראָפען).

„אויב אַזוי זייט איהר דאָך טאַקע אַ גרינער שבגרינער! — רופט זיך אָן רעווערענד קוועקזילבער צו מיר. — ווער לערנט דאָס אַזוי מיט קינדער אין אַמעריקא? ווער לייגט דאָס אַוועק זיין געזונד מיט אַמעריקאַנער קינדער? און ווען איך זאָל הונ־דערט יאָהר אין אַמעריקא מיט קינדער לערנען, וועלען דאָס מיינע תלמידים קענען? און עברי, אָדער דאַוונען וועלען זיי זיך דען אויסלערנען? איאָ, איהר דרעהט מיט׳ן קאָפּ. איהר קענט

דאָס גאָרניט פאַרשטעהן? וואַרט נור, וואַרט, איהר וועט זיך אַביסעל אויסגרינגען, וועט איהר שוין אָנהויבען פאַרשטעהן... גיט נאָר אַ קוק אויף מיר: איך בין ניט קיין דאַוונער און דאַווען, ניט קיין לערנער און לערן מיט זיי. ווי זאָגט מען אונז אין דער היים: איך לערן מיט זיי ניט אפילו שבת און זיי קענען מכות, אָבער ווײַדזשעס נעהם איך מעהר ווי די גרינע רעווערענדס, וואָס לעגען זייער לעבען אַוועק, אַז זייערע תלמידים זאָלען קענען. און כאָטש די רבנים פון פ. זענען מיר אַגענסט געוועזן, האָט מיך, מיין קהל אויפגענומען. מען דאַרף בלויז אַ ביסעלע שכל! דאָט׳ס אָלל!"

„און וואָס האָבען דאָן די רבנים צו אייך געהאַט?" — האָב איך איהם געפרעגט.

„אַ קשיא אויף אַ מעשה! אויף אַמעריקאַנער רבנים פרעגט איהר קשיות! הערט זיך איין אַ מעשה: איך אַליין קום פון דער מאָלדאַווע. מיינע אבות אבותינו זיינען קיין שוחטים ניט געוועזן. זיי זיינען גאָר געוועזן ברויט-בעקער און איך אַליין האָב אויך די מלאכה גאַנץ פיין אויסגעלערנט. האָב איך אָבער קיין גרויס חשק דערצו ניט געהאַט. איך בין ניט אַזאַ נאַר, אויפצוזיין גאַנצע נעכט, פלאַגען זיך און האָראַווען, אַז משה גרונם מיט תודרוס׳ן זאָלען האָבען וואָס צו אכל׳ען. אדרבה, אין קען באַשטעהן, אַז אַן אַנדערער זאָל פאַר מיר האָרעווען. הכלל, מה יעשה הבן ולא יחטא? בין איך אַנטלאָפען קיין אַמעריקאַ, איז דאָ אין אַמעריקאַ מוז מען דאָך אָבער יאָ אַרבייטען! האָב איך אַ קוק געטהון, אַז דורך עהרליכער אַרבייט קען מען זיך גאָר ניט אַרויפאַרבייטען, דאָס הייסט, לא טוב היות האדם לבדו, מיט דער אַרבייט קען מען דאָ גאָרניט אויפטהון, האָב איך געכאַפּט שכל. איך האָב אַ לאַנדסמאַן, וואָס אין דער היים איז ער אַ בלעכער געוועזן און דאָ הייסט ער גאָר אַ שוחט און אַ רב. איך האָב איהם דערטאַפּט און צעהן דאָלער געגעבען,

ער זאָל מיך די אַמעריקאַנער שחיטה אויסלערנען, און עס האָט מעהר ווי אַכט טאָג ניט גענומען און איך בין שוין אַ פּאַרטיגער שוחט געוואָרען. אין ניו יאָרק האָב איך אַ רב פינף דאָלער גענעבען און איך האָב פון איהם קבלה געקרוגען, אַזאַ קבלה וואָס מען זעהט עס גאָרניט ביי אונז. ער האָט מיר אפילו אַריינ־געשריבען, אַז איך בין גאָר אַ רב אויך, האָב איך אָבער דער־שמעקט אַז אין ניו יאָרק איז שחיטה פּונקט אַזוי אין דער ערד ווי אין דערהיים אַ בעקעריי, דאָס הייסט, אַז מען מוז אַרבייטען מיט דער גסיסה, שטעהן אַ גאַנצען טאָג און פידלען אויף תולה ארץ, אַז די הענד ווערען געשוואָלען און אנשטאָט וויידזשעס קריגט מען מכות, האָב איך בעסער אַ דזשאָב אין קאָונטרי אָנגענומען. אַזוי האָב איך אי שעהנע וויידזשעס געהאַט און טאַקע גאָרניט געדאַרפט אַרבייטען".

„אָבער איהר ווייסט דאָך, ווי אין אונזער סידור זאָגט זיך: „מה טובו אוהליך יעקב משכנותיך ישראל", אַז ס'איז יעקב'לען גוט, פאַרגלוסט זיך איהם קיין ארץ ישראל פאָהרען, אַזוי אויך מיט מיר. איך האָב אין פופצעהן יאָהר מיט מיין רעוורענדשאַפט מיר אַ צוועלף טויזענדער אָנגעסייפט, האָט זיך מיר פאַרגלוסט אויף אייז צו טאַנצען, ווי אין פסוק שטעהט „יהי דרכם חושך וחלקלקות", און וואָס זאָל איך אייך מעשיות דערצעהלען, איך האָב זיך פינף יאָהר געמוטשעט מיט „אַ קלאָ־טהינג סטאָר" אין אַ קאָנטרי שטעדטעל, האָב שבת מיינע ביזנעס געמוזט אָפען האַלטען, ווייל דאָ זיינען מיר ניט אין יוראָפּ, דאָ איז דער גרעסטער ביזי טאָג שבת, בין איך אָבער געבראָכען געגאַנגען, ווי אין סידור שטעהט „שובר כל עצמותיו אחת מהנה לא נשברה" און האָב שוין אפילו פשוט אויף חיונה ניט געלייזט. האָב איך זיך איבערגעלעגט: דאַרף איך זיין אַ חטאת, קיין שבת, קיין יום־טוב ניט האַלטען און דערצו נאָך הונגערן, נעהם איך זיך ליבער צו דער כלי־קודש־מלאכה און

איך בין זיך מיר אַ איד ווי אין סידור שטעהט: „ושמרו בני ישראל את השבת“, אויף דעם זאָגט רש״י „ישמח משה במתנת חלקו“ — און מאַך מיר א פיינעם לעבען. קענען אָבער די רבנים פון פ. זייער שטעדטעל ניט באַשטעהן און ווילען מיך צום חטאת׳קייט צוריק טרייבען! פאַרשטעהט איהר שוין וואָס אַמעריקאַנער רבנים קענען? נו, ווי געפעלט אייך די חוצפּה? איך קען אייך זאָגען, אַז זייט איך בין צוריק אין די כלי־קודש־ביזנעס, בין איך אַן אמת׳ער בעל־תשובה. איך דאַווען אפילו יעדען טאָג און לעג תפילין, פונקט ווי אין דער היים און דאָס איז זיי נאָך אַלץ ניט גענוג. אָבער מיין קאָנגרעגיישאָן האָט זיי געוויזען ווער עס האָט די דעה! און איך זאָג אייך, אַז געלעם־וויל זאָל טאָקע לעבען!“— — — — — — — — — — — — — —

יונגע פריינדע!

איך האָב רעוו. קוועקזילבער שעהן אויסגעהערט און האָב איהם אַ פרעג געטהון:

„זאָגט זשע מיר איך בעט אייך: איהר האָט אין אַכט טאָג שחיטות אויסגעלערנט, האָט איהר דאָך אודאי דעם ערש־טען דין געלערנט. קענט איהר מיר זאָגען, וואָס איז דער ערש־טער דין פון שחיטות?“

אַודאי קען איך אייך זאָגען דער ערשטער דין איז, אַז איהר זאָלט קיין גרינער ניט זיין!“

„ניט דאָס וואָס איך זאָל ניט זיין, פרעג איך, נאָר דאָס וואָס איהר דאַרפט יא זיין!“

„איך דאַרף זיין גוט אַמעריקאַניזירט, דאָט׳ס אָלל!...“

„אָבער געלערנט האָט איהר דאָך: „השוחט צריך שיהי׳ ירא שמים“ — אַ שוחט מוז מורא האָבען פאַר׳ן אויבערשטען. נו, אַז איהר האָט ביז היינט אייערע ביזנעס שבת און יום־טוב אָפּען געהאַלטען, זיינען דאָך די רבנים פון פ. גערעכט, וואָס זיי ווילען אייך ניט לאָזען קיין שוחט זיין!“

„נו, איז דען אַ בעל תשובה ניט מעהר פון אַ ירא שמים?"
„אמת. אָבער די תורה וויל ניט אַזאַ גרויסען מיוחס פאַר אַ שוחט האָבען. די תורה באַגנוגענט זיך מ'יט אַן איינפאַכען ירא שמים. איבעריגענס, מיט וואָס קענט איהר באַווייזען, אַז איהר זייט דער אמת'ער בעל תשובה?"

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„וואָהט איז טהי מעטטער וויטה יו?" איז אייך ניט גענוג, וואָס איך האָב מיינע ביזנעס, ביי וועלכע איך האָב געמוזט מחלל שבת זיין איבערגעלאָזט און איך האָב זיך צוריק צו די כלי־קודש ביזנעס גענומען, ביי וועלכע איך קען זיין אַ איד ווי אין פסוק שטעהט: „מחלליה מות יומת?"

„אמת, אמת. איהר זייט טאַקע גערעכט. אָבער ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרען? — ווען איהר וואָלט איבערגעלאָזט אַ פיין ביזנעס, ווייל עס איז פאַרבונדען מיט חילול שבת, און נעהמט אייך ליבערש צו כלי־קודש ביזנעס, וואָס טראָגט קוים־קוים אויף אַ לעבען צו מאַכען. דאַן וואָלט איהר אַן אמת'ער בעל־תשובה געווען. אָבער אַז אַ חושב'דיגע ביזנעס, ביי וועלכע איהר האָט נאָך געדאַרפט מחלל שבת זיין, האָט אייך אַוועק־געוואָרפען, ווייל איהר האָט דערביי געפּעכניעט פון הונגער, אייער לעצטען סענט אין דעם פאַרלאָרען און דעריבער זיך צו כלי־קודש ביזנעס גענומען, וועלכע טראָגט אייך איין אַ פיינעם לעבען צו מאַכען, און מיט אייער בלאָף און מיט אייער גלאַט־צינגעלע טויגט איהר אייך אוים די נאַאיווע נאַרישע מאַמעס און די אונשולדיגע פאַרהאָרעוועטע טאַטעס צו חנפ'ע־נען, און איהר נעמ'ט מיט געוואַלד די טייערע יונגע צווייגעלאַך און ברעכט זיי אָפּ פון אַלטען בוים און איהר זייט מגדל גוים גמורים — זייט איהר ביי מיר ניט קיין בעל־תשובה. איהר ווייסט וואָס איהר זייט? דאָס וואָס אייער קליין תלמיד'ל האָט אייך געזאָגט: „יעם רבי כלב, יעם רבי סוס!..."

(די מעשה מיט׳ן רבי סוף האָט ר׳ שלום אייזענשטאַרק איבעראַל באַקאַנט געמאַכט).

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי פולווער וואָס שיסט אַוים פון אַ ביקס, האָט עס מיין חברה׳מאַן פון מיר אַוועקגעשאָסען. ער איז אַנטלאָפען אין טריין, וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט און איך האָב איהם מעהר ניט געזעהן.

מיט אַ פּאָר טאָג שפּעטער האָב איך וועגען דעם ענין מיט אַ זקן פון די רבנים אין פּ. איבערגערעדט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער ווייסט פון דער מעשה. עס איז ליידער אמת, אָבער מען קען זיך גאָרניט העלפען — עס איז אַמעריקא !...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

זעקסטער קאַפּיטעל.

דער גרינגער רעוורענד פאָהרט אויף שבת קיין געלעסוויל צו ר׳ שלום איוזענשטאַרק. — ער וויל די קאָנגרעגיישאָן מיט זייערע אָפּיסערס קענען. — זיין וועגוויזער איז דאָרט לייבעלע דער אויבער־חכם.... די איבטערעסאַנטע גרינגע, יפת תואר „אסתר המלכה“...

נאָך מיין באַגעגעניש מיט רעוו. קוועקזילבער, האָב איך שוין קיין רוה מעהר ניט געהאַט, איך האָב איינפאַך געפיהלט. אַז עס טרייבט מיך קיין געלעס-וויל, זיך דאָרטען מיט דער אינ־טערעסאַנטער קאָנגרעגעשאָן און מיט איהר פּרעזידענט, מיסטער דזשאָן עכטפאַרב, מיט שימקע קאָכערלעפעל, מיט לוזי שפּיעלפּאָגעל דער סעקרעטערקע, מיט איהר שוהל און מיט דעם גרינעם ר׳ שלום אייזענשטאָק צו באַקענען זיך. הקיצור, וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען: איך בין זיך געפאָהרען און איך האָב אַ גאַנץ כמעשה-ניט פון אַ רייזע געהאַט. נאָך צוויי שעה פאָהרען מיט׳ן טריין, בין איך צו מזל אָנגעקומען קיין געלעסוויל. אַרויסגעהענדיג פון סטיישאָן, הויב איך אָן צו פרעגען: „וואו וואוינט דאָ ר׳ שלום אייזענשטאַרק?“ דאָס האָב איך פון אַ גוי אויף ענגליש געפרעגט, וועלכער האָט מיך אָנגעקוקט ווי אַ גרינעם און געענטפערט: „אַי דאָנ׳ט נאָו“.

— „אַי נאָו, אַי נאָו“ — שפּרינגט אונטער אַ קליין משונה׳־דיג אידעל מיט אַ פּלאַטשיג נעזיל, פאָנפענדיג און שנויפלענדיג און וואָס זיין אויסזעהן איז פון אַ יאָהר עטלאַכע פופציג.

„איהר קענט מיט מיר פלעין אידיש רעדען, איך בין אויך אַ איד, כאָטש איך טראָג קיין באָרד. קומט מיט מיר, איך וועל

אייך ווייזען ביז׳ן שטוב צו ר׳ שלום אייזענשטאַרק. און איז דאָס אַ שלום! — זאָג איך אייך — פון שלום לאַנד! אַ פאַר־שלעפּטע קרענק, ווי די גאַליציאַנער זאָגען, אַ בעל מחלוקה, אַ פּיסעל אונטערשטעלער, אַן אמת׳ע גרינע חיה. שטעלט אייך פאָר, וואָס אַ גרינער איז אומשטאַנד צו פאַרלאַנגען דאַ אין אַמעריקאַ! אין געלעסוויל, וויל ער האָבען אַן „אָלד פעשאָנד“ גרינעם שוחט מיט באָרד און פאות! און אומזיסט טענה׳ט מען צו איהם, אַז אַמעריקאַ איז אַן אנדערע מדינה, דאָ איז מען מעהר ניט אַזוי פאַנאַטיש, דאָ איז מען שוין אויסגעמענשעלט מיט שכל! זאָגט ער — פונקט פאַרקעהרט, אַז מען איז דאַ יאַ אויס־געמענשעלט, איז מען דאָך אוים-מענשען מוז מען פון זיי אויפ׳ס ניי מענשען מאַכען!...

אונזער שוחט האָט פון איהם צרות געגוג, ער עסט ניט פון זיין שחיטה, ווייל די פאַנאַטישע רבנים פון פ. האָבען איהם גע׳אסור׳ט, אָבער גאַנץ קהל לאַכט דערפון און זאָגט: „טי מאָוו — יאַ זדראָוו“ — איהר קענט דאָך פויליש?“

„און ווי הייסט אייער שוחט?“ — פרעג איך.

„ער הייסט רעוורענד קוועקזילבער, האָט איהר געהערט פון איהם?“

„מעגליך“, — האָב איך געענטפערט. איך האָב שוין פאַר־שטאַנען, אַז איהם טאָהר מען גאָר ניט זאָגען.

„ער איז אַ נייס מען, אַמעריקאַניזירט, ניט פאַנאַטיש און ר׳ שלומ׳ען געפעלט ער אָבער ניט“, נו מיינט איהר, וואָס טהוט ר׳ שלום, מכות עססען? אַז ער דאַרף שחט׳ן אַ טשיקען, שיקט ער קיין פ. צו עפּעס אַ גרינעם שוחט. רינד-פלייש קומט אין זיין הויז לחלוטין ניט אַריין. זיין פרוי איז פונקט ווי ער, אַזוי פאַנאַטיש, געהט זיך געקליידעט ווי אונזער באבע שרה: דאָס קלייד לאַנג, ווי דער גלות, די אַרבעל כמעט ביז צו די פינגער, דער קאָלנער פון דער בלוזקע כמעט ביז צום מויל, מיט איין

וואָרט, קיין שום שטיקעל אַמעריקאַנער חן וויל זי זיך גאָרניט אַנטהון. אפילו דאָס ביסעל מילך, וואָס זיי עסען קאָסט זיי אָפּ אַ שטיק געזונד. זי געהט אַליין יעדען אויף דער נאַכט צום געמעלק, ווייל זי האָט מורא, אַז דער פאַרמער וועט איהר אַ חזיר׳ל אין די מילך אַריינוואַרפען. פּוטער מאַכט זי אַליין, און אומזיסט רעדט מען צו איהר, אַז אין אַמעריקא זיינען די פּוטערס פון פעקטאָרי פונקט אַזוי כשר, ווי איהר אייגענע געמאַכטע; איהר ווייסט דאָך אַודאי פון דעם געוועזענעם פּרעזידענט רוז־וועלט׳ס לאָא, אַז אַלע מיני עסענוואַרג מוזען באַשריבען ווערען, פון וואָס זיי זיינען געמאַכט און טאָמער געפינט מען אוים אַז מען האָט געפּעלשט, — נו־נו־נו! בין איך יענעם גאָר ניט מקנא! נו, איז דען די פּוטער פון די פעקטאָרי ניט כשר וישר? ווער וועט זיך דאָס לאָזען אַרעסטען? בפרט אַזעלכע גרויסע מיליאָנערען ווי אונזערע מאַנופעקטשורערם? איאָ עס איז אַזוי, אָדער ניט?

רעדט איהר ווידער מיט דער גרינער חיה, זאָגט זי, אַז אויף אַלקאָהאָל איז אויך פאַראַן אַ געזעץ, אַ פּראָהיבישאָן, און מיליאָנערען לאָזען זיך אַרעסטען און זיינען עובר אויפ׳ן געזעץ, דערפאַר גלויבט זי אויך ניט אין כשרות דאָ אין אַמעריקא, נור זיך אַליין און איהר מאַן — זאָגט זי, — און געהט טענה׳ט מיט גרינע!

— און ווייסט איהר וואָס איך וועל אייך נאָך דערצעהלען? — זי האָט זיך פון יוראָפּ אַ שייטעלע מיטגעבראַכט, איז דאָך גוט, האָ? איז איהר נאָך ניט גענוג געווען דאָס איינע, האָט זי זיך נאָך איינס באַשטעלט, און זי טראָגט איינס אין דער וואָכען און דאָס אַנדערע שבת. איך זאָג אייך ס׳איז צום לאַכען, וואָס אַזעלכע גרינהאָרנס ווילען דאָ ביי אונז אין אַמעריקא איינ־פיהרען! איך האָב אַ טאָכטער, מוז איך אייך זאָגען, דאָס אַזעלכעס איז נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט, אַ חכמה, אַ גע־

בילדעטע, און אַ כלל טהוערן איינע אין אַמעריקא, איהר וועט שוין הערען פון איהר, זי הייסט ליזי שפּיעלפאַגעל, די סעקרעטערקע. איך זאָג אייך אַ מיניסטער־קאָפּ, אַזאַ איינע וואָס ווערט איינמאָל אין טויזענד יאָהר געבוירען. זי פיהרט מיט איהר שכל קהל ביי דער נאָז אַרום און וואָס זי וויל, פיהרט זי ביי קהל אויס, און אַז זי זאָגט איהר, ס׳הייסט, ווען מיין טאָכטער זאָגט צו דער גרינער שלום׳ניצע, פרומע הייסט זי, אַז זי מעג זיך שוין אויסטהון דאָס שייטעל, ווייל פון שייטעל פאַלען איהר די האָאָר אין די עססענס אַריין, ענטפערט זי איהר פונקט פאַרקעהרט, אַז פון די אייגענע האָאָר וואָס די אידישע ווייבער טראָגען, ווי ביי די גוים — פאַלען טאַקע האָאָר אין די עססענס אַריין, אָבער פון אַ שייטעל וואָס איז גוט באַפעסטיגט, איז גאָר אונמעגליך, אַז עס זאָל אַ האָאָר אַריינפאַלען, און דערנאָך פרעגט זי ביי מיין טאָכטער, פאַרוואָס זעהט זי ניט איהר אייגענעם הויקער, די גאַנצע פונטען מיט פּוידערס און מיט פאַרב, וואָס ליגט אויף די אַמעריקאַנער אידישע ווייבער׳ס פּנימ׳ער און ביים קאָכען פאַלען שטיקער פּוידער מיט פאַרב אין די עססענס אַריין. — נו ווי געפעלט אייך אַזאַ גרינע חיה? און רעדטס מיט זיי, זיינען זיי גאָר די חכמים! נאַ דיר נאָך אַ שלום צום טיש! ער האָט אונז אַ מחלוקה אין שוהל געבראַכט און הייסט גאָר שלום. אָבער אַן עקשן, איז ער טאַקע צו זיין נאָמען צוגעפּאַסט: „אייזענשטאַרק״ — מען קען איהם בשום אופן גאָר פאַר קיין מענש ניט מאַכען, ווי אַלע אַנדערע גרינע!״

— —

איך זאָג אייך מיינע יונגע פריינדע איין מזל האָב איך געהאַט, וואָס מיר זיינען שוין ביי ר׳ שלום׳ס טהיער געשטאַנען, ווען ניט ווער ווייסט, מיט וואָס נאָך ער וואָלט מיר געווען אַ ספּאָדיק געדרעהט!

הכלל מיין וועג־ווייזער האָט עטיקעט־מעסיג אין דער טהיער

אַנגעקלאַפּט. ס'הייסט ער האָט אַזוי גענומען קלאַפּען אַז אפילו טויטע וואָלטען דאָ מוזען דערהערען און תחית המתים אויפ־שטעהן...

די טהיער האָט זיך געעפענט און איך דערזעה באַלד דעם גרינעם ר' שלום. אַ הויכער איד מיט אַ גרויסען קאָפּ, קלוגע שוואַרצע אויגען, אַ שעהן־געפלעקטע שוואַרץ־גרויע באָרד מיט אַ הויכען שטערן, מיטעל־מעסיגע נאָז, אַ קליין מויל מיט דינע שמייכלענדע ליפּען, דער גאַנצער מענש מאַכט דעם איינדרוק פון אַ רוסיש־אידישען אינטעליגענטען טיפּ.

„אַ גוט העלף אייך ר' שלום! — זאָגט מיין וועג־ווייזער. — כ'האָב אייך אַ גאַסט געבראַכט, גיט'ס קאָמישאָן!"

„יאַ־יאַ, אָבער ניט דאָ ביים טהיער, קומט אַריין, זעצט אייך אוועק און דערנאָך וועלען מיר רעדען וועגען קאָמישאָן".

„אַלזאָ, ברוכים הבאים געסט!" — האָט ר' שלום אַ צו־פרידענער געזאָגט, און זיך ווענדענדיג צו זיין פרוי, האָט ער פאַרלאַנגט פאַר די געסט אַ גלאָז טהעע.

„טהעע? ווער דאַרף דאָס טהעע? האָט מיין באַגלייטער זיך געקרימט, איך בין דען אַ „קינדפּעטאָרין?" אַ גלעזעל שנאַפּס גיטס צום טיש ר' שלום! אַזאַ געזונטער איד ווי לייבעלע דאַרף אַ שנעפּסעל און ניט קיין טהעע!"

„שנאַפּס האָב איך ליידער ניט און וואָס מען האָט ניט, קען מען ניט געבען, ניט איך האָב שנאַפּס און ניט איך דאַרף עס, אגב טאָהר איך דאָס ניט האָבען!"

„וואָס הייסט עפּעס איהר טאָרט נישט? ווער פאַרוועהרט אייך?"

„דאָס געזעץ!" ענפערט ר' שלום.

„וואָס הייסט דאָס געזעץ פאַרוועהרט אייך? ווער האַלט דען אין אַמעריקא דעם פּראָהיבישאָן געזעץ, ר' שלום? אדרבה, ווייזט מיר אימעצען!"

„דער וואָס ער וויל זעהן, זעהט ער! — האָט ר׳ שלום געענטפערט. — איך וויל זעהן מענשען וואָס האַלטען דעם פּראָ־היבישאָן געזעץ, זעה איך — איהר ווילט זעהן אַזעלכע, וואָס ברעכען דעם געזעץ זעהט איהר זיי אויך".

„גרינער בלייבט גרינער!"

„דאָ האָט איהר אמת געזאָגט, ר׳ לייבעלע! נור שנאַפּס אָהין שנאַפּס אַהער, הערט אייך איין לייבעלע: דאָס מיין איך שוין אויף אַ רעכטען אמת: די אידען וואָס ברעכען דעם געזעץ און פארקויפען שנאַפּס אויפ׳ן נישט ערלויבטען שטייגער, זיינען עתיד ליתן דין וחשבון. זיי וועט מען דאָפּעלט שמייסען, אי דאָ אי דאָרט, ווייל דינא דמלכותא דינא, געזעץ איז געזעץ, מכל־שכן וקל־חומר אַ געזעץ פון אַ לאַנד, וואָס האַלט בכבוד יעדע רעליגיאָן און האָט רעספּעקט פאַר אונזער תורה און ער־לויבט אונז יין לקידוש והבדלה, מוזען מיר אידען אודאי היטען איהרע געזעצען".

„מיט אייך ר׳ שלום איז שווער צו רעדען, גרינער בלייבט גרינער, גוד באַי!". און לייבעלע איז אַוועק געגאַנגען.

קוים בין איך אַליין געבליבען, דערנעהנטערט זיך צו מיר ר׳ שלום:

„פון וואַנען איז אַ איד?"

„אויך אַ גרינער!"

„דאָס זעה איך, האָט מיר ניט קיין פאַראיבעל, דאָס איך האָב אַן אייך אין גאַנצען פאַרגעסען. אַזעלכע לייב׳עלאַך האַקען איינעם אָן אַ טשייניק, ביז מען פאַרגעסט וואו מען איז אין דער וועלט!"

„האָט איהר דאָ אַ סך אַזעלכע לייב׳עלאַך?"

„אוי־אוי־אוי! ניט נור לייב׳עלאך, נור אפילו וועלף, הינט, קעטץ מיט פאַרשידענע אַנדערע געלע חיות!"

„ר׳ שלום׳ס ווייב ברענגט דערוויל אַ טאָץ מיט צוויי גלעזער טהעע מיט צוקער און אַ לומענע אויף דינע שטיקלאַך צושניטען, און עפּעס אַ פרייליין פון אַ יאָהר זיבעצעהן־אַכצעהן ברענגט צום טיש אַ טאָץ מיט אָפּגעשניטענעם לעקאַך און איינ־געמאַכץ, ר׳ שלום׳ס ווייב שטעלט זיך נעבען איהר מאַן און קוקט אויף דעם אָנגעשריבענעם בריעף, וואָס ליגט אויפ׳ן טיש נעבען איהם. ר׳ שלום האָט מסתמא דעם בריעף ערשט פאַר אונזער אַריינקומען אָנגעשריבען. זי נעהמט איהם לייענען און דאַן שרייעט זי אוים: — „אסתר מלכה! אסתר מלכה, מיין קינד! שרייב דו אויך צו אַ גרוס צו דיינע עלטערן!“

די זעלבע פרייליין קומט נאָך אַמאָל אַריין און זאָגט:

„טאַנטע זיסע, אודאי וויל איך צו שרייבען, איך האָב זיי אפילו ערשט נעכטען אַ בריעף געשריעבען, אָבער אַ גרוס וויל איך דאָך צושרייבען“.

יונגע פריינדע! איהר קענט דאָך מיך און איהר ווייסט גוט, אַז איך בין ניט געוואוינט צו קוקען אויף ווייבלעך, אָדער מיידלאַך, איך האָב ב״ה מיין אייגענע פאַמיליע און אַ פרוי אן אמת׳ע אשה חשובה, נו וואָס געהען מיך אָן פרעמדע ווייבלעך מיט מיידלאַך? נאָר דאָ ביי ר׳ שלום אייזענשטאַרק, צו וועלכען איך בין דירעקט אויף אַ שבת געקומען זיין התנהגות צו זעהן און נאָך לייבעלע אויבער־חכמ׳ס ספּאָדיק געדרייאַכץ, האָט מיך עפּעס אַ יעדע קלייניגקייט, א יעדע מינדעסטע זאַך אַזוי פאַר־אינטערעסירט און איך האָב די מיסעם אייזענשטאַרק, ס׳הייסט ר׳ שלום׳ס ווייב זעהר גוט באַטראַכטעט און האָב בשום אופן אין איהר גאַנצען אויסקוק דאָס מ׳ר פאַרגעשטעלטע קליינ־שטעדטעלדיגע נישט געטראָפען, אדרבה, דאָ איז פאַר מיר געשטאַנען אַ גרוים־שטעדטישע, אַ וואַרשויער, אָדעסער, קראָ־קויער אָדער ווילנער אידיש־אַריסטאָקראַטישע מיטעלעיהריגע פרוי מיט אַ מין זעלבסט־באַוואוסטזיין, ווי מען זעהט טאַקע

נור ביי אונזערע היימישע אינטעליגענטע בעלי־בתּישע פרויען. אַ הויכע ברוינעטע שעהנע פרוי, און אַלם וואָם זי טראָגט אויף זיך שפּיגעלט. ס׳איז אפילו נישט נאָך דער לעצטער מאָדע, זי געהט ניט מיט קורצע אַרבעל, אָדער מיט אַ טיעף אויסגע־שניטענער בלוזקע. זי טראָגט ניט קיין קורצע קליידעל און ביז צו די שפּיץ־פינגער אויסגעשניטענע האַלבע שיעכלאַך און האָט אויך ניט קיין פּוידער אויף איהר פנים און דאָך האָט קיינער געגען קליידונג איהר גאָר נישט געקענט אויסזעצען, און אפילו דעם שייטעל וואָם זי האָט אויף איהר קאָפּ געהאַט איז אויך אַזוי גוט צוגעפּאַסט געלעגען, דאָם עם איז אַבסאָלוט נישט געווען צו דערקענען אויב עם איז אַ שייטעל אָדער איהרע אייגענע האָאָר, איהר גאַנץ געשטעל האָט מיר דעם איינדרוק געמאַכט פון אַ היימישער נגיד׳ישער כלל־טהוערן, נור ניט פון די סאָרט פרויען, וואָם בלאָזען פון זיך און האַלטען פון זיך, נור טאַקע פון דעם סאָרט עדעלע פרויען מיט דעם אייביגען אידישען שמייכעלע אויף זייערע ליפּען, וואָם זיינען איבערצייגט אַז זיי לעבען דאָ אום יעדען מענשען צו העלפען, יעדען קראַנקען צו באַזוכען, יעדען פרעמדען אורח פיין אויפצונעהמען, און אָט מיט דעם אידישען שמייכעלע האָט זי מ׳יר די טאַץ געבעקטס נעהנטער צוגערוקט און זאָגט צו מיר:

„מאַכט אַ ברכה! מיר האָבען ליעב געסט מיט ברכות“.

„דאָם זעה איך און בין איבערצייגט — האָב איך איהר מיט צופריעדענהייט געענטפערט — איך וויל טאַקע מקיים זיין, „כל מה שיאמר לך בעל הבית עשה“, וואָם דער בעל־הבית הייסט טהון, מוז מען פאָלגען, מכל־שכן וקל־וחומר, אַז מען מוז די בעל־הבית׳טע פאָלגען, ווייל זי האָט מעהר צו זאָגען אין הויז ווי דער בעל הבית“.

„דאָ האָט איהר ליעבער איד ניט געטראָפען, — האָט זי מיט אַ שמייכעלע געענטפערט. — איך האַלט פון דעם ווער־

טעל: „אז מען האַלט דעם מאַן פאַר אַ גראַף, איז מען אַליין אַ גרעפין און אַז מען האַלט דעם מאַן פאַר אַ טרעגער, איז מען אַליין אַ טרעגערין, ביי מיר אין הויז וואַרט איך, אַז מיין מאַן זאָל זיין דער בעל הבית און האָבען די דעה, און איך פיהל מיך גליקליך זיינע באַפעהלען צו פאָלגען".

הקיצור, איך האָב אַ הויכען „בורא מיני מזונות" געמאַכט, און ביידע, דאָס הייסט, ר' שלום אייזענשטאַרק'ס פרוי מיט דער „מאָדערנער מיס, האָבען אַזוי היימיש, אידישלאַך „אמן" געענטפערט, דאָס איך האָב זיך עפּעס, ווי ביי מיר אין דער אַלטער היים געפיהלט. שטעלט אייך פאָר, אַז אַ פרוי זאָגט אמן, אָדער זי געהט אין שוהל אין אַמעריקא, איז נאָך קיין נייעס ניט, אָבער אַז אַ היגע מיידעל זאָל אַ הויכען אמן נאָכזאָגען, איז עפּעס, ווי איהר וואָלט געטראָפען אין אַ רעפאָרם-טעמפּעל אַ חסיד'ישע מלוה דמלכה פראַווען, אָדער ביי אַ בני ברית קאָנווענשאָן אַ הויכע קדושה וברכו זאָגען! איך הויב זי אָן גוט צו באַטראַכטען, איהר אויסזעהן איז אַזוי סימפּאַטיש, איהר געשטאַלט אַזוי שעהן, איהר קאָפּ מיט אַ געדיכטען שוואַרצען האָאַר-וואַלד באַדעקט און איהר גאַנצער אויסזעהן: אַ געבוירענע פּרינצעסין. און אַזוי קוקענדיג אויף דער דאָזיגער פּרינצעסין האָב איך מיך צוריק דערפיהלט אין מיינע חדר יאָהרען, ווען איך האָב די זעלבע בילד געזעהן. צו איז דאָס געווען די נאָבעלע רבקה וואָס אליעזר מיט זיינע קעמלען האָט זי ביים ברונעם געטראָפען, אָדער אפשר די שעהנע רחל, וועמען יעקב אבינו האָט צוערשט מיט די שעפעלאַך געטראָפען, אָדער אפשר גאָר איז דאָס די פּרינצעסין תמר, דוד המלך'ס טאָכטער? אויך נישט! איהר פּנים איז אָבער באַקאַנט, איך האָב איהר געזיכט, צו אין חומש אָדער אין תלמוד, ערגעץ האָב איך זי געזעהן, נאָר וואו?... אַהאַ! איך האָב זיך דערמאָנט! איך האָב זי געזעהן אין דער מגילה אסתר המלכה! אָט אַזאַ פיגור האָב איך מיר

דאמאלס פארגעשטעלט, און דא זעה איך זי ווידער, „אסתר המלכה!“

„פריילין! — זאג איך, — אז איהר וועט מיר ערלויבען וויל איך אייך עפעס זאגען“.

„מיט׳ן גרעסטען פארגעניגען, — האט זי מיר גענטפערט — זאגט! — איהר וועט מיך נור ניט חושד זיין, אז איך וויל אימעצען חנפ׳ענען!“

„איהר קענט זאגען, נור אז איהר וועט חנפ׳ענען, וועט עס אייער אייגענע עבירה זיין!“

„אלזא זאג איך אייך, נישט גע׳חנפ׳עט, אז געלויבט השי״ת, עס קומט מ׳יר דא פאר ווי איך זאל האבען א ליכט אין פינסטערן וואלד געטראפען“.

„דאס האט איהר אביסעל איבערטריבען, האט זי מיר פארשעהמט געענטפערט, א ליכט געפינט מען נישט אין א וואלד. איהר האט העכסטענס אזא מין נאכט-ווערימעל אין וואלד גע־טראפען, וואס פליהענדיג פערשפרייט עס א פייערל. נו, פרעג איך אייך: וויפיעל ליכט, וויפיעל פייער קען אין זיך אזא ווערע־מעל האבען? קען דאס פיצעלע ווערעמעל באלייכטען דעם גרויסן פינסטערן וואלד? קען דאס פיצעלע פייערל פון אזא קליין ווערעמעל אין א פינסטערער נאכט גענוג ליכט געבען? אין געגענטייל, דאס ווערעמעל האט ניט אמאל אזוי פיעל ליכט וויפיעל עס דארף פאר זיך אליין אין דעם גרויסען וואלד“. — —

— —

וואס זאל איך אייך יונגע פריינדע דערצעהלען: איך בין פון דעם קלוגען פאעטישען ענטפער ערשט רעכט איבערראשט געווארען, אזא שנעלען שלאגפערטיגען ענטפער פון אזא יונג קינד, האב איך זיכער נישט ערווארטעט.

ר׳ שלום מיט זיין פרוי האבען אויף מיר געקוקט, ווי זיי וואלטען זאגען: „ווי געפעלט אייך עפעס אזא ענטפער?“

דאָס מיידעל האָט דערוויל געשווינד אַ גרוס צו איהרע עלטערן צו געשריבען, זי האָט פאַרקלעפּט דעם קאָווערט און אוועקגעלאָפען מיט איהם אין גאַס, אין פּאָסט-קאַסטען אריינצו-וואַרפען.

„דאָס איז אייערס אַ משפחה?" — פרעג איך אַצונד פון ר' שלום'ן מיט זיין פרוי.

„יאָ — האָט ר' שלום געענטפערט. — דאָס איז ב"ה אן „אוד מוצל מאש" אַ געראָטעוועט שטיקעל סחורה פון די אוקראַינער פּאָגראָמען. ווי געפעלט אייך עפּעס דאָס שטיקעל סחורה?"

„ווי עס געפעלט מיר? כן ירבו וכן יפרצו בבנות ישראל, הלואי וואָלטען אַלע אידישע טעכטער אין אַמעריקא אַזוי אויס-געזעהן".

„מיין ליבער איד, האָט זיך ר' שלום פלוצלונג אַ כאַפּ גע-טהון — אַצונד איז ערב שבת און מען דאַרף עפּעס אַ שטיקעל הכנה האָבען אויף שבת, איז קיין צייט ניטאָ מעהר צו רעדען וועגען דעם, נור איהר וועט אי"ה איבער שבת דאָך מיין גאַסט זיין, וועט איהר אַ געלעגענהייט האָבען צו זעהן, אַז דאָס איז קיין ווערעמעל ניט ווי זי זאָגט, נאָר אַ ליכטיגע לבנה, וואָס באַלייכט אונז די אַמעריקאַנער פינסטערע נעכט....

„פון וואַנען איז אַ איד?„ —פרעגט מיך ר' שלום.

„איך בין פון פאַליטישען טאון,פּאַ."

„און פון וואַנען זענט איהר פון דער היים?"

„איך בין אַ טראַנסילוועגער, און דערצו אַ גרינער, ערשט עטליכע יאָהר, וואָס איך בין קיין אַמעריקא געקומען און הייסען היים איך: „דער גרינער רעווערענד".

„זעהר פיין“, — האָט ר׳ שלום אָפּגעענטפערט, און דרעהט זיך אוים צו מיר זאָגענדיג: „אַצונד אויב איהר ווילט, וועל איך אייך אין באָד פיהרען“.

„מיך איז זעהר שווער אין באד צו פיהרען, נור פון אייך ר׳ שלום, אַז איך בין שוין ביי אייך, וועל איך זיך לאָזען פיהרען“.

זיבעטער קאַפּיטעל.

ר׳ שלום אייזענשטאַרק׳ס גרויסאַרטיגע קוואַל־מקוה אין זיין קעלער צוגעריכט מיט אַ שוויץ־באַד, מיט אַ שפּריץ און מיט אַלע באַקוועמליכקייטען. — דאָס עסען פאַרזוכען נאָך דער מקוה. — ר׳ שלום גיט מיר אַ לעסאָן. — איך שטעל זיך פאַר איהם פאַר, וויוז איהם מיינע כתבים. — ער איז מיך מפּיים.

און ר׳ שלום פיהרט מיך אין זיין מקוה...

ער געהט פאַראויס, און איך געה איהם נאָך אין קעלער, און וואָס זעה איך? עס איז ניט קיין געוועהנליכער קעלער. עס מעג פאַסען פאַר אַ גאַנץ פיינער וואָהנונג; ריין, שעהן און ליכטיג. ער פיהרט מיך ערשט אין אַ קליין צימערל, דאָס איז צום אויסטהון זיך, מיר געהן ווייטער אין אַן אַנדערן צימערל, דאָרט איז אַ שפּריץ. מיר געהען ווייטער און קומען אַריין אין אַ קליין צימערל מיט ווייסען פאָרצעלאַן אויסגעפּלאַסטערט און דאָ זעה איך אַ קלאָהר ריין הימעל־בלוי־פאַרביג וואַסער, צעהן טרעפּ אַרונטערצוגעהן.

„זעהט איהר, מיין ליעבער איד, דאָס איז מיין שטאָלץ אין אַמעריקא! דאָס איז אַ קוואַל־מקוה, עס קאָסט גאָר ניט פיעל און איז מיט אַלעם באַזאָרגט, וואָס די תורה און די היגיעני פאַרלאַנגט. איהר וועט באַלד זעהן, אַז מיר וועלען זיך האָבען טובל געוועזן, גיב איך אַ דריק דעם דאָזיגען עלעקטרישען קנעפּעל און די עלעקטרישע פּאָמפּע ציהט דאָס גאַנצע וואַסער אַרויס, נאָך 24 שעה זאַמעלט זיך דאָס וואַסער ווידער אָן און מען האָט אַ פרישע, כשרה מקוה, אָהן שום שאלות. גלויבט מיר, יעדער איד, וואָס האָט זיין אייגען הויז קען זיך אַזאַ מקוה

מאכען. עס קאסט גאר ניט פיעל און דא אין אונזער געלעסוויל איז ליידער אויפגעשטעלט א שוהל, אפשר פאר הונדערט טויזענט דאלער, און א מקוה, וואס איז פיעל וויכטיגער און נויטיגער צום אידישען לעבען, האט מען אפילו אין די געדאנקען ניט געהאט. זאגט מיר כ׳בעט אייך, איהר פאהרט דאך עפעס ארום אין אמעריקא, ווי זעהט עס ערגיץ אנדערש אויס מיט דער מקוה?

„פונקט אזוי ווי היער", — ענטפער איך איהם. ער גיט א טיעפען קרעכץ און רופט מיך ווייטער צו געהן מיט איהם. ער פיהרט מיך אין א קליין צימערל אריין דארט זיינען טרעפ ביז צום סילינג ארויף, — „דא איז דער שוויץ" — זאגט ער, און אט זעהט איהר די טהיער, דא איז א צימערל מיט טרוקענע סטים צום אפטרוקענען זיך פאר׳ן ארויס געהן. איבעראל דארף מען מעהר ניט ווי א דריק טהון אן עלעקטרישען קנעפעל, קומט באלד דער שוויץ אדער דיווארעמע לופט. דאס זעהט איהר, איז מיין איינציג אידיש פארגעניגען דא אין געלעסוויל".

עס האט ניט לאנג גענומען און מיר האבען זיך אלע פארגעניגענס אנגעטהון. מיר זענען דאן ארויף געגאנגען צוריק אין ר׳ שלומ׳ס עס-צימער, דא האט שוין געווארט אויף אונז עטוואס פון די שבת׳דיגע מאכלים טועם צו זיין, ר׳ שלום זאגט: „טועמיה חיים זכו" (די וואס פארזוכען פון שבת׳דיגע מאכלים זיינען זוכה צו א לעבען) ער מאכט א ברכה און איז טועם און איז מיך אויך מכבד. ער טהוט מיך באלד א פרעג:

„אויב עס וועט אייך ניט פאדריסען וועל איך אייך פרעגען! וואס טהוט איהר דא אויף שבת אין געלעסוויל? איך זעה דאך, אז איהר זייט א בעל-בתישער איד, קיין עין הרע!"

„איהר זייט גערעכט, ר׳ שלום! איך בין טאקי אפשר א בעל-בתישער איד און בין אין אמת׳ען נור צו אייך אויף שבת געקומען!..." — האב איך איהם געענטפערט.

„דאָס פרעהט מיך זעהר, נאָר וועמען האָב איך מיין פאַר־גניגען צו דאַנקען?" — פרעגט מיך ר׳ שלום.

„צו פאַרדאַנקען האָט איהר אייער רעווערענד, אייער שימקע קאָכלעפעל, אייער ליזי שפּיעלפאָגעל, וועלכע האָבען אַ שם וועיט און ברייט!" — האָב איך געענטפערט.

„און איהר אַליין וואָס זייט?" — פרעגט מיך ר׳ שלום.

„אַליין בין איך אַ איד אַ ביזנעס־מאַן, אַ ריעל־עסטייטניק און אויך אַ מתפלל פאַר מענשענס לאַנג לעבען, דאָס הייסט איך בין אויך אין די „אינשורענס ביזנעס" איהר פאַרשטעהט, אין אַמעריקא איז דאָך נאָך דער דאָלער דער מיוחס, מוז מען אַ לעבען מאַכען און כאַטש אַ פאַר הייזקעס אָפּשפּאָרען".

„ביי מיר, מיין ליעבער איד, זייט איהר אפילו מיט דרייסיג הייזער אויך קיין גרויסער מיוחס ניט, און אייערע אַלע גע־שעפטען מיט אייערע אינשורענס ביזנעס צו זאַמען מאַכען מיך גאָר ניט נתפעל צו ווערען, איך קען אָבער ניט משיג זיין מיט׳ן שכל, ווי קומט עס צו אַזאַ אַלרייטניק ווי איהר, צו אינטערע־סירען זיך קהל׳שע זאַכען און דערצו נאָך מיט פרעמדע קהלות? מיט קהל׳שע זאַכען דאַרף זיך אָפּגעבען אַ איד אַ קבצן, אַ תלמיד חכם, אַ בעל מעשים טובים, ווייל דאָס איז זיין ביזנעס וועלכע ער נעהמט מיט זיך מיט אויף יענער וועלט, אָבער ריעל־עסטייט, אינשורענס ביזנעס, לאָזט מען איבער דאָ אויף דער וועלט, און אַז מען קומט אַהין איז מען אַ נאַקעטער, טאָ ווי קומט אַזאַ איד ווי איהר צו אינטערעסירען זיך מיט קבצנ׳ישע געשעפטען?"

„ר׳ שלום! — זאָג איך צו איהם, — איהר זייט פאַלקאָם גערעכט, איך האָב צו אייך גאָר ניט, איך האָב נאָר געוואָלט הערען, וואָס איהר האָט צו זאָגען צו אַזאַ אַלרייטניק ווי איך, און איך בין זעהר צופריעדען צו הערען אייער מוסר, נור לעולם געהט מיך טאַקע ווענינ אָן צו וויסען פון פרעמדע קהלות, נור

איך האָף, אַז איהר וועט מיר ניט פּאַראיבעל האָבען, ווען איך וועל אייך דערצעהלען, אַז איך שטודיר אין אַמעריקא דאָס קאָנטרי לעבען, כדי דאַריבער פּאָרטרעגע צו האַלטען, ניט חלילה פאַר געלד, נור פאַר אונזערע יונגע קינדער, וועלכע איך האָב אָרגאַניזירט ביי מיר אין שטעדטעל, און ווען איך זאָל זיי פון אונזער שטעדטעל גופא דערצעהלען, האָב איך אויך גענוג, נור, אַז איך ברענג זיי עפּעס פון דער פרעמד, שמעקט עס זיי בעסער. אין מיין שטעדטעל, וואו איך וואוין איצט, איז אויך קיין דאגה ניט אין צרות, ביי אונז האָבען די עהרליכע רבנים אויך אַ קליינע דעה ביים שוחט, ביים קצב אָדער אין כשרות. דעם ועד הכשרות פיהרען ביי אונז די טרפה׳נע ביינער, די חזיר-בוטשאַרעס, וואָס פאַרקויפען טאַקע חזיר-פלייש מיט כשר פלייש אויסגעהאַקט אויף איין קלאָץ, אפילו אַ משגיח קען נאָר זיין דער יעניגער וועמען זיי אַליין ווילען. און ווען אַן ער־ליכער רב אָדער אַ שוחט רעדט אַ וואָרט, מאַכט מען איהם שנעל צו דאָס מויל, כדרכנו בקודש אין אַמעריקא"....

און איך נעהם אַרויס פון צווישען מיינע זאַכען מיינע שריפּ־טען פון דער היים און ווייז איהם, אַז איך בין דאָרטען אויך ב"ה ניט געוועזן דער ערגסטער. ר׳ שלום לייענט איבער מיינע כתבים און בעט מיך איך זאָל איהם מוחל זיין, ווייל ער האָט מיך חושד געוועזן, אַלס ניט דאָס וואָס ער זעהט, אַז איך בין. דאַן זאָגט ער צו מיר:

„איהר ווייסט דאָך אודאי פון דער גמרא: „כבדהו וחשדהו", דערצו נאָך אין אַמעריקא, מוז מען אוודאי מכבד זיין און אויך חושד זיין".

„איהר האָט אַ גוטען לאָיער, — האָב איך געענטפערט, — די גמרא אַליין, נור איהר אַליין זענט די גמרא טאַקע מקיים ריכטיג, איהר זייט פריהער מכבד און דערנאָך „וחשדהו".

„אָבער וויפיעל האָבען מיר אַזעלכע? ליידער זיינען אונזערע אַמעריקאַנער אידעלאך (רעספּעקט פאַר די אויסנאַהמען) אַ היבש ביסעל אַנדערש, זיי צאַפּען פיעל בלוט פון פרעמדע אידען, ווענען זיי האָבען קיינמאָל ניט געזעהן, און לאָזען דעם כבדהו אין גאַנצען אַוועק און דעם וחשדהו כאַפּען זיי אויף מיט ביידע הענט“.

אַכטער קאַפּיטעל.

ר׳ שלום׳ס ספרים צימער, זיין לערנען מסכת שבת. — זיין פשט אויף יציאות השבת שתים, זיין פּשט אויף מי שהחשיך. — זיין סיום מיט׳ן הדרן עלך. — די שעהנע אסתר המלכה הערט אוים יעדעס וואָרט און מאַכט זיך נאָטיצען, — מיר געהען אין שוהל. — דער שיר השירים...

ר׳ שלום האָט מיך באַלד אין אַ שעהן צימער אריינגעפיהרט, דאָרט איז געשטאַנען אַ בעט, אַ טישל, צוויי פאַטערשטוהלען. אין דער וואַנד איז אַריינגעמויערט אַ שאַפע, פאַר קליידער אַריינצוהענגען. נעבען דעם בעט צוקאָפּענס, קוקט אַרוים פון דער וואַנד אַ סינק פון פּאָרצעלאַן, אין וועלכער עס שטעהט אַ קופּערנע קוואָרט און דאַנעבען אַ האַנדטוך.

„דאָס איז געמאַכט אויף נעגעל-וואַסער אָפּצוגיעסען, כדי ניט צו געהן ד׳ אמות אָהן נעגעל וואַסער, — זאָגט ר׳ שלום צו מיר, — און דאָ זעהט איהר אויפ׳ן טיש די דאָזיגע טאָץ מיט די צוויי הויכע פּאָרצעלאַנענע כלים? דאָרטען שטעהן צוויי טערמאָס פלאַשען, איהר ווייסט דאָך וואָס דאָס איז? זיי האַלטען אין זיך די וואַרימקייט פיער-און-צוואַנציג שעה, אין איינער האָט איהר היים וואַסער, און אין די אַנדערער איז שוואַרצע קאַפע, און דאָ האָט איהר שטעהן אין דער כלי מילך, און דאָ האָט איהר אַ טשייניקעל טהע עסענץ, דאָ האָט איהר שטיקלאַך צוקער, דאָ האָט איהר געמאַלענעם צוקער, דאָ האָט איהר גלעזער מיט לעפעלאַך און איהר קענט אַלזאָ טרינקען שבת טהעע אָדער קאַפע, וואָס אייער האַרץ געלוסט. און דאָ

האָט איהר דעם באָד-צימער מיט אַלע אימפּרואוומענטס, פאַר־געסט נור ניט און נעמט אַקאָרשט ניט שבת קיין באָד, האָט ר׳ שלום צוגעלעגט מיט אַ שמייכעל.

און זעהט איהר דאָ די טהיער רעכטס? דאָ איז מיין ספרים צימער, אויב איהר שטעהט אויף פריהער פאַר מיר, קענט איהר דאָ אַריין געהן אין אַ ספר אַריינקוקען," — זאָגט צו מיר ר׳ שלום, און ער פיהרט מיך אין ספרים צימער אַריין. איך געפין זיך אַצונד ניט אין אַ פּשוט׳ן ספרים צימער, נור אין אַ הערליכער ביבליאָטעק, אַרום אַן אַרום די ווענט פון אַ גרויסען צימער שטעהען ספרים שרענק אויסגעשטעלט. יעדער שראַנק האָט זיך זיינע אַנטיקען מיט ספרים. אַט למשל, איז איין שראַנק פול מיט סאַמע חומשים, אַלטע אַנטיקען מיט נייע. איך טרעף דאָ חומשים מיט׳ן חזקוני, חומשים מיט׳ן אור החיים, מיט׳ן מאור ושמש, מיט׳ן אבן עזרא, מיט׳ן מלב״ם, מיט שמשון רפאל הירש׳ס איבערזעצונג און נאָך צעהנדליגע חומשים מיט טהייערע פּירושים, אפשר פינף ערליי חוקים, עטליכע ערליי נ״ך׳ס, מגידות ספרים, ש״ס בבלי וירושלמי, אַלעס אין עקסטרע ספרים שרענק, איין שראַנק מיט סאַמע שאלות תשובות ספרים, איינער מיט לויטער חקירה ספרים, ווי מורה נבוכים, כוזרי, עקדות, מסילת ישרים, חובות הלבבות, א. אַז. וו. איך וויל מיר גאָר ניט גלויבען, אַז איך זעה דאָס אויף דער וואָהר. איך דענק אַז איך חלום; ער פיהרט מיך צוריק אין מיין שלאָף צימער און זאָגט צו מיר, איך זאָל מיך אַביסעל אָפּרוהען אין בעט, ער וועט מיך פאַר׳ן שוהל־געהן אויף וועקען, און איך פאָלג.

ליגענדיג אין בעט טראַכט איך איבער דער וואונדערבאַרער איינריכטונג פון ר׳ שלום׳ס הויז, ווי אַלעס איז אַזוי צוגעפּאַסט צו אידישקייט, עולם הזה אויסגעמישט מיט עולם הבא.

מיט אַמאָל דערהער איך ר׳ שלום׳ס שטימע, ווי ער רופט זיין ווייב פרומע. איך הער זי קומט און ער פרעגט זי, אויב זי

איז שוין מיט׳ן גאַנצען שבת־מאַכען פאַרטיג, און זי ענטפערט: „יאָ!“ ער פרעגט אויב אסתר מלכה איז שוין אָנגעטהון לכבוד שבת? און זי ענטפערט, אַז זי איז שוין באַלד אָנגעטהון. און ר׳ שלום זאָגט ווייטער: ווען אסתר מלכה וועט זיין פאַרטיג אָנגעטהון, רוף זי אַריין אַהער, איך האַלט אַצונד ביי אַזאַ לערנען, וואָס וועט איהר אין אַמעריקא צונוץ קומען, און דו מיין פרוי, מעגסט עס אויך הערען. עס נעהמט ניט קיין צעהן מינוטען און איך הער דיביידע „פרויען שטימען“ רעדען, געהענדיג אין ספרים צימער, און אַזוי ווי מיין שלאָף־צימער איז געווען אָב־געטהיילט פון דעם ספרים צימער, דורך אַ גאַנץ דינער ווענטעל, האָב איך אַלעס געקענט הערען.

„אסתר מלכה, מיין קינד! — דערהער איך ר׳ שלום׳ס שטימע, — איך וויל דיר היינט עפּעס פון דער גמרא דער־צעהלען. איך ענדיג היינט שבת“.

„שבת טאָהר מען קיינמאָל נישט ענדיגען!“ — הער איך דער מיידעל׳ס האַלב־וויציגען ענטפער.

„אמת, מיין קינד, איך האָב מיך נור שלעכט אויסגעדריקט, איך מאַך אַ סיום אויף מסכת שבת, דאָס הייסט, איך פאַרענדיג די גמרא שבת, וואָס איך האָב אַ גאַנץ יאָהר געלערענט“.

„דאָס אָנקעל, איז שוין עפּעס אַנדערש, — ענטפערט אסתר מלכה, — איז פאַר מיר אויך דאָ עפּעס וויכטיגעס צו הערען?“

„זעץ דיך דאָ נעבען דיין טאַנטע אַוועק, וועסטו הערען, אויב עס איז פאַר דיר וויכטיג,“ — ענטפערט ר׳ שלום. — נור פון דעסטוועגען, אסתר מלכה, מיין קינד, האָב איך נאָך ניט אין גאַנצען שלעכט געזאָגט, דען אויב איך אַליין ענדיג נור צו לער־נען די גמרא שבת, האַלט דאָ אונזער קהלה ליידער, ביים ענדיגען דעם שבת גופא“.

„אָנקעל! — מען דאַרף ניט זיין פאַרצווייפעלט. מיר דוכט זיך, אַז דער שבת וועט דאָ אין געלעסוויל פאַ.. ערשט אָנהויבען

צו בליהען. מיין פּלאַן וועגען דעם פעראיין, האַלט ביים אויס־געפיהרט צו ווערען. אונזער פעראיין „בנות ישראל“ מאַכט גרוים פאַרטשריט, און מיין פּלאַן איז צו אויפלעבען דאַ דעם שבת.

„וואַס פאַר אַ פּלאַן איז דאַס?“ פרעגט ר׳ שלום.

„איהר וועט שוין זעהן, אַנקעל! קוקט זיך נור צו, צו דאַס גרייטע. היינט אויף דער נאַכט קומען אַלע מיידלאַך אַהער צו מיר. איך וועל פאַר זיי רעדען וועגען דער הייליגקייט פון שבת. עס קאַסט מיך אָפּ אַ יאָהר אַרבייט צו אָרגאַניזירען די היגע מיידלאַך, אָבער מיין מיה, זעה איך, וועט נישט זיין אומזיסט“.

„הלואי נור עפּעס גוטעס“.

„שלעכטס מאַך איך ניט“.

„וועל איך אויך קענען הערען?“ — פרעגט ר׳ שלום.

אָ! זעהר גערן. איך וועל אָפּען לאָזען די טהיער פון דער ביבליאָטעק און איהר זאָלט אָפּען לאָזען די טהיר פון עס־צימער, וועט איהר אַלעס קענען הערען“.

„ווען וועט דאָס זיין?“ — פרעגט ר׳ שלום.

„באַלד נאָכ׳ן עסען, — ענטפערט אסתר מלכה. — אַנקעל! איך זאָג אייך, איהר וועט נאָך נחת האָבען! די צוזאַמענקונפט וועט טאַקע זיין דאַ אין דער ביבליאָטעק, דאָ איז דאָך ליכטיג אַ גאַנצען שבת!“

„איך ווינש דיר פיעל גליק אין דיין אונטערנעהמונג — ענטפערט ר׳ שלום, — איצט אסתר מלכה, מיין קינד, וועסטו דיך אַביסעלע צו מיין געזאָגעכץ איינהערען, אפשר וועט עס דיר צו דיין פאָרטראַג צו־נוץ קומען“.

„אָה, אָנקעל! נור ניט אַזוי באַשיידען! וואָס הייסט דאָס „אפשר וועט עס מיר צונוץ קומען“?... גאַנץ זיכער וועט עס מיר צו נוץ קומען! קיין גרעסערען פאַרגניגען ווי דאָס וואָס

איהר לאָזט מיך הערען עפּעס פון די אידישע ספרים, קענט איהר מיר ניט פאַרשאַפען, וואָס דען זיין איך דאָ, אויב ניט צוליעב דעם?״

„אַזוי גאַר? — רעדט אַריין פרומע, ר׳ שלום׳ס ווייב, — צוליעב מיר, דיין טאַנטע וואָלסטו גאַרנישט געוואָלט זיצען?!

„עס איז דאָך אָבער פאַרט בעסער, אַז איהר זאָלט ביידע געזונד זיין און איך זאָל ביי אייך ביידען זיין!״

„איך האָב געוואוסט אַז דו קענסט דיך גוט אַרויסדרעהען״— זאָגט פרומע צו איהר פלימעניצע, — ביזט שוין איינמאָל אַ גנב׳טע!״

„טאַנטע זיסע! איך דרעה נישט, איך זאָג נאָר וואָס איך מיין״ — האָט אסתר מלכה געענטפערט.

„שווייגט שוין, ביידע, אביסעל — זאָגט ר׳ שלום — און לאָזט מיך אויך עפּעס זאָגען״.

איך ליעג אַזוי און וואַרט מיט אונגעדולד, וואָס ר׳ שלום וועט דאָ זיין פלימעניצע זאָגען פון דער מסכת שבת, און איך דערהער דאָס פאָלגענדע:

„דער לעצטער פרק פון מסכת שבת הייסט „מי שהחשיך״, ווען אַ איד געפינט זיך פרייטאג פאַר-נאַכט אין וועג און ער באַמערקט אַז עס הויבט אָן פינסטער צו ווערען, דאָס הייסט, עס ווערט שבת, נותן כיסו לנכרי, דאַרף ער זיין פעקעל געלד איבערגעבען צו אַ גוי, ואם אין עמו נכרי, און אויב ער האָט ניט מיט זיך קיין גוי, מניחו על החמור, לעגט ער דאָס אַרויף אויפ׳ן עזעל, אויף וועלכען ער האָט ביז איצט געריטען, ווייל שבת טאָהר אַ איד קיין געלד ביי זיך ניט טראָגען, און אַזוי ווי אונזער משנה איז ווי אַ דיאַמאַנט, וואָס איהר קענט איהם אויף אַלע זייטען שלייפען, דאָס מיינט, אַז אונזער משנה לאָזט זיך אויסטייטשען אויך אויף אַנדערע אופנים אויסער דעם דין וואָס זי ענטהאַלט, דען אונזער תורה האָט אויסער דעם שוין צוגע-

שניטענעם און אויפגענייטען מלבוש נאָך געגוג סחורה, וואָס יעדער מענש קען נאָך דערפון אנדערע פיינע מלבושים מאַכען, האָב איך אייך צו זאָגען וועגען דעם אַ זעהר פיינעם געדאַנק.

„איך וויל אייגענטליך צושניידען פון דער משנה אַ מלבוש פאַר אונזער קהל אין געלעסוויל פאַ., — מי שהחשיך לו בדרך (מיט אַ ניגון), אַז אַ איד מוז נעהמען אַ נייעם וועג, פאָהרען קיין אַמעריקא און ער קומט קיין געלעסוויל ,פאַ., איז יעדען פרייטאג פאַר־נאַכט, ווערט איהם נעבאַך פינסטער אין די אויגען, צוזעהענדיג, ווי די היגע אידען מאַכען זיך גאַר ניט, וויסענדיג פון דעם הייליגען שבת.

ווען מען געהט פרייטאג פאַר נאַכט אין שוהל אַריין ווערט פינסטער אין די אויגען צוזעהענדיג ווי פון אַ קהל פון הונדערט און פופציג מעמבערס זעהט מען קוים קוים, אַנדערהאַלבען מנינים אין שוהל, און ווען מען געהט שוין אַהיים פון שוהל נאָכ'ן דאַווגען, איז די גאַנצע גאַס ליכטיג פון די עלעקטרישע באַלייכטונג פון שוהל און מיט אַמאָל ווערט דער וועג אַהיים פינסטער, ווייל דער פרעזידענט, אָדער דער גבאי האָט די עלעקטריק אויסגעלאָשען. פרעג איך דאָך „מי שהחשיך לו בדרך?" ווער האָט עס אום שבת די עלעקטריק פאַרדרעהט? ווי מעג דאָס א איד מחלל שבת זיין אין שוהל גופא? ענטפערט מען מיר מיט אַ פראַגע: נותן כיסו לנכרי? זאָל מען געהן דינגען אַ גוי און באַצאָהלען איהם פאַר אַזאַ קלייניגקייט?

דאַרויף ענטפער איך זיי: איהר זייט גערעכט און טאַקע גאַנץ גערעכט, ווייל די משנה זאָגט ווייטער „אם אין עמו נכרי", אַז ער האָט קיין גוי די שבת׳דיגע ליכט אויסצולעשען, „מניחו על החמור", לעגט מען דאָס אַרויף אויף דעם חמור דעם פרעזידענט, אָדער אויף דעם חמור דעם גבאי, אַזוי ווי דאַ ביי אונז אין געלעסוויל. אָט דאָס האָט אפשר דער געטליכער נביא ישעיה מיט זיינע הייליגע ווערטער געמיינט: כי תבואו לראות פני,

אַז איהר קומט אַמאָל אין שוהל אַריין, „מי ביקש זאת" ווער פאַרלאַנג „דאָס דאָזיגע ליכט" „מידכם" וואָס קומט פון אייערע הענד, וואָס איהר גיט אַן עפּען מיט אייער האַנד, „רמוס חצרי" ביים אַריינטרעטען אָדער אַרויסטרעטען פון מיין חצר, פון מיין שוהל ?!...

חדש ושבת קרא מקרא, אייער פרנס חדש, אייער פּרעזי־דענט, אייער שבת, אייער רעווערענד, אייער בעל קורא „לא אוכל", קען איך מעהר ניט, ווייל זיי קענען מיך ניט „און" ווייל זיי באַגעהן אַ פאַרברעכען „ועצרה" און זיי האַלטען אויף דעם גלות....

„הדרן עלך מסכת שבת", ווען מיר אידען וועלען זיך צוריק קעהרען צו דער מסכת שבת, ווען עס וועט זיך ווידער הערען דער ניגון הגמרא אין די אידישע חדרים, וואו אונזערע קינדער וועלען לערנען די דינים פון שבת, וועט זיין „הדרך עלן", וועט זיך דער שבת אומקעהרען צוריק אויף דער אידישער גאַס און עס וועט זיין אויך אַ ריכטיגער שבת אין דער אידישער שוהל.

און איצט הערט ווייטער. „יציאות השבת" — זאָגט די הייליגע משנה — די דינים פון אַרויסטראָגען עפּעס אום שבת פון איין רשות אינ'ם אַנדערן „שתים" זיינען צוויי ערליי „שהן ארבע", וואָס זיי זיינען פיער „בפנים" אינעוויינעג אין דער וואוינונג, „ושתים" און צוויי ערליי „שהן ארבע" וואָס זיי זיינען פיער „בחוץ" אין דרויסען. פרעגען אַלע מפרשים, פאַרוואָס שטעהט דאָס לשון „יציאות" וואָס דאָס מיינט „אַרויסגעהן", אין דער משנה רעדט גאָר פון „אַרויסטראָגען" און ניט פון „אַרויסגעהן", וואָלט דאָך באַדאַרפט שטעהן „הוצאות" אַרויס־טראָגען, אַרויסגעבען?... נור דער תנא מיינט דאָ אַ חוץ דעם דין, נאָך אָט וואָס: „יציאות השבת" ווען דער שבת האַלט נעבאַך ביים אויסגעהן, אַזוי ווי אין אונזער געלעסוויל, „שתים" זיינען אין דעם שולדיג צוויי, דער טאַטע און די מאַמע, „שהן

ארבע", וואָס פון דעם ווערען פיער; טאַטע מאַמע, זוהן און טאָכטער, „בפנים" ווייל די קינדער זעהען קיין שבת ניט בפנים, אין דער היים ביי זייער טאַטע מאַמע, „ושתים" און די זעלבע צוויי, טאַטע מאַמע, „שהן ארבע" וואָס ווערען שוין פיער מיט זוהן און טאָכטער צוזאַמען „בחוץ" דורך דען חילול שבת וואָס מען זעהט אין דרויסען. ביי אונז אין דער אַלטער היים האָבען מאַנכעס מאָל קינדער פון גוטע עלטערן אויך אַוועק געבלאָנ־דזשעט, דאָך איז זיי באַקאַנט געווען דער וועג פון זייערע עלטערן, און פריהער אָדער שפּעטער האָבען זיי זיך צוריק געקעהרט צו דעם ריכטיגען וועג, אויף וועלכען די עלטערן זיינען געגאַנגען, דאָ אָבער, אַז די עלטערן געהען גאָר ניט אין דעם ריכטיגען וועג, טאָ ווי אַזוי זאָלען די קינדער וויסען צוריק צו טרעפען, אַז ניט בפנים און ניט בחוץ, האָבען די עלטערן זיי געוויזען דעם גוטען וועג. אוי, רבוש"ע! „בחוץ"! וויפיעל אידישע נפשות בלייבען דורך דעם אין דרויסען פון'ם אידישען לאַגער?... אוי, רבוש"ע! „יציאת השבת"! דער שבת האָלט אין געלעסוויל אין אויסגעהן!... דערצעהלט אונז אָבער די הייליגע מסכת שבת דעם רעזולטאַט דערפון און זי גיט אונז אויך אַ וואונדערבאַרע עצה: „מי שהחשיך לו בדרך", ווען דער שבת ווערט אין גאַנצען פינסטער, איז דער סוף דערפון, „נותן כיסו לנכרי", קומען די נכרים, די גוים, און נעהמען אַוועק ביים אידען זיין גאַנצען פאַרמעגען. זיי מאַכען פּאָגראָמען, רעוואָ־לוציעס, און אידישע גבירים ווערען לא עלינו דלפנים, וועלכע מוזען אָנקומען צום בעטעל־ברויט, ווי מיר האָבען דאָס שוין פיעלע מאָהל געזעהן און ערשט לעצטענס ווי די באָלשעוויקעס האָבען דאָס געטהון מיט די אידען אין רוסלאַנד און אין אונגאַרן. דער סוף איז געווען, „נותן כיסו לנכרי„ די פּאַראַמשציקעס האָבען אַלעס צוגענומען, און דאָס זעהען מיר דאָך בכל דור ודור, אַזוי איז געווען אין שפּאַניען, אין פּאָרטיגאַל, און איבעראַל,

דאָס מאַטעריעלע אידישע פאַרמעגען האָבען די גוים מיט גע־וואַלט צוגענומען ווייל דאָס גייסטיגע פאַרמעגען האָבען די אידען צו ערשט אַליין אוועקגעגעבען. דערמיט גיט אונז אויך די גמרא אַ טהייערע עצה וואָס צו טהון, „נותן כיסו לנכרי“, דער איד זאָל אַליין אוועק געבען זיין שבת־רווח צום גוי, שבת זאָל ער ניט טהון קיין ביזנעס נור זיצען אין דער היים נעבען זיין שבת מלכתא, מיט דער אמת׳ער מנוחה ושמחה אור ליהודים, דען ווי פינסטער דער גלות איז אין דער וואָכען, איז דער אידישער שבת פול מיט מנוחה און ליכטיגקייט, דאַרף עס דער איד אָפּהיטען און ער וועט פון די שבת־ביזנעס סיי ווי סיי ניט רייך ווערען, ווייל מיר זעהען טאַקע אַז פיעלע אידען וועלכע אַרבייטען אום שבת, זענען גרויסע קבצנים, און פיעלע שטרענגע שומרי שבת, זיינען גבירים און די שבת־ביזנעס פעהלט זיי ניט. זיי האָבען גענוג פרנסה אין די זעקס וואָכעדיגע טעג“.

„אסתר מלכה, מיין קינד! וואָס איבערגעהן דיר די אויגען? דו דאַרפסט ניט וויינען!“ — הער איך ווי ר׳ שלום זאָגט.

„איך וויין נישט, אָנקעל!“ ענטפערט אסתר מלכה.

„איך זעה דאָך אָבער אַז דו וויינסט יאָ?!“ — זאָגט ר׳ שלום.

„עס פאַרדריקט ביים האַרצען. — ענטפערט אסתר מלכה.

„דאָס האָב איך טאַקע געוואָלט הערען, אסתר מלכה, מיין קינד, און אַצונד מוז מען זיך גרייטען צום שבת“ — זאָגט ר׳ שלום.

מעהר האָב איך ניט געהערט, ווייל זיי זיינען מסתמא אין די וויטערע צימערען אַריינגעגאַנגען. איך האָב מיך שנעל אויפ־געכאַפּט פון בעט און האָב מיך אָנגעטהון לכבוד שבת און ווען ר׳ שלום איז צו מיר אַריינגעקומען מיך רופען אין שוהל, בין איך שוין פאַרבערייטעט געווען.

הקיצור, מיר זיינעןביידע אין שוהל געגאַנגען, דאָרט האָבען מיר נאָך קיינעם ניט געטראָפען.

ר׳ שלום נעהמט זיך זאָגען שיר השירים, איך טהו אויך אַזוי.

נור עפּעס בין איך, שנעל שטיל געבליבען, דערהערענדיג מיט וואָס פאַר אַ זיסקייט ר׳ שלום זאָגט זיין שיר השירים. מיינע אויערען האָבען דאָס נאָך קיינמאָל נישט געהערט. איך זעץ מיך אַוועק און הער מיך גוט איין. איך באַטראַכט די שוהל, אַ שעהנע אידישע שוהל, גרויס, הויך, דער באַלעמער אין דערמיט, עס קען אַריינגעהמען אפשר פינף הונדערט מענער און זוער ווייסט וויפיעל פרויען. די שוהל איז גרויס, אָבער ליידער, פּוסט און לעער....

די זיסע מעלאדיע פון שיר השירים הויבט מיך אָן צו וויגען, עס פאַרמאַכען מיר זיך די אויגען. עס קלינגען מיר די פריהעריגע טענער: „משכני אחריך נריצה, הביאני המלך חדריו נגילה ונשמחה בך“, — ציה מיך וועל איך דיר נאָכלויפען, א. אַז. וו.“ מיין פאַנטאַזיע הויבט אָן צו שפּינען, מיין פאַנטאַזיע הויבט אָן צו וועבען וואָרט צו וואָרט, קלאַנג צו קלאַנג, און דאַ קומט יעדע ווילע אַ נייער זיסער און העכערער קלאַנג, וועלכער איבערגייסט מיר מיין געשפּין און מיין געוועב. דער מענשליכער זינגפויגעל טרעלט אַרויס: „אני חבצלת השרון שושנת העמקים, כשושנה בין החוחים כן רעיתי בין הבנות, כתפוח בעצי היער כן דודי בין הבנים“....

— —

יונגע פריינדע! איך זאָג אייך, מען האָט גאָר קיין העברעער און קיין תלמיד חכם געדאַרפט זיין צו קענען פאַרשטעהן, וואָס די ווערטער מיינען, די זיסע מעלאדיע אַליין האָט יעדעס וואָרט אויסגעטייטשט און צו פאַרשטעהן געגעבען. און איך הער ווייטער די געטליכע טענער:

„יונתי בחגוי הסלע בסתר המדרגה, הראיני את מראיך, השמיעיני את קולך, כי קולך ערב ומראך נאוה"... און באלד הער איך „אחזו לנו שעלים שעלים קטנים מחבלים כרמים" אזוי טראגיש, אזוי דראמאטיש, דאס מיין נפש, אט אט לאזט זיך עס באלד אוים... און דא קומט דער זינג-פויגעל מיט איין דרעה אין זיין הערליכער קאלאראטור און קלינגט ארוים אין מיינע אויערען דעם זיעגרייכען מארש: „דודי לי ואני לו הרועה בשושנים". — מיין געליבטער באלאנגט צו מיר און איך באלאנג צו איהם. איך פיהל ווי די נשמה גיסט זיך דא אוים פאר איהר באשעפער און רופט איהם „געליעבטער" און איך פיהל די היילינקייט און שעהנקייט פון דיעזער גייסטיגער ליעבע צווישען מענש און ג־ט.

יונגע פריינדע! איך וועל מיך גאר ניט שעהמען אייך מודה צו זיין, דאס איך בין ווי א קליין קינד אין וויעג, פון זיין מאמעס שעהן ליעדעלע, איינגעשלאפען און שלאפעדיג אפילו, הער איך ווידער א טרויעריגע שטימע: „אנה הלך דודך היפה בנשים?" און פארשיעדענע דמיונות יאגען זיך, טרייבען זיך ביי מיר אין קאפ. איך זעה ווי די מזרח-וואנד פון שוהל ריהרט זיך, ווארפט זיך ברוגז׳דיק, שאקעלט פון זיך דעם פעינט ארונטער און איך דערזעה, אז די שוהל איז פון בלויז שטיינער געבויט, די שטיינער בלייבען נאקעט... איך זעה, איך הער, די שטיינער וויינען מיט בלוטיגע טרעהרען, די שטיינער קריגען זיך, די שטיינער בייזערן זיך איינער אויפ׳ן אנדערן: „וואס האסטו זיך צוגעטשעפעט צו מיר?" דער אנדערער זאגט: „לאז מיך אפ! ווער האט אונז צוגעקלעפט איינעם צום צווייטען?" דער דריטער זאגט: „ווער האט פון אונז אלע שטיינער איין שטיין געמאכט?"

דער פערטער זאגט: „בינדט אונז אויף! לעגט אונז צוריק אויף אונזער אלטען ארט, פון וואנען איהר האט אונז גענומען".

און אַזוי כסדר, מיט איין וואָרט: „אבן מקיר תזעק" — דער שטיין שרייט פון דער וואַנד אַרויס, „וכפים מעץ יעננה" — און דאָס שפּענדעל פון צווישען דעם איינגעבויטען האָלץ קלאָגט: „הוי" וועה געשריגען! „בונה עיר בדמים!" מען האָט געבויט די שוהל פאַר אַזוי פיעל געלד! „וכונן קרי׳ בעולה" און צו-לעצט באַפעסטיגט מען זי מיט אַ הימעל-שרייענדער עולה, קיינער קומט ניט דאַוונען!

אָן אַנדערער שטיין ווידער יאָמערט און קלאָגט און פרעגט זיינע ברידער: האָט איהר איהם ניט געזעהן: דעם רעדנער, דעם ראַביי, ווי ער האָט מיך אויפגעהויבען מיט זיינע צוויי שטאַרקע הענד, מיך אַלס ערשטען שטיין צו לעגען און האָט אַ ספּיטש געהאַלטען: „השם צורי" דער דאָזיגער גרונדשטיין וועט אונז פיהרען צו ג-ט, „המלמד ידי לקרב" וועלכער לערנט אונז אידעלעך זיך צו דערנעהנטערן צו איהם. דער שטיין וועט הייסען שטיינער וואָס דאָ ליגען, צו פאַראייניגען זיך און ווערן איין שטיין, איין שוהל, און דאָ וועט יעדער פרומער איד אויף זיין קאָפּ תפילין לעגען, און שבת מיט דער האַנד די אויגען צו-דעקען און שמע ישראל זאָגען. נו, וואו איז ער דער בלאָפער? און וואו זיינען אונזערע פרומע אידעלאַך? פאַר וואָס האָט מען מיך אַזוי צו חרפה און בזיון געשטעלט? און דער שטיין וויינט מיט אַ „באַס" קול, די אַנדערע שטיינער האַלטען טאָן און איך וויין מיט, מיין הארץ קלאַפּט געפעהרליך, און איך ערוואַך דער-הערענדיג אַן אנגענעהמע שטימע: „על הרי בשמים"...

ר׳ שלום האָט געענדיגט שיר השירים. איך געה צו איהם און פרעג איהם:

„ר׳ שלום! וואו איז דער עולם? עס ווערט שפּעט צו דאַוונען מנחה! אפשר על הרי בשמים? (אין די טהעאַטערס?)

„ניט אפשר, נאָר גאַנץ זיכער! — ענטפערט מיר ר׳ שלום — זיי האָבען ערשט סאַפּער געגעסען און דערנאָך געהען

זיי „על הרי בשמים“ אין די „שמעקעדיגע מואווינג פּיקטשורס“ און דערנאָך אַז עס פאַרגלוסט זיך זיי אַמאָל אין אַ יובל, קומען זיי אין שוהל אַריין רעדען, — פּאָליטיק פיהרען“.

און וואו זיינען די זקנים פון שטעדטעל?

„די זקנים זיינען אין גלות, ביי זייערע קינדער“....

הקיצור, מיר האָבען זיך אָוועקגעשטעלט מנחה דאווענען ביחידות און נור וואָס מ׳יר האָבען געענדיגט און ר׳ שלום זאָגט הויך „שלא שם חלקינו כהם וגורלנו ככל המונם, שפּייט אוים און זאָגט „ימח שמם“! אויפ׳ן הויכען קול, קומט אַריין רעוורענד קוועקזילבער.

„אַז מען רעדט פון מלאך קומט דער גלח“ — האָב איך גע־זאָגט צו ר׳ שלומ׳ן שטילערהייט

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ניינטער קאפיטעל.

געלעסוויל א שטאדט פון הונדערט און פופציג אידישע פאמיליעס, קוים אנדער־האלבען מנינים פריוטאג־צו־נאכט אין שוהל. — עס פעהלט שלום אין שוהל. — איין איינציגען שלום באקומען... — דער רעווערענד מיט'ן פייפעריל צום דאוונען. — דער גע־פילדער און מהומה צווישען די מעמבערס אין שוהל. — ר' אלי עכטפארב שרייט אויפגערעגט: „מי לד' אלי! ווער עס האט ג־ט אין הארצען האלט מיט מיר!" — זיין זוהן דזשאהן עכטפארב שרייט צום פאטער: „מיר וועלען זיך פון די גרינהארנס ניט לאזען פיהרען. מיר זיינען אמעריקען דזשוס, דא'טס אלל!"...

ר' שלום רופט מיך צו זיך און מיר זעצען זיך אויף דער רעכטער זייט פון באלעמער, עס הויבען אן צו קומען די זקני העיר פריהער, און דער „פני" שפעטער, ארום און ארום מיט אונז צוזאמען זיינען געקומען פופצעהן אין שוהל.

אלע באקוקען מיך, באטראכטען מיך און קיינער גיט קיין שלום. איך גיב א טיעפען זיפץ און ר' שלום פארשטעהט מיך און זאגט: „אין שלום בעירנו" אין אונזער געלעסוויל איז קיין שלום ניטא".

„איהר פארגעסט זיך אליין אריינצוצעהלען?" — האב איך איהם געפרעגט.

„איין שוואלב קען קיין זומער ניט מאכען" — האט ר' שלום געענטפערט.

אַזוי ריידענדיג האָבען מיר גאָר ניט באַמערקט, ווי רעוו. קוועקזילבער איז אַרויף אויף דער בימה מיט ריין־אָפּגעראַזירטע בעקעלעך, אפילו דאָס גאַנץ קליינע קמצ׳ל וואָס ער האָט אַמאָל געטראָגען, אויך אַראָפּגעשאָקעלט און ער שטעהט זיך אין אַ זיידענער שאַל אויפ׳ן האַלז, פון וועלכער עס לויפען אויף ביידע זייטען ווייסע און בלויע שטרייפען; אַליין איז ער אָנגעטהון אין אַ טענדע ווערענדע מיט 39 קנעפלעך, פון אונטען ביז אַרויף צוגעקנעפּעלט און מיט אַ גלח׳ישען שקארמיץ אויפ׳ן קאָפּ, אויסזעהענדיג פונקט אַזוי ווי מיין טאַטענ׳ס האָהן ערב יום כפור צו כפרה שלאָגען. ער נעהמט אַרוים אַ מין פייפעלע, גיט אַ פייף לכבוד שבת און הויבט אָן לכו נרננה. נאכהער אָבער גיט ער אַ פליה ווי אַ רוח און אין פופצעהן מינוט איז ער פאַרטיג מיט׳ן גאַנצען דאַוונען.

„איהר מיינט אַז דאָס פייפעל איז טאַקע זיין טאָן־רעגולי־רער? — זאָגט צו מיר ר׳ שלום, — אַ נעכטיגער טאָג! ער ווייסט אַזוי פיעל פון מוזיק וויפיעל אַ האָהן פון בני אדם, נור ער פאַשטעהט אַמעריקא. ער קען אונזער געלעסוויל. דאַרף ער דאָס צום רומעל און צום בלאָף“.

נור קוים האָט רעוו קוועקזילבער אויסגעלאָזט „ולא אירא“, ערשט אונטען ביים באַלעמער, הערען זיך בייזע קולות, עס ווערט אַ שטיקעל געפילדער און איך זעה אַז מעהר פון אַלעמען, קאָכט זיך דאַרטען אַ אידעל פון אַ יאָהר עטליכע און פופציג.

„דאָס איז ר׳ אליהו עכטפּאַרב“, דעם פּרעזידענט׳ס פאָ־טער, — זאָגט צו מיר ר׳ שלום.

און דער ר׳ אלי׳ שרייעט עפּעס, בייזערט זיך, קאָכט זיך און צום סוף שרייעט ער אוים: „אידען! מי לד׳ אלי! ווער עס האָט ג־ט אין האַרצען, האַלט׳ס מיט מיר!“

„וואָס געהט דאָ פאָר?“ — פרעג איך ר׳ שלום׳ן.

„דאָ געהט שוין פּאָר עפּעס רעכטס, — ענטפערט מיר ר׳ שלום. — אויף דעם דאָזיגען וואָרט איך שוין זייט איך וואוין היער. מיין הארץ זאָגט מיר, אַז היינטיגען שבת וועלען מיר האָבען עפּעס נייעס!“

איך זעה ווי אַ געשייפטער יונגערמאַן קאָכט זיך אויך אין דעם טומעל און איך הער ווי ער זאָגט צו דעם עלטערן ר׳ אלי׳:

„פאטער! מיר ווילען זיך פון קיינע גרינהאָרנס ניט לאָזען פיהרען, מיר זיינען „אַמעריקען דזשוס“ דאָט׳ס אָלל! בראָט־הערס! איהר האָלט זיכער געווים מיט מיר, ריכטיג צו ניין!“

ר׳ שלום לאָכט און געהט מיט מיר צוזאַמען אַהיים. אַרויס־געהענדיג פון שוהל זאָגט צו מיר דער עלטערער איד:

„נאָט אייך „שלום“!

און איך ענטפער איהם: „נאָט אייך „אליכם“....

„דאָס איז ר׳ אלי׳ עכטפּאַרב“ — זאָגט צו מיר ר׳ שלום.

איך זעה ווי דער יונגער פרעזידענט, ר׳ אלי׳ס זוהן לעשט אויס די עלעקטריק און געהט צוזאַמען אַרויס מיט עטליכע יונגערע בעלי בתים און ר׳ אלי׳ זיין פאָטער, געהט מיט. די זקנים אויף אונזער זייט.

מיט אַמאָל דרעהט זיך ר׳ אלי׳ אויס. ער קומט צו צו ר׳ שלום׳ן און זאָגט צו איהם:

„עס קען זיין, אַז היינט וועט איהר מיך האָבען צו גאַסט אַלס אַן אורח אויף שבת!“

„אדרבה! — ענטפערט ר׳ שלום, — איהר וועט זיין אַ גוטער גאַסט!“ יענער זאָגט „אַ גוטען שבת“ און געהט צוריק צו זיינע זקנים.

„ר׳ שלום! — זאָג איך, — אַ מאָדנע שטעדטעל אייער געלעסוויל, קוים קוים, דערלעבט צו זעהן איין איינציגען „שלום“. מילא דער רעוורענד אייערער („ניט מיינער“ — זאָגט ר׳ שלום),

גיט מיר קיין שלום ניט, וויים ער פאַר וואָס. אָבער פון דריי־צעהן אידען זאָל זיך קוים אַ האַלבער שלום אָפּרופען?"

„וואָס ווילט איהר, מיין ליעבער איד? עס שטעהט דאָך אַזוי: „אין שלום אמר ד׳ לרשעים", ביי רשעים איז נישט מעהר צו באַקומען, ווי איין שלום".

„ר׳ שלום! — זאָג איך, — איהר דאַרפט מיר גלויבען, אַז איך בין ניט קיין חונף און איך זאָג אייך, אַז אפילו צווישען חסידים איז ווייניג צו באַקומען אַזעלכע ר׳ שלום׳ס, ווי איהר זייט".

„איהר מאַכט אין דעם אַ טעות, — ענטפערט ר׳ שלום, — און יעדענפאַלס מיין איך ניט זיך, איך רייד וועגען דעם איין שלום וואָס איהר האָט באַקומען פון ר׳ אלי׳ן".

ענדליך קומען מיר צו צום הויז, מיר געהען אַריין אין פאַר־צימער אין „דייניגג רום".

ווי זאָל איך אייך, מיינע ליבע יונגע פריינד, אויסמאַהלען, ווי דער שבת האָט דאָ אין דער שטוב אויסגעזעהן? ניין! איך קען דאָס גאַר ניט, און קיין שום מענש קען דאָס אייך ניט אויס־מאַהלען, ווי דאָס שבת־בילד האָט דעם פרייטאג צו־נאַכט ביי ר׳ שלום׳ן אין זיין דייניגג רום אויסגעזעהן! דער לאנגער שנעע־ווייס־געדעקטער טיש, האָט אויסגעקוקט ווי כאָטש פאַר צוואַנ־ציג מענשען געדעקט. אַנטיק זילבערנע צוויי לייכטער צו זעקס רעהרען אין יעדען האָבען פלאַמען פון שנעע־ווייסע ליכט אַרויס־געקוקט. פיינע געדעקען מיט אַלערליי טעלער, מיט זילבערנע גאָפּעל און לעפעל. אין מיטען אַ קרוג ווײן מיט זילבערנע בעכער. די חלות מיט קונציג־געשטיקטע חלה־טישטוכער צו־געדעקט. צוועלף טשערם אַרום טיש, און אויבען־אָן אַ פאָטער־שטוהל פאַר׳ן בעל בית, רעכטס פון פאָטער־שטוהל ביים טיש אויף צוויי טשערם זיצט ר׳ שלום׳ס ווייב פרומע, און נעבען איהר די שעהנע אסתר מלכה, ניט געפּודערט און ניט געפאַרבט

און דאָך אַזוי שעהן, אַזוי חן׳ודיג, שבת׳דיג אָנגעטהון.ביידע האַלטען סידורים אין די הענט און זעהען אוים ווי אַ אידישע מלכה מיט איהר בת מלכה. זיי זיינען פאַרטיעפט אין די סידורים און באַמערקען גאָר ניט, ווי מיר קומען אריין, נור אויף ר׳ שלום׳ס הויכען „גוט שבת!" און מ׳יין אייגענעם גוט־שבת זאָגען, דרעהען זיי אוים זייערע געזיכטער צו אונז און ענטפערן מיט אַ זים שמייכעלע „גוט שבת! גוט שבת!"

ר׳ שלום הויבט אָן אַ חסיד׳ישע מעלאדיע און זאָגט: „שבת שלום מבורך, שבת שלום מבורך, שבת שלום מבורך!" די דריי ווערטער קומען ביי איהם אַרוים מיט אַזאַ מין ברען, מיט אַזאַ התלהבות, דאָס איך האָב ממש געפיהלט דאָס מ׳יין האַרץ צינדט זיך אָן. עס ענטפלעקט זיך פאַר מיר עפּעס אַ נייע־אַלטע וועלט. מיינע נערוועזן ברענען, צערפלאַקערן זיך, שטייגען ביז צום עקסטאַז און איך דערפיהל מיך ווי פליהענדיג אין אַ גייסטיגען עראָפּלאַן איבער טאָהלען און בערג, איבער׳ן ים הגדול, איבער שטראָמען און טייכען, איבער פעלדער און וועלדער, איבער טעג און נעכט, איבער וואָכען און חדשים און איבער די פּאָר יאָהר, וואָס איך בין אין אַמעריקאַ. איך פליה, איך פליה און איך זעה פון עראָפּלאַן אַלעם....

איך פליה, איך פליה און פיהל אַז מיין האַרץ לאָזט זיך אוים. עס קלאַפּט, עס קלאַפּט, עס וויל די ברוסט־טהיער איינ־ברעכען און אַרוים... איך פיהל, באַלד, באַלד בין איך אין דער היים, אין מיין אַלטער היים, ביי מיין ווייב, ביי מיינע קינדער אין מיין שטאָדט, דאָרט וואו טויזענדע אידען וואוינען, דאָרט וואו צעהנדליגע שוהלען, קלויזען, בתי מדרשים געפינען זיך, און ווען עס קומט דער אַזוי לאַנג־ערוואַרטעטער שבת, וואַרפט מען פון זיך די וואָכעדיגע דאגות אַראָפּ, צוזאַמען מיט די וואָכעדיגע בגדים, מען איז זיך טובל לכבוד שבת און מען טהוט

אָן די בגדי שבת, די פרויען צינדען ליכט פאר דער צייט, און יעדער איינער געהט אין זיין שוהל, אין זיין בית המדרש, אין זיין קלויז, צו זיין חברה דאַווענען, מען קומט אַהיים לוסטיג, לעבעדיג, נשמה-יתירהדיג. מען זינגט אַרויס אַ „שבת שלום מבורך" און דאָס קול מיט די קולי קולות הערען זיך איבער אַלע גאַסען „שבת שלום מבורך, שבת שלום מבורך". דער שבת ווערט ווי אַ הערליכע מלכה אונטער דער חופה באַזונגען: „שבת שלום מבורך!" און דאָ וואו איז מען ערגעץ אין דער וועלט? אין אַ וויסטעניש! וואָס זיינען מיר, און וואו זיינען מיר?...

ווי אומשולדיגע פויגעלעך אין דער פינסטערער נאַכט אַריינגעפאַלען אין אַ נעץ.

דאָס זינגען איז קרעכצענדיג,
דאָס צווישערען איז לעכצענדיג,
האַלב-געזונגען האַלב געוויינט,
איז דאָס שבת-פרייד געמיינט?
איין ר' שלום אין אַ שטאָדט,
היט דעם שבת-טאָג געבאָט,
איז דאָס משה'ס וואונש געוועזן,
ס'זאָל ביים איד אַזוינס געשעהן?
גוואַלד! אַ שבת אַזוי שעהן,
און ווי עלענד! ווי אַליין!

געלעסוויל! געלעסוויל! יציאת השבת שתים: מירביידע איך מיט ר' שלום'ן זעהען דיין יציאת השבת, דיין שבת אויס-געהן, ווייל וויפיעל נאָך געלעסווילער אידען האַלטען אַזוי דעם שבת? אָבער, שבת שלום מבורך! דו פאַרמאָגסט דאָך אַ שלום מיט זיין געבענשטען שבת!.

און אין דער מינוט פיהל איך אַ ליעבליכען קלאַפּ אויף די פּלייצעס.

„שבת, שבת, שבת קודש!" איך הויב אויף מיינע אויגען און דערזעה נעבען מיר ר' שלום'ן שטעהן, ווי ער וואָלט ביי מיר מ'יינע מחשבות געלייענט און מיר פאַרוואורף געמאַכט, אַז כאָטש „הרהורים מותרים" „טראַכטען מעג מען שבת", אָבער פליהען שבת, אפילו מיט אַ גייסטיגער מאַשין טאָהר מען אויך ניט.

איך האָב דעם חלום איבערגעלאָזט און מיט ר' שלום'ן ווייטער מיטגעהאַלטען דעם שלום עליכם און אַזוי שעהן מאַר־שיערט ביז „אשת חיל מי ימצא". דאָ גיט ר' שלום אַ בליק אויף זיין אשת חיל, אויף זיין פרומע.

„ר' שלום, ר' שלום! — דענק איך מיר, — דו דאַרפסט און דו קענסט מיט שטאָלץ אויף דיין אשת חיל קוקען. זעהר ווייניג אַזעלכע „פרומעס" זיינען אין אַמעריקא פאַרזייהט און געוואַקסען!"

און מיר זינגען דעם באַקאַנטען ראַפּשיצער „אשת חיל". מיר זאָגען אַפּ אתקינו סעודתא און מאַכען קידוש. קוים וואָס אויסגעלאָזט מקדש השבת קלאַפּט עמיצער אין טיהר.

„הו איז טהים?" — פרעגט פרומע. (אין אַמעריקא זאָגט מ'ען ניט באַלד „קאַם־אין" עס איז דאָך אַמעריקא, מען קען ניט וויסען, טאָמער איז עס גאָר אַ האָלד־אַפּ'ניק...).

„דער אַלטער עכטפּאַרב!" — איז די אַנטוואָרט.

ר' שלום געהט עפענען די טיהר.

„גוט שבת, — גוט שבת! איך האָב אייך געזאָגט ר' שלום, אַז איהר וועט מיך אפשר צו־גאַסט האָבען.

„גוט שבת, מ'יסעס אייזענשטאַרק, גוט שבת אסתר מלכה! דאַרפט איהר אַן אורח אויף שבת?

„יעדער אורח איז אונז ווילקאָמען און אַזעלכע אורחים אוודאי“ — ענטפּערט פרומע.

„אייך דאַכט זיך מיר, האָב איך שוין שלום געגעבען? — פרעגט מיך דער אריינגעקומענער.

„אמת, דאָס קען איך ניט פאַרגעסען, ווייל טאַקע פון אייך האָב איך דעם איינציגען שלום אין שוהל באַקומען“.

„אַז ס׳איז יאָ אַזוי, ר׳ אלי׳! מאַכט קידוש און וואַשט אייך מ׳ט אונז וועט זיין מזומן,“ — זאָגט ר׳ שלום.

מזומן, האָב איך ב״ה אַליין אויך, נור איהר האָט דאָך אַליין מנין — ענטפערט ר׳ אלי׳.

„ווי אַזוי האָב איך אַליין מנין? — פרעגט ר׳ שלום.

„ווייל איהר זייט אַ גאַנצער „יוד“ און יוד באַטרעפט דאָך צעהן, — לאַכט ר׳ אלי׳.

„קודם כל איז מען אין אַמעריקא קיין גאַנצער „יוד“, דער־נאָך: איז מען אין אַמעריקא נור אַ „איד“ און ווייטער גע־שמועסט איז, אַליין צו האָבען מזומן, אָדער אַליין צו האָבען מנין, אָדער אפילו אַליין צו זיין אַ יוד טויג נישט, דוד המלך זאָגט „ונרוממה שמו יחדיו“ אפילו ג־ט׳ס נאָמען צו לויבען איז אויך גוט צוזאַמען. אברהם אבינו האָט אויך נישט געוואָלט אַליין בלייבען, דערפאַר האָט ער מקיים געווען „ואת הנפש אשר עשו בחרן“. ער האָט אָרגאַניזירט מענשען און זיי דערנעהנטערט צו זיינע געטליכע אידעען. מיט איין וואָרט: אַליין טויג גאָר נישט“, — האָט ר׳ שלום געזאָגט.

„דערפאַר ר׳ שלום, בין איך טאַקע היינט צו אייך געקומען, און איך מיין, אַז מיר וועלען נאָך היינט דאָ אַ גאַנצען מנין האָבען“, — זאָגט ר׳ אלי׳.

„געזונטערהייט!“ — ענטפערט ר׳ שלום.

בשעת דער געשמועס איז דאָ צווישען ר׳ שלום און ר׳ אלי׳ פאָרגעקומען האָט די שעהנע אסתר מלכה אויפ׳ן וואונק פון

איהר טאַנטע פרומע צוויי חלה׳לעך מיט אַ חלה־טישטוכל מיט אַ זילבערן בעכערל און זילבער עסצייג אַריינגעבראַכט און נאָך איין געדעק געמאַכט און מיט אַ שמייכעל געזאָגט:

„דער גאַסט וועט אוודאי קידוש מאַכען".

„אסתר מלכה, איך וועל זיך גאַר ניט לאָזען בעטען, אין אַמעריקא שעהמט מען זיך ניט". און ר׳ אלי׳ מאַכט קידוש און מיר וואַשען זיך אַלע. מען זאָגט המוציא. אסתר מלכה ברענגט די פיש צום טיש, פרומע טהיילט און מיר עסען. נאָך די פיש, גיסט אַריין ר׳ שלום פאַר יעדען איינעם אַ בעכערל וויין. ער הייסט טרינקען און דערצעהלט אונז בזה הלשון:

„ערשט די וואָך האָב איך געזעהן אין בית יוסף יו"ד סימן קי"ו, סעיף ג׳, דעם טעם פאַר וואָס מען זאָל נאָך פיש משקה טרינקען. ער זאָגט אַז פיש אָהן משקה, איז אַ סכנה צו הויט־קראַנקהייט, נור עס איז אַ גמרא אין ברכות דף מ"ד „אבל שתא בתרי׳ שכרא, לית לן בה" אַז מען טרינקט משקה נאָך די פיש איז קיין מורא צו האָבען. הכלל לחיים ר׳ אלי׳, לחיים גאַסט און לחיים פאַר אונז אַלע און פאַר כל ישראל". מיר טרינקען אַלע.

„ווען איך וואָלט געוואוסט אַז מיר וועלן אַזאַ חשוב׳ן גאַסט אויף שבת האָבען, וואָלט איך עקסטרא שעהנע חלות געבאַקען לכבוד שבת און לכבוד דעם גאַסט און אַזוי מוזט איהר אייך באַנוגענען מיט די בילקעלעך", — זאָגט פרומע צו ר׳ אלי׳.

„איך באַנוגען זיך שוין אפילו מיט אַ שטיקעל בולקעלע אויך, איך בין קיין גרויסער עסער ניט, נור איך וואָלט מיך אין אַמעריקא מיט׳ן באַקען חלות אַליין ניט באַדערען. מען באַקומט דען ניט שעהנע חלות ביים בעקער?" זאָגט ר׳ אלי׳.

„באַקומען, באַקומט מען שוין גאַר שעהנע חלות, נור ניט פאַר מיר. קודם נעהמען זיי דאָך קיין חלה ניט פון טייג, דער־נאָך גיב איך קיינעם מיין מצוה ניט אַוועק און צו אלער לעצט

ווייסט איהר וואס איך וויל אייך דערצעהלען? אין אמעריקא דארף מען 99 פראצענט פון ווייסען געבעקס ניט עסען, איך מיט מיין מאן זאל לעבען, האבען מיר זיך איבערצייגט, אז מען גיט אין אמעריקא אין ווייסען געבעקס אזעלכע מיני שפעציען אריין, וואס זאל עס אויפהויבען, אויפשוועלען און דאס, וואס זיי גיבען אריין איז חזיר טרפה. אפשר טרעפען זיך עטליכע עהרליכע בעקערס, ווער קען דאס וויסען? עס איז דאך אמע־ריקא! על כן קומט אין אונזער הויז קיינמאל ניט אריין קיין ווייס געבעקס, קימעל ברויט איז גאנץ עפעס אנדערש. דאס נעהמען מיר יא".

„ווייסט איהר מיסעס אייזענשטארק, וואס איך וועל אייך זאגען? איהר קענט אפשר גערעכט זיין, ווייל איך האב א סאך מאהל אריינגעקלעהרט אין דעם, פאר וואס איז א קימעל־ברויט פון דריי פונט אזוי קליין און א חלה, וואס איז אזוי גרויס, ווי עוג מלך הבשן, האט קוים אנדערהאלבען פונט און אפשר אזוי פיעל אויך ניט. ווי קומט דאס, ווען ניט דאס אריינטהועכץ? אמעריקא און שוין!"

„ווייסט איהר וואס איך וועל אייך זאגען? — זאגט ר׳ שלום, — כל מקדש שביעי כראוי לו", (מיט נוסח).

כל מקדש שביעי כראוי לו (מיט א טאן העכער).

כל מקדש שביעי כראוי לו (מיט א טאן נאך העכער).

כל מקדש שביעי כראוי לו (צוריק צום נוסח) (און אצונד קומט די פארטייטשונג אויף אידיש).

יעדער איד וואס הייליגט דעם זיבעטען טאג, ווי עס קומט איהם, (מיט זעלבען נוסח פון פריהער).

כל שומר שבת כדת מחללו (מיט נוסח)

כל שומר שבת כדת מחללו (מיט א טאן העכער)

כל שומר שבת כדת מחללו (מיט א טאָן נאָך העכער)
כל שומר שבת כדת מחללו (צוריק צום נוסח)
ווער עס היט אָפּ דעם הייליגען שבת ווי די תורה פאַר־שרייבט פון איהם מחלל צו זיין.
שכרו הרבה מאד על פי פעלו (מיט נוסח)
שכרו הרבה מאד על פי פעלו (מיט א טאָן העכער)
שכרו הרבה מאד על פי פעלו (צוריק צום נוסח)
וועט זיין באַלוינונג זיין זעהר גרוים לויט זיין פאַרדיענסט.
איש על מחנהו ואיש על דגלו (מיט נוסח)
איש על מחנהו ואיש על דגלו (מיט א טאָן העכער)
איש על מחנהו ואיש על דגלו (מיט א טאָן נאָך העכער)
איש על מחנהו ואיש על דגלו (צוריק צום נוסח)
יעדערער אין זיין לאַגער, יעדער אונטער זיין פאָהן!

וואָלטען אידען טאקע אזוי דעם שבת אָפּגעהיטען, וואָלט שוין לאנג מקוים געוואָרען: „איש על מחנהו ואיש על דגלו"... וואָלטען מיר זיך נישט געדאַרפט אין דער פרעמד אַרומוואַלגערן.

און אזוי האָט זיך ר׳ שלום דעם גאַנצען כל מקדש שביעי מיט פאַרטייטשונג אָפּגעזונגען און זיין ווייב פרומע מיט אסתר מלכה׳ן, האָבען וואָרט פאַר וואָרט שטילערהייט פון סידור נאָכ־געזאָגט.

נאָך דעם כל מקדש, האָט אסתר מלכה אין א גרויסער אייראָפּעאישער פאַרצעלאַנענער זופען־שיסעל די זופּ אַריינ־געבראַכט, און פרומע האָט אויסגעטהיילט. אַלע עסען, נור איין ר׳ אלי׳ זיצט פאַרטראַכט און קוקט אַמאָל אויף ר׳ שלום׳ן, אַמאָל אויף פרומע׳ן, אמאָל אויף אסתר מלכה׳ן.

„ר׳ אלי׳! די זופּ קיהלט אוים! עסט! — זאָגט ר׳ שלום.

„איהר ווייסט דאָך ר׳ שלום, צו עסען איז אין אַמעריקא דאָ פלענטי, נור שבת און זמירות איז נעבעך ווייניג צו געפינען און אַ אידישען פאַרגעניגען נאָך ווייניגער״ — זאָגט ר׳ אלי׳.

„נו, ווילט איהר דען דעם מאָגען זאַט מאַכען מיט זמירות און מיט׳ן אידישען פאַמיליען פאַרגעניגען?״ — פרעגט ר׳ שלום.

„נו, וואָס מיינט איהר, ר׳ שלום? ס׳איז באלד לייכטער זאַט צו ווערען דערפון ווי פון אָנשטאָפּען דעם מאָגען און לעדיג האַלטען דעם קאָפּ מיט דעם האַרצען!״

צעהנטער קאַפיטעל.

ויהי בימי ויזתא, און דאָס איז געווען אין די צייטען פון דעם באַקאנטען ויזתא, הוא ויזתא דאָס איז טאַקע דער דאָזיגער רבי (רע בעיני ד׳) ויזתא, דער בעל טובה בגוף און בעל רעה בנשמה, דער גרעס־טער רעדנער על ד׳ ועל משיחו. — אין אַמעריקא. — האָט זיך געלעסוויל, וואָס ליגט אין אַמעריקא וועלכע ליעגט אויף דער איבערגעדרעהטער זייט פון איראָפּא, אַנגעהויבען צוריק צו דרעהען.... — אַ רעוואָלוציאָן ברעכט אויס אין אַ סך געלעסווילער אידישע הייזער. די אַלטע טאַטעס ווילען ניט וויסען פון קיין קונצען, אַז באשר בכן, ווייל געלעסוויל ליגט אין אַמעריקא וועלכע ליגט אויף די פארקעהרטע זייט פון איראָפּא, מוז אין געלעסוויל די תורה אויך ליגען פאַרקעהרט, אנשטאט „כבד את אביך ואת אמך"—עהרע דיין פאָטער און מוטער, זאָל מען גאָר האַלטען פון אַ „כבד את בנך ואת בתך"—עהרע דיין זוהן און דיין טאָכטער. — אַלע זקנים אַנטלויפען פון זייערע קינדער צו ר׳ שלום׳ן אַלס פּראָטעסט געגען פּרעזידענט דזשאַן עכטפאַרב, וועלכער וויל דעם רבי האָלצקאָפּ פון די רע־פאָרמער אין די סאָנדיי סקוהל אַרונטערברענגען יעדען זונטאג. — ר׳ שלום זאָגט געלעסוויל האָט אַפּעטענט ווי אַזוי צו קענען שמד׳ן אָהן שמד־וואַסער... — דער צוזאַמענקונפט פון די מיידלאַך ביי אסתר מלכה׳ן, די גרינדערקע פון „בנות ישראל שומרות שבת" אין געלעסוויל.—אסתר מלכה דעקלאמירט איהר געדיכט: „אַמאָל איז געווען"....

יונגע פריינד! איהר האָט דאָך אוודאי געאָגראַפיע גע־לערנט, נו ווייסט איהר דאָך, אַז אַמעריקא ליעגט אויף דער פאַרקערטער זייט פון איירָאפּא, דאָס הייסט אין איינפאַך מאַמע־לשון „משה קאַפויר", נו, האָט געלעסוויל געמיינט, אַז די תורה מוז דאָ אויך ליגען אַ פאַרקעהרטע און די עשרת הדברות אודאי, למ׳של, אַז אין דער תורה שטעהט: „כבד את אביך ואת אמך",

עהרע דיין פאטער און דיין מוטער, כדי דו זאלסט לאנג לעבען, האט געלעסוויל דאס איבערגעדרעהט אויף: „כבד את בנך ואת בתך״, עהרע דיין זוהן און דיין טאכטער, למען יאריכון ימיך, כדי זיי זאלען דיך לאזען לענגער לעבען... נור מיט אמאל זיינען די טאטעס פון געלעסוויל געווארען אפיקורסים געגען דער געלעסווילער איבערגעדרעהטער תורה און זיי האבען רעוואל־טירט געגען זייערע קינדער, צוריק פארלאנגענדיג די אלטע עשרת הדברות... ווי אזוי איז דאס מיט אמאל געקומען, וועט איהר פרעגען? טא הערט זיך איין א מעשה:

„ויהי״ און דאס איז געוועזן „בימי״ אין די טעג „ויזתא״ פון רבי ויזתא „הוא ויזתא״ דאס איז טאקע דער דאזיגער רבי ויזתא „המולך״ וואס האט געוואלט די אידעלעך פארפיהרען „מהודו״ פון אמעריקא, דאס אלטע לאנד פון די פריהעריגע אינ־דיאנער, הוא ויזתא דאס איז ער טאקע דער דאזיגער ויזתא, דער בעל טובה בגוף ובעל רעה בנשמה; „בהראותו״ ווען ער האט געוואלט ווייזען, „את עושר כבוד מלכותו״ווי רייך ער איז אין אידעלאך, וועמען ער קען פארפיהרען מיט זיינע דרשות, וואס ער האט געהאלטען, לאמר זאגענדיג: אז די אידען זיינען מחויב צו אנערקענען דעם גרויסען גרינדער פון קריסטענטום, וועלכער האט נאר געמיינט דאס אידישקייט אביסעל צו רע־פארמירען און ווייל ער איז דאך טאקע אן אונזעריגער, איינער מאחינו געוועזן....

דער גרויסער רעדנער, האט מיט זיין דאזיגער דרשה גאנץ אמעריקא אויפגעטרייסעלט, די יונגע צווייגעלאך, זיינען באלד געבראכען געווארען, די קינדער פון אידישע עלטערן זיינען מיט א שמחה פון דער סקוהל אהיים געקומען, אז בכן די טיטשערס זאגען, אז דער גרעסטער ראבי פון אמעריקא זאגט, אז אידען מוזען קריסטען ווערען. מיט איין ווארט, עס איז געווארען משיח׳ס צייטען.

עס קענען שוין וואוינען צו־זאַמען אַ לעמעלע מיט אַ וועלפעלע, אַ בערעלע מיט אַן עקסעלע און אַ אידעלע מיט אַ גוי׳עלע.

די דרשה האָט אין אַמעריקא אויפגעשטורעמט אַלע קלאַסען אידען בכלל און אונזער געלעסוויל בפרט, — די ליזע שפיעל־פויגעלם מיט די שימקע קאַבלעפעלם און די דזשאַן עכטפאַרבס, האָבען זיך גאָר מחי׳ געווען און די רעוורענד קוועקזילבערס אוודאי. די יאַכנעס מיט די יענטעס האָבען אויך געוואָלט ווייזען, אַז זיי זיינען ניט מעהר פאַנאַטיש, האָבען זיי אויך גרויסע דעות גענומען אַריינזאָגען. נור די זקנים פון שטעדטעל געלעסוויל, אַ ר׳ אלי׳ עכטפאַרב, אַן אַלטער ראַזענצווייג, אַ ברוך בער לאָקשענברעט, אַ יאָשע יונה שטעקעלמאַכער, אַ פיניע האַקמעסער, אַן איציק שטרודעלעססער, אַן אייזיק צינדהאָלץ, האָבען דעם ויזתא פסח נאַכט ביים סדר אָבגעענטפערט מיט׳ן הויכען „לא לנו ד׳ לא לנו!“ לא לנו בלייבט לא לנו, און אידעלעך וועלען בלייבען אידעלעך ביז משיח וועט קומען. אפילו לייבעלע דער אויבער חכם, ליזי שפיעלפאָגעל׳ס טאַטע, איז צו די אַלטע צוגעשטאַנען, און אַ פרישער גלות האָט זיך פאַר די זקנים פון געלעסוויל אָנגעהויבען.

און פונקט ביי מיין דאָרט זיין, פרייטאג צו־נאַכט אין שוהל ביי לכו נרננה, האָט די רעוואָלוציע אויסגעבראָכען. דאָס פייער איז אויסגעבראָכען דורך אייזיק צינדהאָלץ, איינער פון די זקנים, וועלכער איז צו ר׳ אלי׳ עכטפאַרב, דזשאָן עכטפאַרב׳ס פאָטער צו־געקומען פרעגענדיג: „ר׳ אלי׳ האָט איהר געהערט, וואָס אייער קדיש זאָגט? — רבי ויזתא איז גאָר גערעכט! און כדי צו ווייזען, אַז ער איז קיין פאַנאַטיקער, האָט ער שוין אויף זונטאג אין דער סאַנדעי־סקוהל דעם רעפאָרם־ראַבי האָלצקאָפּ, ויזתא׳ס אַ תלמיד פון פאָליטישאַנטאַון פאַ., באַשטעלט“ — ר׳ אלי׳ עכטפאַרב האָט נאָכהער די בשורה צו ר׳ שלום׳ן דער־

צעהלט, און ר׳ שלום האָט אויף דעם אַ ווערטעל געזאָגט, אַז דער געלעסווילער פּרעזידענט האָט אַפּוינטעט אָפּ צו שמד׳ן די געלעסווילער אידען אָהן שמד־וואַסער, נור בלויז דורך איין רעפאָרם־ראַבי.

דאָס דאָזיגע ווערטעל איז באלד צוטראָגען געוואָרען איבער דער גאַנצער שוהל, און ר ׳אלי׳ עכטפּארב, וועלכער איז שוין צוגעוואוינט געוועזן צום אַמעריקאַנער לעבען, האָט זיך אָבער זייט אַפּאָר וואָכען, ווי פון שלאָף אויפגעכאַפּט און אַ חשבון הנפש זיך אָפּגעגעבען, דער סך הכל וואָס איז איהם אַרויס־געקומען איז געווען, אַז ער האָט זיין גאַנצען לעבען אין אַמע־ריקא דעם אַלמעכטיגען דאָלער אָװעקגעשענקט און פון זיין גאַנצער האָראָװאַניע בלייבט איהם אפילו קיין קדיש ניט, דען זיין אייגענער זוהן, פאַר וועלכען ער האָט אַזוי שווער געאַר־בייט, לאכט און שפּאָט פון איהם און האַלט שוין טאַקע ביי דער שמד... הקיצור, ער האָט אַ גאַנץ געשווינדען יישוב הדעת גע־האַט און טאַקע באַלד נאָך עליגו, נאָכ׳ן אויסשפּייען און נאָכ׳ן ימח שמם זאָגען, האָט ר׳ אלי׳ עכטפּארב אויפ׳ן הויכען קול פּראָטעסטירט געגען זיין זוהן דזשאָן עכטפּארב, און האָט אַ געשריי געגעבען

„אידען! מי לד׳ אלי! ווער עס וויל נאָך קיין משומד ניט ווערען זאָל האַל‚טען מיט מ׳יר..." ויאספו אליו כל זקני געלעס־וויל... און די זקנים האָבען זיך אַרום איהם אָוועקגעשטעלט.

ער, ווידער, האָט אייזיק צינדהאָלץ עפּעס אין אויער אַריינ־געזאָגט, אייזיק צינדהאָלץ האָט דעם זעלבען סוד צו פיניע האַק־מעססער אין אויער אַריינגעזאָגט ביז אַלע זקנים האָבען דעם סוד געוואוסט און האָבען זיך פון שמחה די הענד געריבען, געשמיי־כעלט און אַהיים געגאַנגען צופרידענע.

אַרויסגעהענדיג פון שוהל, זאָגט פּרעזידענט דזשאָן עכט־פּארב, צו זיינע מענשען „מיר דאַכט, אַז דער גרינער ר׳ שלום

האָט אונז שוין ווידער אַ הייסע קאַשיע פאַרקאָכט און מיר וועלען האָבען צו בלאָזען...."

ער האָט אויך געטראָפען. דען,: קוים ער איז אַהיימ־געקומען, גיט איהם זיין פאָטער ר' אלי' עכטפאַרב אַ פרעג: „זאָג נאָר יונה, מיין חכם! וואָס וואָלסטו דענקען ווענען אַ קינד, וואָס נעהמט זיין טאַטענס ירושה פון זעהר אַ גרויסען ווערטה און ער וואַרפט דאָס אין דער בלאָטע אַריין?"

„אַזאַ קינד, וואָלט איך זאָגען, — האָט דער זוהן געענט־פערט, — אַז ער איז משוגע און מ'ען מוז איהם אין אַ משוגעים אנשטאַלט אַריינגעבען און דאָס פאַרמעגען היטען, מען זאָל עס ניט צו שלעפּען".

„אַ יאָ, מיין קינד, אזוי טהוט מען? נו, דאַרף איך דיך טאַקע אין משוגעים אנשטאַלט אַריין געבען, ווייל דו ביזט עס דער געפעהרליכער משוגע'נער; דו ווילסט ניט נור דיין אייגע־נעם פאַרמעגען, נור אויך פרעמדע פאַרמעגענס, אין דער בלאָטע אַריינוואַרפען!... ווי שעהמסטו דיך ניט דיינע אויגען צו צייגען און אויף דיין געוויסען אַזאַ זאַך צו וועלען נעהמען, אפצוטהון אַ מעשה המן, — ווי ר' שלום זאָגט — להשמיד אויסצו'שמד'ן, להרוג צו הרג'ענען, את כל היהודים אַלע אידען פון געלעסוויל, מנער ועד זקן, יונג און אַלט, טף ונשים קינדער און ווייבער, ביום אחד, אין איין טאָג, דורך אַהער ברענגען דעם ראַבי האַלצקאָפּ רחמנא לצלן.

„פאטער! וואָס ביזטו מיט אַמאָל ג־ט'ס פאַליציי געוואָ־רען? וואָס געהט דיך אָן די קאָנגרעגיישאָן? וואָס געהען דיך אָן די מעמבערס? וואָס געהען דיך אָן זייערע ווייבער און קינדער? וואָס ביזטו דאָס פלוצלונג געוואָרען? אַ רב? אַ רבי? אַ שמש? אַ מלמד? ! דאָ איז אַמעריקא! דאָ שטעהט מען ניט אויף איין אָרט! דאָ איז מען ניט אין דעם אַלטען יוראָפּ אין אַן אַלטער שטעדטעל מ'ט אַן אַלטער שוהל,

מיט אַן אַלטען רב, אַן אַלטען ראש הקהל, אַן אַלטען שמש, אַן אַלטע מקוה, אַן אַלטען חדר און אַן אַלטען מלמד! דאָ איז אַמעריקאַ, אַ יונגע אַמעריקאַ, אַ יונגע שטעדטעל, אַ יונגע קאָנגרעגיישאָן, אַ יונגע שוהל, אַ יונגער פּרעזידענט, יונגע מעמבערס, יאַ! דאָ רעגיערט דער יונגער דור, און פאַר דעם יונגען דור קען מען קיין אַלטען „אָלד פעשאָנד אָרטאָדאָקסישען רב ניט ברענגען! דאָ מוז מען אַ יונגען רעפאָרם ראַביי האָבען און דאַט׳ס אָלל!“

„דאַן האָב איך ביי דיר שוין גאָר ניט וואָס צו טהון, ווייל איך בין נאָך פון׳ם אַלטען דור“, האָט דער פּאָטער געענטפערט און גענומען די הויז צו פאַרלאָזען.

„אָבער פּאַ, עס איז דאָך אַ שאַנדע דאָס צו הערען פון אַ אידען מיט אַזוי פיעל עקספּיריענס אין אַמעריקאַ! אַ מענש וואָס האָט זיינע אַלע יאָהרען צוגעבראַכט אין אַמעריקאַ און ניט דוקא אין דער „איסט סייד“ אין ניו יאָרק געזעסען צווישען פאַנאַטישע גרינע, נור אין קאַליפאָרניע געוואוינט, גרויסע ביזנעס געטהון, דאַרף זיך ניט לאָזען פיהרען פון אַ גרינעם ר׳ שלום! דאָס איז ניט ריכטיג, יעדער מענש פאַרשטעהט, אַז טאָקע נור דער יונגער דור ווייסט ווי צו פיהרען זיך דאָ און דאַן זאָג מיר, כ׳בעט דיך, פּאַ, ווי וואָלט איך אַלס פּרעזידענט פון אונזער קאָנגרעגיישאָן אויסגעזעהן, אַנטקעגען די אַלע אַנדערע פּרעזידענטען פון די אַרומיגע קאָנגרעגיישאָנס? זיי פּראָגרעסירען און מיר זאָלען צוריק געהן?! זאָג מיר, כ׳בעט דיך פּאַ, איז ניט אַן אמת׳ער פלעזשור אין די מאָדערנע טעמפּלען וואו יעדער מאַן איז צו זיין פּרוי אַ דזשענטעלמאַן, ער זיצט מיט איהר צו זאַמען און גיט איהר צו פאַרשטעהן די סאָנגס, וואָס דער חזן מיט די מיידלאַך זינגען, אָדער וואָס דער ראַביי ספּיטשט? וואָס האָבען דען אונזערע פרויען אונז געזינדיגט, אַז מיר זאָלען זיי פאַרשיקען אויף די גאַלעריעס

אַרויף, ווי עפּעס פּרעמדע אָדער פּריזענערס? איך בין איבער־צייגט, אַז דו אַליין דאַרפסט אויך שטיצען דעם מאָדערנעם איינפיהר אין די טעמפּלען און דו דאַרפסט גאָרניט ברוגז זיין אויף מיר!"

„איך קען מעהר ניט צוהערען דיינע נאַרישע מעשיות! דאָס האָט דיר רעוו. קוועקזילבער אין קאָפּ אַריינגעדרודעלט די משוגעת, און איהר ביידע ווילט טאַקע אַלעמען אויס׳שמד׳ען. ס׳וועט אייך אָבער ניט אַזוי גרינג אָנקומען דער עסק, און איך האָב ביי דיר מעהר ניט וואָס צו טהון!"

און מיט אַ ברענענדען צאָרן איז דער אַלטער אַרויס פון הויז דערלאַנגענדיג אַ קלאַפּ מיט׳ן טיהר און אַוועקלויפענדיג צו ר׳ שלום׳ן.

— —

ביי ליזי שפּיעלפאַגעל, דער סעקרעטערקע, האָט זיך נאָך אַ שעהנערע חתונה אָפּגעשפּיעלט: איהר פאָטער ליב׳על*ע* דער אויבער חכם, וועלכער האָט מיט איהר, זייט דריי יאָהר, צו־זאַמען געוואוינט, זייט ער האָט זיין גוטע צפּורה, זיין ווייב היימט דאָס, פאַרלוירען, האָט זיך דעם פריימאָג־צו־נאַכט נאָך שוהל צופייערט און זיין ביי׳ז האַרץ אויפ׳ן רעווערענד קוועק־זילבער און אויפ׳ן פּרעזידענט פאַר זיין טאָכטער ליזי׳ן אויס־געגאָסען. דאָס איז געשעהן, ווען ער איז פון שוהל אַהיים געקומען און פאַר זיין טאָכטער דערצעהלט, אַז דער פּרעזידענט מיט׳ן רעווערענד ווילען די קאָנגרעגיישאָן שמד׳ן. זיין טאָכטער איז פאַר דעם אָנגעפאַלען אויף איהם און מיט כעס אויסגע־שריהען:

„זייט ווען ביזטו דאָס פאַ, אַזאַ חסיד געוואָרען?"

„איך בין שוין גאָר קיין חסיד ניט, און דו ווייסט ווי ליעב איך האָב די גרינע, — האָט לייבעלע געענטפערט, — אָבער שמד׳ן זיך, וויל איך ניט, און נאָך דערצו אין אַזאַ פרייער מדינה ווי אַמעריקא וואו יעדער קען זיין וואָס ער וויל, דאַרף איך דאָס

אָודאי ניט טהון! עס איז אַמאָל געווען אַ שפּאַנישע מדינה, — האָב איך געהערט — האָט מען דאָרט פאַר אידען צרות אויס־געטהיילט, אַ „לינקעוויזיציע" געמאַכט. רעוורענד קוועקזילבער זאָל אַזוי וויסען פון זיין לעבען ווי איך וויים וואָס דאָס איז, אָבער איך וויים, אַז קיין גוטער מאכל איז דאָס ניט געווען און זיי האָבען זיך דאָך ניט גע׳שמד׳ט! טאָ ווארום זאָלען מיר זיך דאָ לאָזען אָפּ׳שמד׳ען גלאַט אַזוי פאַר נאַטהינג?"

„פּאַ! איך וויל ניט האָבען, אַז דו זאָלסט זיין אַגענסט דעם רבי, יו אַנדערסטענד, פּאַ?" — האָט ליזי אין אַ באַפעהלע־רישען טאָן געזאָגט.

„דו האָסט מיר ניט צו באַפעהלען! איך בין דיין פאָטער און ניט דיין קינד!" — האָט לייבעלע געענטפערט.

„אַזוי גאָר? — האָט זי ווי פון אַ שלאַנג געביסען, אַרויס־געשריען — אָבער דאָ זיינען מיר ניט אין יוראָפּ. דאָ אין אַמעריקא האָט איהר טאַטעס גאָר אַ קליינע דעה! מאַך קידוש און געה עסען. איך וויל מעהר פון דיינע אַלטע באָבע־מעשיות ניט הערען!"

„איך מאַך ביי דיר קיין קידוש ניט און וויל ביי דיר ניט עסען" — און ער איז אַוועק צו ר׳ שלום׳ן . . .

פונקט דאַמאָלס, האָט מיך ר׳ שלום מכבד געווען צו זינגען „מנוחה ושמחה" און דאָ הער איך אַ קלאַפּ אין טהיר און עס קומט אַריין, ניט אַמאָל וואַרטענדיג אויף דעם באַקאַנטען „קאָם־אין" אָדער דעם „הו־איז־טהער", טאַקע אונזער ר׳ לייבעלע.

„גוט שבת, ר׳ שלום! גוט שבת מיסעס אייזענשטאַרק! איך בין געקומען אַהער תשובה טהון, ג־ט האָט מיך געשטראָפט, ווייל איך בין היינט אַנטלאָפען פון אייך פון אַ גלאָז טהעע, האָב איך אַצונד געמוזט צוריק קומען און איך וויל ביי אייך שבת האַלטען".

„אדרבה, לייבעלע! — האָט ר׳ שלום געזאָגט, — האָט איהר שוין קידוש געמאַכט?

„נאָך ניט“.

„נו, דאָ האָט איהר וויין, מאַכט קידוש“, — זאָגט ר׳ שלום.

„איך גלייך אפילו בעסער שנאַפּס — האָט לייבעלע געענטפערט, אָבער וואָס זאָל מען טהון, אַז מען איז אין גלות? לאָז שוין זיין וויין“.

אין דעם זעלבען מאָמענט דערזעהט ער דעם מר. עכטפּאַרב און ער שרייעט אויס: „ווען זעה איך? מיסטער עכטפּאַרב? ברוך הבא ר׳ אלי׳!“

„וואָס פאַר אַ שמחה איז דאָ מיט אייך, לייבעלע? — פרעגט איהם דער אַלטער עכטפּאַרב.

„ווען פרעהט זיך אַ הויקער, אפשר ניט ווען ער דערזעהט נאָך איינעם?.... — פרעגט צוריק לייבעלע.

מיר הערען ווידער אַ קלאַפּען ביי דער טיהר און עס קומען אַריין מיט אַמאָל זיבען באַקאַנטע זקנים, וועמען איך האָב ערשט אין שוהל געטראָפען, און לייבעלע אויבער-חכם לאָזט אַרויס אַ געלעכטער און הויבט אָן, ווי אַ גאַליציאַנער בדחן ביי אַ חתונה אויפ׳ן הויכען קול זיי אויסצורופען:

„ברוך הבא! דער אַלטער „האַמער און גלאק“ איז שוין דאָ!

„ברוך הבא, פעטער ראָזענצוויג, יוסקה חזיר-בוטשערס-שוועך, איז שוין דאָ! ברוך בער לאָקשענברעט, יאָשע יונה שטעקעלמאַכער, פיניע האַקמעסער, איציקל שטרודעלעסער און אייזיק צינדהעלץ אונזער עלטסטער פינאַקעל-שפּילער!

„ברוכים הבאים! צרות און ליידען פריינדע! טשעקט הענד! איך האָב אייך אָבער אַ סך מאָל געזאָגט ביים פינאַקעל, אַז מיר וועלען זיך נאָך אַמאָל בעטען ביי ר׳ שלום׳ן, ער זאָל אונז אַריינלאָזען, — האָט זיך געוויצעלט לייבעלע. — וקבצנו יחד, ברידערלעך! נור געלעבט!...

„האָט איהר שוין קידוש געמאַכט? — פרעגט זיי ר׳ שלום—
„ניין!“ — האָבען זיי געענטפערט.

„האָט נור קיין מורא ניט, אין אַמעריקא הונגערט מען ניט, אַז ס׳איז מעהר ניטאָ קיין זופּ און פלייש, געפינט זיך עפּעס אַנדערש, זעצט אייך, באַלד ברענגט מען אַריין גלעזער צו קידוש און בולקעלעך צום וואַשען זיך“, — זאָגט פרומע ר׳ שלום׳ס ווייב. — און אסתר מלכה מיט איהר שמייכעלע איז באַלד געלאָפען דאָס צו ברענגען.

„ר׳ שלום! — האָט זיך דער עלטסטער זקן, אייזיק צינד־האַלץ, אַ איד אַ בן שמונים אָבגערופען, — מיר זיינען ניט גע־קומען עסען און ניט קידוש מאַכען, אַלעס נאָך וואָס מיר זיינען געקומען איז, אַז איהר זאָלט אונז אַן עצה געבען: „וואָס טהוט מען מיט אונזערע נאַרישע קינדער?“ זיי ווילען זיך און אונז אָפּ׳שמד׳ן אויף אונזערע אַלטע טעג“.

„ווי זאָגט מען נור דאָ אין אַמעריקא? — ענטפערט ר׳ שלום, — „אַזוי אין דער האַרי“, קען איך אייך דערווייל, איין עצה געבען, קידוש צו מאַכען, דאָס איז אַ סגולה געגען שמד“.

„מיר האָבען שוין אַלע יוצא געווען אין שוהל, און סאַפּער האָבען מיר נאָך פאַר שוהל געגעסען. מיר זיינען דאָך עפּעס אין אַמעריקא“, — האָט דער אַלטער צינדהאָלץ געזאָגט.

„ניין ברידערלעך, — זאָגט ר׳ שלום, — ניט ווייל איהר זענט אין אַמעריקא, נור ווייל איהר האַלט ביים שמד! צוערשט לאָזט מען נאָך איין זאַך, און נאכהער פּאָוואָליע, פּאָוואָליע אין גאַנצען“....

הקיצור, דער גאַנצער עולם האָט קידוש געמאַכט. אַלע האָבען זיך געוואַשען און פרומע האָט שוין געפונען וואָס צו געבען צו עסען. צו לעצט האָט מען יעדען איינעם דעם בעל־שם׳ס צומעס, ס׳הייסט אַביסעל פאַרפול, געגעבען און מיט אַ גלעזעל ווייז פּאַרטרונקען.

איך האָב געזונגען „מנוחה ושמחה", ר׳ אלי׳ האָט געזונגען „מה ידידות" און ר׳ שלום האָט געזונגען „יום שבת קודש הוא". פרומע האָט דאַן געהייסען אסתר מלכה׳ן, זי זאָל געבען צום טיש אַרבעס. נאָך דעם האָט זיך ערשט געלאָזט טרינקען, און אַזוי ווי מיר זיצען און זיינען זיך משמח מיט׳ן שבת, הערען מיר ווידער אַ קלאַפּען ביים טיהר. אסתר מלכה האָט די טיהר געעפענט און מיר הערען אַ סך מיידעלשע שטימען: „גוד איווניננ און גוד שבת" געמישטע סחורה.

„זיי זיינען דאָס געקומען אונזער פּלימעניצע „מזל טוב" ווינשען, צו איהר גרעדואיישאָן אין קאָלידזש. דאָס גאַנצע מיידעל איז ערשט דריי יאָהר אין אַמעריקא, האָט זי אין איין יאָהר די „האַי-סקוהל" געענדיגט און צוויי יאָהר קאָלידזש גרעדזשואירט", — זאָגט פרומע ר׳ שלום׳ס ווייב צו אונז.

„איך האָב געהערט אַז די צייטונגען האָבען די וואָך איבער איהר געשריבען" — זאָגט ר׳ אלי׳ עכטפּאַרב. — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין נייגעריג געווען צו הערען, וואָס אסתר מלכה וועט מיט איהרע געסט רעדען, האָב איך געבעטען אַלע געסט זיי זאָלען מיר די געלעגענהייט געבען, אָט די מיידעלשע צוזאַמענקונפט אינטערעסירט מיך זעהר שטאַרק, — האָב איך צו זיי געזאָגט — און זי דאַרף אייך אַלעמען אינטערעסירען".

ר׳ שלום׳ס פרוי האָט פאַרשטאַנען וואָס איך מיין און האָט האַלב די טהיר צום לייברערי געעפענט. דער עולם ווידער האָט אַ שווייגעניש באַקומען און עס האָט זיך באַלד דערהערט אַ מיידעלשע שטימע, האַלטענדיג אַ ספּיעטש:

„אסתר מלכה! טהייערע פריינדין און גייסטיגע פיהרערין פון אונזער סאָסייעטי „בנות ישראל"! פון טיעפען האַרצען קומען מיר דיר גליק ווינשען צו דיין סוקסעס, וואָס דו האָסט געהאַט אין קאָלעדזש ביי דער גרעדואיישאָן מיר האָבען די גאַנצע

צייט געוואוסט און מיר האָבען געפיהלט, אַז מיר האָבען אַ טהייערע פערל אין געלעסוויל אַריינבאַקומען און איצט זעהען מיר, ווי די גרויסע צייטונגען האָבען דאָס אויך ענטדעקט און זיי באַשרייבען דיין לעבענס ביאָגראַפיע, פיהלען מיר זיך שטאָלץ דערמיט אין אונזער שטעדטעל, אַזאַ אידישע טאָכטער צו האָבען און דערפאַר זיינען מיר אלע געקומען אַהער, דיך מיט אונזער וויזיט צו באַעהרען. איך האָב די עהרע אין נאמען פון אונז אַלעמען אין דיין ליעבלינג שפּראַך „אידיש" דיך צו באַגריסען. מיר האָבען אַלע געלעזען אין די צייטונגען דעם גרויסען לויב־געזאַנג צו דיר, אָבער זייט מיר קענען דיך אַלס גרינדערין און פּרעזידענטין פון אונזער סאָסייעטי „בנות ישראל" ווייסען מיר, אַז די באַשרייבונג וועגען דיר איז וויט פון אויסרעכענען דיינע אַלע מעלות ווי מיר קענען זיי, עס איז אפילו קיין העלפט ניט געזאָגט געוואָרען וועגען דיר און דעריבער באַגריסען מיר דיך און ווינשען דיר פון טיעפען האַרצען דעם גרעסטען ער־פאָלג און דאַנקען דיר פאַר עפענען אונזערע אויגען, פאַר אומקעהרען אונז צום אידישען פאָלק וועגען וועלכען מיר האָבען ביז דיין אַהערקומען כמעט גאָרנישט געוואוסט און וואָס איצט זיינען מיר שטאָלץ אידישע טעכטער צו זיין און דיך אַלס אונזער גייסטיגע פיהרערין צו האָבען".

אַ שטורם פון אפּלאָדיסמענטען האָט די קורצע רעדע באַ־גלייט און מיר אַלע זיינען געוועזן העכסט איבעררא‌שט פון דאָס געהערטע.

באַלד איז אויך געקומען אסתר מלכה׳ס ענטפער:

„מיינע טהייערע פריינדינען און ליעבע געסט! לאַנג, לאַנג איז שוין די צייט פאַראיבער, וואָס איך האָב מיך געפרעהט מיט אימיצענס קאָמפּלימענטען, אָבער טראָצדעם וואָס די ווירדיגע רעדנערין האָט מיר דאָ צופיעל געשמייכעלט, פיהל איך זיך איצט גליקליך צו זעהן און צו הערען דאָ אין דעם שטעדטעל

געלעסוויל, אַז מיינע אידישע שוועסטער פיהלען אַזאַ וואַרמקייט צו אַלעס וואָס איז אידיש. איך זעה, אַז אייך אינטערעסירט ניט מעהר די היינטיגע „מואווינג פיקטשורס“, ווי דאָס איז דער פאַל מיט אַ סך היגע אידישע בעלי בתים.... אייך אינ־טערעסירט בעסער צוצוהערען זיך צו אַ אידישער טאָכטער וואָס האָט דאָס גליק געהאַט ערצויגען צו ווערען צווישען הונדערט פערצענטיגע אידען און וועלכע ווייסט צו שאַצען אידישקייט העכער פון אַלע וויסענשאַפטען אין דער וועלט, מיך מיינע טהייערע פאַרבלענדעט ניט דער כבוד פון קאַלעדזש, אַזוי ווי יוסף׳ן האָט דער גאַנצער כבוד פון מצרים ניט פאַרבלענדעט. איך פרעה מיך מעהר מיט געווינען אייערע הערצער פאַר אידיש־קייט, ווי מיט מיין קאַלעדזש־מעדאַל און מיט לויב־געזאַנגען פאַר מיר אין די צייטונגען.

מיינע טהייערע הערצענס פריינדינען! דעם היינטיגען פרייטאג־צו־נאַכט וועל איך האָפענטליך קיינמאָל ניט פאַרגעסען און ווי באַשיידען איך זאָל ניט זיין, קען איך אייך ניט גענוג דאַנקבאַר זיין, פאַר דער עהרע וואָס איהר פאַרשאַפט מיר, איך וויל אָבער, אַז כדי אונזער היינטיגער פרייטאג־צו־נאַכט זאָל אונז אין זכרון בלייבען, זאָל אונזער סאָסייעטי צו־באַקומען צו איהר נאָמען „בנות ישראל“ נאָך צוויי שבת ליכט, דאָס הייסט צוויי ווערטער „בנות ישראל—שומרות שבת“ און כאָטש ביזנעס, וואָס ווערען שבת דורכגערעדט, ווערען ניט אויסגעפיהרט, אָבער אַזאַ עכטע שבת־ביזנעס ווי מיין פאָרשלאג וועט מיט ג־ט׳ס הילף יאַ אויסגעפיהרט ווערען“.

— —

יונגע פריינד! וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען, ווי איך האָב געפיהלט צו זעהן די געזיכטער פון ר׳ שלום אייזענשטאַרק און זיין פרוי פרומע! זיי האָבען ממש געלויכטען פאַר שמחה און קיינער פון די אַלע זקנים האָט אפילו קיין הוסט ניט געגעבען און קיין ריהר מיט קיין אבר ניט געטהון. מיר זיינען אַלע ווי

אָהן לשון געזעסען, שטום־ווערענדיג פאַר גרויס איבערראַשונג.

„דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען!“ האָבען עטליכע שטימען מיט אַמאָל אויסגעשריהען.

„מיר ווילען טאַקע אַזוי רופען זיך, „בנות ישראל שומרות שבת“, ווייל ס׳איז דאָך אונזער צוועק צו קעמפען פאַר׳ן שבת“— האָט איינע פון די מיידלאך ערקלעהרט וואָרום דער פאָרשלאַג ווערט אָנגענומען.

„איך דאַנק אייך זעהר, — האָט אסתר מלכה געזאָגט, — און דערפאַר וועל איך אייך איצט דעקלאַמירען אַ נייעם געדיכט וואָס איך האָב דאָ לעצטענס פאַרפאַסט, איך האָף, אַז מיין געדיכט וועט אייך געפעלען, ווייל אויב ס׳איז אפילו ניט קיין פאָעטישע קונסט־ווערק, איז דאָס אָבער פאַסיג פאַר דעם צוועק פון אונזער סאָסייעטי“.

הוררא! מיר ווילען דאָס הערען!“ — האָבען אַלע מיידלאַך געשריהען אַפּלאָדירענדיג.

און אסתר מלכה האָט אָנגעפאַנגען צו דעקלאַמירען:

אַמאָל איז געווען,
אַמאָל איז געווען,
געווען איז אַ טאַטע מיט אַ מאַמען,
און מיט קינדער אַ סך,
אַלע אונטער איין דאַך,
געלעבט האָבען זיי גליקליך צוזאַמען.

דער טאַטע אַ רייכער, אַ מילדער אַ גוטער,
די מאַמע — אַ צאַרטע, ליעבליכע מוטער,
די קינדער ווי בליהענדע רויזען אין גאָרטען,
גליקליך זיי אַלע געלעבט האָבען דאָרטען.
אַמאָל איז געווען,
אַמאָל איז געווען.

די קינדער געוועזן זענען גוטע און פרומע,
געהיט זיך פון וועגען פאַרדאָרבענע, קרומע,
די מאַמע איז געווען מלא שמחה וששון,
דער טאַטע געפיהלט האָט ווי אַ גליקליכער חתן,
אַמאָל איז געווען,
אַמאָל איז געווען.

פון אַלעם גוטען האָט ביי די עלטערן געפלאָסען,
פרייד און גליק האָבען די קינדער גענאָסען,
און כבוד פיעל צו טאַטע-מאַמען
אַ פּאַלאַץ אַ פּראַכט, איינעם אין דער וועלט,
האָבען די קינדער פאַר'ן טאַטען באַשטעלט,
אַמאָל איז געווען,
אַמאָל איז געווען.

און יעדען יאָהר אין באַשטימטע צייטען,
קומען פלעג'ן די קינדער פון אַלע זייטען,
ברענגען פאַר די עלטערן טהייערע מתנות,
צו אַ גרויסען יום טוב מאַכענדיג הכנות,
די גאַנצע פאַמיליע מלא שמחה וששון,
טאַטע-מאַמע זיינען ווידער כלה-חתן,
און די קינדערלעך אַלע,
זיינען משמח חתן-כלה,
אַמאָל איז געווען,
אַמאָל איז געווען.

אָבער דיעזע פרייד פלעגט די שונאים שטעכען
און זיי האָבען געוואָלט די פאַמיליע צוברעכען,

ביסלאַכווייז האָבען זיי די קינדער פאַרסמ׳ט,
מיט זיסינקע רייד זייער פאַלשקייט באַ-טעמ׳ט:
„טאַטע-מאַמען זיינען אַלט,
אָהן חן איז זייער געשטאַלט,
אויב פרעהען זיך איז מיט יונגע בעסער,
מיט פרעמדע וועט די פרייד זיין גרעסער,
און אויך פיעל פאַרשייטער!“
און זאָ ווייטער און זאָ ווייטער.

ענדליך איז דער פלאַן געלונגען,
ס׳האָבען אויסגעפיהרט די בייזע צונגען,
מ׳האָט אויסגעביטען טאַטע-מאַמען
אויף טענץ מיט פרעמדע פאַלשע דאַמען,
אויף פרעמדע וועגען זיך געטראָגען,
און ווער׳נדיג שכור זיך צו-שלאָגען,
און דאָס האָבען די פיינד געדאַרפט,
דאַרויף האָב׳ן זיי די ציינער געשאַרפט.

מען איז די קינדער ווילד באַפאַלען,
און מיט טרומייטערען און שאַלען,
זיי פאַרפייניגט און פאַרפלאָגט,
פון דער היים, אין וואַלד פאַריאָגט,
זיי צו׳מזיק׳ט און צו-קלאַפּט,
זייער היים צושטערט, פאַרכאַפט,
דעם פּאַלאַץ האָב׳ן זיי פאַרברענט,
צובראָכען און צושטערט די ווענט,
אַמאָל אַמאָל איז דאָס געווען,
אַמאָל איז אַ פּאַלאַץ געווען.

זייט יענער צייט צו־זייהט, צו־שפּרייט,
אין טיעפען וואַלד פאַרשמאַכטערהייד,
די קינדער וואַלגערען זיך דאָרט,
געפינען ניט פאַר זיך קיין אָרט,
באַגאַנגען זיינען זיי אַ טעות,
און ליידען איצט פון חיות רעות,
זיי זיפצען נאָך די אַלטע צייטען,
ווען גלייך געוועזן זיינען זיי צו לייטען,
און זיי לעכצען,
און זיי קרעכצען,
„אַמאָל איז געוועזן,
אַמאָל איז געוועזן!“

אַך! די מאַמע איז געפאַנגען!
מ׳קען צום טאַטען ניט דערלאַנגען!
נור אָפט פּאַסירט אין טיעפען שלאָף,
אַ שטימע שרייעט: „דאָס איז די שטראָף
פאַר פוילען זיך געהן צוריק,
צום אַלטען לעבען, אַלטען גליק!“
און ס׳שרייעט אַ קול מן השמים:
„גענוג צו לעבען פון שיריים!
צום אַלטען טאַטען טרינקט לחיים,
צוריק צוריק קיין ירושלים,
צוריק צום שבת, צו דער תורה,
צוריק צום טאַטען צו דעם בורא,
וועט ווידער זיין ווי אַמאָל,
פיעל פרייד, פיעל שמחות אָהן אַ צאָהל!“

„הידד! הידד! לעבען זאָל אונזער פּאַעטין! לעבען זאָל אונזער מרים! לעבען זאָל אונזער דבורה!“ — האָט זיך גע־הערט אַן אויסגעשריי פון פיעלע שטימען און יעדע מיידעל איז געוועזן גליקליך אסתר מלכה׳ס האנד צו דריקען.

מיר אַלע האָבען די דאָזיגע סצענע דורך דער אָפענער טיהר געזעהן.

יונגע פריינדע! עס איז גאַנץ אונמעגליך געטריי איבער־צוגעבען דעם גייסט, דעם פייער און דעם פלאַקער, וואָס די פּאַעטין אסתר מלכה האָט אין דעם דעקלאַמירען פון איהר פּאָעזי אריינגעגעבען, און די באַגייסטערונג פון איהרע פריינדינען. ס׳איז איינפאַך ניט צום באַשרייבען.

און מיר הערען ווייטער אסתר מלכה׳ס שטימע, ווי זי ענט־פערט צו די „בנות ישראל שומרות שבת“:

„שוועסטערן! איך דאַנק אייך נאָך אַמאָל פאַר דעם כבוד, נור דעם פאַרגלייך, וואָס איהר גיט מיר צו אַ מרים צו אַ דבורה, נעהם איך ניט אָן, ווייל עס איז אונגעהייער איבערטריבען, אויב איהר ווילט אימעצען פאַרגלייכען צו אַ מרים, פאַרדינט דאָס אייער טאַלאַנטפולע רעדנערקע מים ביבלאַווסקי, וואָס איך ווייס צו מיין צפרידענהייט, אַז זי איז אַן אמת׳ע ביבעל געשטאַלט, אַ ביבעל קענערען און קען און ווייס אונזערע הייליגע ביבעל־געשיכטעס, איהר, קומט דער טיטעל „מרים“, איהר קומט דער אמת׳ער כבוד!“

„אָלרייט! — שרייען זיי אַלע אויף אַ מאָל, — מים ביב־לאַווסקי איז אונזער מרים און דו אונזער געליעבטע פּאָעטין! — ביזט אונזער דבורה, הידד מרים! הידד דבורה!“

די מיידלאך האָבען נאכהער געקראָגען כיבוד און זיי זיינען זיך צוגאַנגען ווינשענדיג אַלעמען אַ גוטען שבת.

איך שעהם זיך גאָר ניט אויסצוזאָגען, איך בין פון אסתר מלכה׳ס „אַמאָל איז געווען“ אַזוי באַגייסטערט געוואָרען, דאָס,

אומגעבעטען הויב איך אָן דעם ראָפּשיצער „לקל אשר שבת מכל המעשים“, און פאַרקאַטשע מיר די אַרבעל און מיט דער לינקער האַנד נעהם איך אָן ר׳ שלום׳ס רעכטע האַנד, ר׳ שלום ווידער נעהמט אַזוי אָן ר׳ אלי׳ן, און אין איין מאָמענט געהען מיר אַלע אַ קנאַקעדיגען „ריקוד׳ל“, אַז אפילו די לוסטיגע קאָצקער חסידים וואָלטען אונז געמעגט מקנא זיין.

די זקנים זיינען שלעפּעריג געוואָרען, האָבען מ׳יר „נברך לאלקינו“ געבענשט, מיט׳ן בענשען האָט ר׳ שלום מכבד געווען ר׳ אלי׳ן. נאָכ׳ן בענשען, זאָגט דער אַלטער צינדהאָלץ:

„פריינדע! צוועלף אַזייגער איז פאַראיבער און מיר האָבען גאָר ניט געטהון!“

„מאָרגען אי״ה נאָך הבדלה וועלען מיר טהון, אַצונד געהען מ׳יר זיך צולעגען, — האָט ר׳ שלום געזאָגט.

און די פּאָר זקנים האָבען אַ גוטען שבת געזאָגט און זיינען אַוועקגעגאַנגען, נור איך מיט ר׳ אלי׳ן זיינען מיר ביי ר׳ שלום׳ן געבליבען.

עלפטער קאַפּטעל

ויהי בחצי הלילה... פרייטאג צו נאכט ביי ר׳ שלום׳ן. — פרומע מיט אסתר מלכה׳ן געהען שלאָפען. ר שלום, ר אלי׳ און איך, זעצען זיך ערשט נאָך צוועלף אַזייגער צום ריכטיגען געשמועס. — ר׳ שלום שטעלט מיך פאַר פאַר ר׳ אלי׳ אַלס איינעם פאר וועלכען מען קען אַלעס שמועסען. — ר׳ אלי׳ס גרויסער סוד. — די צוואה און זיין אַמעריקאַנער ביאגראַפיע...

„ר׳ אלי׳! — זאָגט ר׳ שלום צו ר׳ אלי׳, — דאָ שטעל איך אייך פאָר מיין גאַסט נאָך אַמאָל, מ׳יר קענען פאָר איהם רעדען, און איך מיין, אַז מיר וועלען איהם צו אונזערע פּלענער דאַרפען, ער איז אַ כלל-טהוער פון דער היים. איהר האָט אודאי פון איהם שוין געהערט, ער איז דאָס „דער גרינער רעוורענד וואָס קעמפט געגען דער געלער געפאַהר“ אַ בעל בתישער אידל.

„אויב אַזוי? נאָט אייך אָפּ אַ גאַנץ נייעם שלום! — זאָגט ר׳ אלי׳ צו מיר, און גיט מיר אָפּ שלום.

„לעבען זאָל דער אַלטער ר׳ שלום!“ — זאָג איך.

„אמן! — ענטפערט ר׳ אלי׳ לאַבעדיג, איך האָב שוין פון אייך געהערט, — זאָגט ער צו מיר — און עס פרעהט מיך אייך דאָ ביי אַזאַ וויכטיגען שמועס צו האָבען.

„ר׳ שלום! — זאָגט ר׳ אלי׳ — זייט מוחל, גיט מיר אַרויס דעם פּעקעל שריפטען, וואָס איך האָב אייך די טעג צו באַהאַלטען

געגעבען, איך וויל אייך עפּעס ווייזען, דער סוד מוז אצונד ארויס קומען".

„טאָמער האָט איהר דאָרט מוקצה זאַכען, דאָס הייסט אַזעלכע זאַכען, וואָס מען טאָר שבת אין האַנט ניט נעהמען?"

„ניין! — ענטפערט ר' אליי, — אַלעס וואָס איך האָב אייך אַוועקגעגעבען, מעג מען שבת אין האַנד נעהמען, איך מיין גאָר, דאָס עס איז אַ מצוה זאַך שבת אַזעלכעס אין האַנד צו נעהמען".

ר' שלום נעהמט דאַן אַרויס פון זיין שרייב טיש אַ פּעקעל שריפטען און דערלאַנגט עס ר' אליי'ן.

„ר' שלום! ניט איהר און ניט דאָס גאַנצע שטעדטעל האָבען מיך ביז אצונד רעכט געקענט, און דעם סוד וואָס איך האָב ביי מיר ביז היינט אַרומגעטראָגען, מוז ענדליך אַרויסקומען, נור ווי אַזוי? וויל איך זיך מיט אייך און טאַקע אין דער געגענוואַרט פון גאַסט באַראַטהען. דאָ האָט איהר אַ קאָפּיע פון מיין צוואה, וואָס איך האָב דאָ ניט לאַנג געמאַכט, לייענט זי איבער, דערנאָך וועל איך אייך מיין גאַנצע לעבענס-געשיכטע דערצעהלען, וואָס וועט אייך ביידען ניט ווייניג אינטערעסירען".

איך און ר' שלום נעהמען די אידישע קאָפּיע פון ר' אליי'ס צוואה און הויבען אָן צו לעזען:

צוואה

„איך אליי עכטפּאַרב, געבוירען אין ניקאָלאַיעוו, רוסלאַנד, 58 יאָהר אַלט, פאָטער פון איין זוהן, וואָס הייסט יונה (דזשאָהן) עכטפּאַרב, אין געלעסוויל פּאַ., ערקלעהר דעם היינטיגען טאָג דאָס איך שרייב די דאָזיגע צוואה מיט מיין אייגענער האַנד-שריפט און אונטערשריפט און מיט מיין פולען פאַרשטאַנד און געדאַנקען. די דאָזיגע צוואה האָט קיינער קיין רעכט צו ענדערן אויסער איך אליין.

א) אַזוי ווי איך האָב מיין זוהן מיסטער יונה (דזשאָהן) עכטפּאַרב נאָך אינ׳ם יאָהר תר״פ (5680) — 1920 גע־געבען איין הויז אין געלעססוויל אין׳ם ווערטה פון אַכצעהן ($18,000) דאָלער און איין הויז אין פּאַליטישענטאון פּאַ., 5 מאַין סטריט, אינ׳ם ווערטה פון $39,500 און אינ׳ם יאָהר תרפ״ג (5683—1923) א באַנקביכעל פון די פוירסט נעשאָנאַל בענק אין פּאַליטישענטאון, פּאַ., מיט פופציג טויזענד ($50,000) דאָלער, פיהל איך דאָס איך האָב פאַלשטענדיג ערפילט מיין פאָטערליכען פליכט צו איהם און דערפאַר וויל איך זעלבסט, נאָך מיין בעסטען איינזעהן, מיין איבערגעבליבענעם פּארמעגען צו טהיילען.

ב) אַזוי ווי דער מענש האָט זיך ניט בידו און ווייס ניט ווען מען מאַרגען עם איז, איז מיין לעצטער וואונש צו אָנ־צייגען וואָס עס זאָל געשעהן מיט מיין פאַרמעגען ווער בעס באַ־שטעהט פון פאָלגענדעס: איין פאַרם מיט׳ן נאָמען „איסט גרינ־קענסוויל״ (קאַליפאָרניע) וואָס איז אָפּגעשאַצט געוואָרען פון קאַליפאָרניע סטעיט דעם 10טען מאַי 1924 אין $896,750. מזומן געלד אַ סומע פון הונדערט טויזענד דאָלער, וואָס איך האָב ליגען אין צוויי בענק: פופציג טויזענד דאָלער אין פוירסט נעשאָנעל און פופציג טויזענד דאָלער אין לאָס אַנדזשעלעס טראָסט קאָמפּאַניע בענק, און קלענערע סומען פון מזומן וואָס געפינען זיך איצט אין מיינע הענט, דאָן די באַנק־פּראָצענטען און דער איינקונפט פון פאַרם צוזאַמען $43,000 אַ יאָהר

פאָלגענד איז מיין וואונש וואָס מיט פאַרמעגען זאָל געטהון ווערען:

1) פינף טויזענד דאָלער קעש זאָל מיין זוהן גלייך נאָך מיין טוידט באַקומען.

2) איבער מיין איבעריגען פאַרמעגען באַשטים איך אַלס

אפיטרופסים דריי פון די פרומסטע רבנים ווען די אגודת הרבנים אין נויארק, וועט רעקאמאנדירען און וועלכע זאלען באקומען פאר זייער מיה צעהן פראצענט פון מיין יעהרליכען איינקונפט, אומגעפעהר פיער טויזענד דאלער. אנדערע צעהן פראצענט זאל באקומען די עזרת תורה, פאר ארימע רבנים אין איירָאפא.

3) ווען עס זאל מיר ביי מיין לעבען ניט געלונגען אין געלעסוויל אן אמת׳ע ארטאדאקסישע קהלה צו גרינדען מיט אן אמת׳ן עהרליכען איד אלס שוחט און מיט א ריכטיגען מלמד אויפ׳ן אלטען שטייגער פאר דער תלמוד תורה, איז עס מיין וואונש דאס די אפוטרופסים זאלען לאזען בויען א הויז, וועלכע זאל זיין באזארגט מיט די פאלגענדע אנשטאלטען: א מקוה מיט א באטה ווי ביי ר׳ שלום אייזענשטארק, פריי פאר אלע פרויען, א וואוינונג פאר א שוחט, בעל תפלה ומגיד א ירא שמים, א וואוינונג פאר צוויי מלמדים יראים ושלמים, און א וואוינונג פאר צעהן זקנים פון געלעסוויל (מושב זקנים). די פרוי פון דעם שוחט אוןביידע פרויען פון די מלמדים זאלען די השגחה האבען איבער די קיך פון די זקנים. זיי אויך באזארגען מיט ריינע מלבושים און אונטערוועש. די זקנים מיט די מלמדים זאלען ערב ובוקר א מנין אויפהאלטען. צוויי צימערען זאלען רעזערווירט ווערען פאר די מענער איין צימער פאר פרויען און צוויי צימערען פאר חדרים. אזא הויז דארף ניט מעהר קאסטען ווי ביז $75,000 און דאס זאל פון מיין באארעס געלד פון די הונדערט טויזענד דאלער געדעקט ווערען, די קאסטען דאס אויפצוהאלטען זאל גענומען ווערען פון דעם ריינעם איינקונפט פון מיין פארם, וועלכער ברענגט אומגעפעהר $40,000 א יאהר, דאך זאל עס ניט איבערשטייגען די דאזיגע הוצאות:

עלעקטריק וואסער און גאז פאר׳ן גאנצען הויז מיט

דער באַד, יעהרליך — — — — — — — — — —	$1,500
צוויי מלמדים אַ יאָהר — — — — — — — — — —	5,000
אַ שוחט און מגיד, יעהרליך — — — — — — — — —	3,000
צעהן זקנים עסען א יאָהר — — — — — — — — —	5,000
אַ קעכין $1,500, אַ העלפערין $1,000 און אַ הויז־באַדיענער $1,500, צוזאַמען — — — — — —	4,000
אַנדערע הוצאות — — — — — — — — — — —	1,500
ריפּיירינג אַ יאָהר — — — — — — — — — — —	1,000
אינשורענס און אַנדערע קליינינקייטען — — — —	500
צוזאַמען — — — — — —	$21,500

ג) דער שוחט זאָל אַ שטרענגע השגחה האָבען אויפ׳ן פלייש, אַז אַלעם זאָל זיין כשר וישר. ער מוז אויך יעדען ווינטער פריטאג צו נאַכט נאָכ׳ן עסען און יעדען זומער שבת נאָכ׳ן שלאָפען 2-3 שעה פאָרלערנען פאַר די זקנים און פאַר דער יוגענד פון שטעדטעל די סדרה פון דער וואָך דורכגעוועבט מיט מגידות.

ד) די מלמדים זאָלען אין דער זעלבער צייט אין די חדרים און אין דער אנוועזענהייט פון אַ קאָמיטע פון 2-3 טאַטעס צו פאַרהערען די קינדער אין אַלעם וואָס זיי האָבען איבער דער וואָך געלערענט.

ה) טאָמער וועלען עלטערן פון געלעסוויל זייערע קינדער אין דעם חדר ניט וועלען שיקען, זאָל נור איין מלמד געהאַלטען ווערען און פון דער פרעמד זאָלען צעהן אָרימע יתומים געבראַכט ווערען און זיי זאָלען דאָ ערצויגען ווערען אַלס אמת׳ע אידען אין תורה עם דרך ארץ, און וויפיעל קינדער עס וועלען מיט דער צייט אַרויסגעהן, אַזויפיעל זאָלען צוריק אַריינגענומען ווערען, אויף דעם זאָל די וואוינונג פון דעם אַנדערן מלמד באַ־

נוצט ווערען, ווי אויך דער געהאַלט פון׳ם צווייטען מלמד און ווייטערע צוויי טויזענד דאָלער אַ יאָהר, אַזוי אַז דער סך הכל דאַרף פאַרווענדעט ווערען אויף דעם אנשטאַלט די סומע פון $23,500 צוגערעכענט די שכר טרחה פאַר די דריי רבנים $4,000 און פאַר דער עזרת תורה $4,000 אַזוי דאַס אַלע הוצאות צו־זאַמען31,500 לקופת ר״מ בעל הנס פאַר אלע כוללים גלייך פאַר־טהיילען פינף טויזענט דאָלער. דאַס איבעריגע, וואָס וועט נאָך יעהרליך בלייבען, זאָל אינ׳ם טאָג פון מיין יאָהרצייט פאַר ארעמע אלמנות און פאַר אַלטע אידען צוטהיילט ווערען; די זקנים מיט די יתומים פון דעם אנשטאַלט זאָלען נאָך מיר קדיש זאָגען און דער שוחט מיט דעם מלמד זאָלען פאַר מיין נשמה וועגען משניות לערנען.

ו) די אפּוטרופּסים דאַרפען זיך באַמיהען צו זאָרגען אַז די חדר קינדער זאָלען נאָכ׳ן פאַרלאָזען דעם חדר פאַרבלייבען וואוינען דאָ אין געלעסוויל, כדי דאַס שטעדטעל זאָל אַ אידישען דור פאַרמאָגען.

ז) די צוואה פאַרלירט איהר גילטיגקייט נור אין דעם פאַל, ווען די קהלה זאָל איינזעהן איהר פעהלער פון דעם ביז איצטיגען אויפפיהרען זיך און זאָל אַליין אַן עהרליכען איד אַלס שוחט און מגיד אַנשטעלען און לכל הפחות צוויי מלמדים עקסטרא צונעהמען, וועלכע זאָלען מיט די קינדער אויף׳ן אַלטען שטייגער לערנען, דאַס מיינט קודם גוט דאַוונען, סדרה מעביר זיין, די הפטורות פון גאַנצען יאָהר, חומש, נ״ך און אַלעס אין אידיש לערנען. אין אזא פאַל זאָל פאַר די אָרימע קינדער, וואָס זייערע עלטערן קענען ניט צאָהלען, פון מיין געלד געצאָהלט ווערען און דאַס הויז בלייבט אין פאַרוואַלטונג פון דער שטרענג אָר־טאָדאָקסישער קהלה אַלס אַ חדר און פאַר נאָך עהנליכע נוצ־ליכע זאַכען פאַר קהל. דאַס הויז מוז טראָגען דעם נאָמען „בית אלי׳עכטפאַרב״ מוקדש לקהל שומרי הדת בגעלעסוויל.

ח) די דאָזיגע צוואה קען אויך אין דעם פאַל איהר גילטיג־קייט פאַרלירען, ווען מיין זוהן יונה (דזשאָהן עכטפּאַרב מיט זיין פּרוי מרס. העלען (איהר אידישען נאָמען ווייס איך ניט) זאָלען אָנהויבען אַן עכטען אידישען לעבען פיהרען, דאָס מיינט, אַן עכט כשר׳ע הויז פיהרען און זייער זוהן יעקב (דזשעיק) זאָל ביי אַן עכט אָרטאָדאָקסישען מלמד לערנען און ווען ער וועט צעהן יאָהר אַלט ווערען, זאָל ער אין ניו יאָרקער ישיבה לערנען ביז ער וועט סמיכה אויף רבנות באַקומען (אַזוי אויך ווען זיי וועלען נאָך אַן אינגעל געבוירען), און טאָמער ווען זיי וועלען טעכטער האָבען, מוזען די זעלבע אין עכט אידישען גייסט ער־צויגען ווערען און פאַרהייראַט ווערען צו בחורים תלמידי חכמים און יראים. אין דיעזען פאַל און נאָך אַ פיער־פּראָבע פון צוואַנציג יאָהר אמת׳ע אידען צו זיין, איבערגעהט מיין גאַנצער פאַרמעגען צו מיין זוהן יונה (דזשאָהן) עכטפּאַרב.

ט) ווען מיין זוהן יונה (דזשאָהן עכטפּאַרב, זאָל זיין גאַנ־צען לעבען זיך נאַריש (ניט רעליגיעז) פיהרען נור זיינע קינדער אָדער קינדס־קינדער זאָלען צוואַנציג יאָהר נאָכאַנאַנד אַן עכט אָרטאָדאָקסיש אידישען לעבען פיהרען, איבערגעהט מיין גאַנצע פאַרמעגען מיט אויסנאַהמע דער הויז „בית אלי׳), צו דעם אייניקעל אָדער אור אייניקעל, וועלכער וועט אָרטאָדאָקסיש זיין.

געצייכענט דען 15 מאַרץ„ 1924 (5684).

אלי׳ עכטפּאַרב.

לעגאַליזירט פון לאָיער און נאָטאַרי פּובליק,
דזשעקוב גרינפעדער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„ר׳ אלי׳! — האָט ר׳ שלום באַגייסטערט אויסגערופען, — די צוואה איז אַ מייסטער ווערק און ווי עס פּאַסט פאַר אַן עהר־

ליבען פרומען אידען, נור איך האָב שטאַרק מורא, אַז אייער זוהן וועט די צוואה באַשטרייטען. עס זיינען פאַרהאַנען וועגען, אַזאַ צוואה צו פאַרניכטען".

„אויך פאַר דעם, מיינע ליבע אידען האָב איך געזאָרגט און דאָ האָב איך די רפואה דערצו", — האָט ר' אלי' געענטפערט און האָט אונז נאָך עטליכע שריפטען דערלאַנגט, יעדע שריפט איז אין ענגליש, נור עס איז צו איהר צוגעשטעפּעט אַ קאָפּיע אין אידישער איבערזעצונג.

„מיר די אונטערצייכענטע, פּראָפעסאָרען פון באַלטימאָר, מ. ד. יוניווערזיטי (פּסיכאָלאָגיע אָפּטהיילונג) באַשטעטיגען דאָס מר. אלי' עכטפּאַר,ב 58 יאָהר אַלט, אַמעריקאַנער בירגער, געבוירען אין ניקאָלאַיעוו, רוסלאַנד, איז פון אונז פּאַרזיכטיג אונטערזוכט געוואָרען אין פאַרלויף פון אַכט טעג. ער איז אונטער דער שטרענגסטער בעאָבאַכטונג געשטאַנען און עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, דאָס ער איז פּאָלקאָמען געזונד, גייסטיג נאָרמאַל און ביים פולען פּאַשטאַנד. זיין טעסטאַמענט (צוואה) איז פון אונז געלעזען געוואָרען און עס איז פּאָלשטענדיג איינשטימיג מיט אַן נאָרמאַל רעליגיעזען און פרום-דענקענדען מענשען.

באַלטימאָר, מ. ד. דען 25טען מערץ, 1924.

פּראָפ. באַטלער, פּראָפ. קעללאָג, פּראָפ. ראָזעוועלט.

ר' אלי' האָט אונז געצייגט עהנליכע באַשטעטיגונגען פון אַנדערע פּראָפעסאָרען פון קאָלאָמביא, פון פּיטסבורג, פון פילאַדעלפיא און הארווארד יוניווערזיטעטען.

„ר' אלי'! — זאָגט ר' שלום צו איהם, — איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז איהר זייט קיין עין הרע אַזאַ בריה אַ איד, איהר האָט דאָ אייער זוהן מיט'ן נאַגעל פונקט אויפ'ן קאָפּ גע-

טראָפען און ער קען גאָר ניט טהון דאַגעגען, ווי קומט צו אייך אַזאַ שטיקעל אַרבייט?"

„איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, מיין לאָיער דזשייקוב גרינפעדער, איז אַ איד מיט׳ן פולען מויל און מיט איהם האָב איך זיך בּאַראָטהען וואָס צו טהון און ער האָט עס מיר דעם פּלאַן געמאַכט".

„דער פּלאַן איז גרויסאַרטיג, — האָט ר׳ שלום געזאָגט, — אַצונד בין איך נור נייגעריג, אַז דער פּלאַן זאָל פאַרווירקליכט ווערען".

„גלויבּט מיר ר׳ שלום, אַז איך אַליין וואָלט דעם גאַנצען פּלאַן מוחל זיין, וועיל, וויל דען אַ טאַטע, שלאָגען און פּייניגען זיין קינד? ער וויל דאָך נור אַז דאָס קינד זאָל שכל בּאַקומען און זיך צוריק צום טאַטען דערנעהנטערען! די גאַנצע צוואה איז אַ פויגעל דערשרעקער. נור טאָמער וועט זיך מיין זוהן ניט דערשרעקען און וועט ווייטער מיט זיינע נאַרישע מעשים אָנגעהן, בּין איך טאַקע געצוואונגען דעם פּלאַן אין פולער קראַפט אויסצופיהרען. און אַז איהר זייט נאָך ניט שלעפעריג, וועל איך אייך אַבּיסעלע מיין לעבּענס בּיאָגראַפיע אין אַמעריקא, דערצעהלען, וועט איהר מיך שוין אין גאַנצען פאַרשטעהן און איהר וועט מיר צוגעבּען, אַז אַנדערש האַנדלען קען איך ניט".

ר׳ אלי׳! — האָט ר׳ שלום געענטפערט, — איך פון מיין זייט הער אייך מיט׳ן גרעסטען פאַרגעניגען און מיין גאַסט, — זעה איך — איז אויך נאָך ניט שלעפעריג. דערצעהלט אַלעס, איהר וועט זעהן, אַז איהר וועט דאָס נאָך אַלעס אין פריידען דערצעהלען.

„אויב איהר ווילט נור, וועל איך אייך דערצעהלען, — האָט ר׳ אלי׳ געזאָגט, — הערט־זשע מיך נור מיט קאָפּ".

און ר׳ אלי׳ האָט זיין בּיאָגראַפיע אַזוי אָנגעפאַנגען:

„אַכט־און־צוואַנציג יאָהר בּין איך אין אַמעריקא און האָבּ

ניט די זכי׳ געהאַט דעם אמת׳ן טעם פון שבת צו פיהלען, ביז איהר ר׳ שלום, האָט מיך פון נאַרישען חלום אויפגעוועקט. דורך אייך האָב איך אָנגעהויבען צו פיהלען, אַז איך בין אַ איד. וואָס איך האָב אַ סך, זעהר אַ סך פאַרנאַכלעסיגט און פאַרשפּיעלט. אַ סך פאַרגעניגען האָב איך געלאָזט אַוועקלויפען פון מיר און איך קען עס מעהר ניט צוריק כאַפּען, נור וועניגסטענס וויל איך מיינע לעצטע פּאָאַר יאָהר אַלס איד פאַרברענגען און אַלס איד שטאַרבען. דאָס וועט מיך אפשר קאָסטען אַ שווערע מלחמה מיט מיין זוהן, נור עס מאַכט ניט אויס: איך פיהל ג־ט צו דאַנקען נאָך גענוג כח אַזאַ שווערע מלחמה דורכצוקעמפּפען, און אפשר איז גאָר בעסער אַזוי, די דייטשען זאָגען אַ שפּריך־וואָרט: „יעדע אַקציאָן — מאַכט רעאַקציאָן“, ווען מיין זוהן פאַלט ניט איין דער שגעון נאָך מיט פיער מאָנאַטען צוריק, די קהלה צו רעפאָרמירען און אַרויסצוברענגען דעם ראַביי האָלצ־קאָפּ פון פּאָליטישענטאַון, פּאַ., וואָלט איך ניט געוועזען אַוועק־געפאָהרען אויף גאַנצע 6 וואָכען פון דער היים און איך וואָלט ניט געמאַכט די צוואה, מיט די אונטערזוכונגען ביי די פּראָפּעָ־סאָרען. ווען מיין זוהן האָט אָנגעפאַנגען ד י„אַקציאָן“, האָב איך געענטפערט מיט „רעאַקציאָן“. נור ניט דאָס בין איך אייך אויסען צו דערצעהלען, דאָס וואָס איך וויל אייך דערצעהלען איז אָט וואָס: „מיט אַ יאָהר אַכט־און־צוואַנציג צוריק בין איך קיין אַמעריקאַ געקומען, מיין פרוי האָט צו געזעגענען זיך מיט מיר זעהר שעהן אויסגעפּוצט דאָס קינד, (מיין היעזיגען זוהן יונה־דזאָהן עכטפּאַרב) און אַ דריי מאָנאַטליכען געבורטס־טאָג געמאַכט, איהר קענט פאַרשטעהן, אַז מיט ניט וועניג טרעהרען אין מיינע אויגען האָב איך זיך געזעגענט פון מיין פרוי און פון מיין דריי־מאָנאַטליכען זוהן, און בין געקומען קיין אַמעריקאַ. איהר זעהט מיך אַצונד? אַיאַ, איך בין היינט אויך ניט קיין מפּיל־קינד? נו, שטעלט אייך פאָר מיינע כחות מיט אַ יאָהר

28 צוריק! אייזען האָב איך געקענט דאַמאָלס קנעטען, אַזוי ווי דער באַוואוסטער העלד זישע ברייטבאַרד, נור וואָס טהוט אַ גרינער אין אַמעריקא, יא כח אָדער ניט כח, מען ווערט אַ פּרעסער. איך בין דאָס טאַקע אויך געוואָרען, איך בין געשטאַנען פון אין דער פריה ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט אַ שווערען ביגעל-אייזען אין דער האַנד און האָב געביגעלט, געפּרעסט הייסט דאָס, הויזען, סוטס, און וואָס איהר ווילט, פאַרדינען פלעגט מען דאַמאָלס, ווי מען זאָגט — וואסער אויף קאַשע, קוים אויף אַ לעבען צו מאַכען, נור איך מיט מיין אויסערגעוועהנליכען כח האָב מעהר פון אַלע מיינע קאָלעגען געאַרבייט, אַפילו מעהר פון אונזערע אבות אין מצרים און איך האָב מיט נויט שוויים אין די ערשטע פינף יאָהר זיך עטוואָס אָרויפגעאַרבייט, דאָס הייסט אַז אויסער וואָס איך פלעג שיקען געלד אַהיים יעדען מאָנאַט, האָב איך נאָך אָפּגעשפּאַרט אויף אַריבערצוברענגען מיין פלונית׳טע מיט׳ן קינד, — דאָס איז טאַקע דער תכשיט מיינער, דער „דזשאַהן״, דער היזיגער פּרעזידענט פון דער קאָנגרעגיישאָן, אַ וועה צו מיר!

הכלל, כ׳האָב די צוויי נפשות געבראַכט אַהער און דאָ האָב איך גענומען אַ וואוינונג פון דריי רומ׳ס, ריכטיגער געזאָגט, צוויי רומס מיט אַ קיטשען. מיין פלונית׳טע האָט אַלס גרינע קיין יצר הרע ניט געהאַט פאַר בעסערס און זי האָט זיך באַנוגענט מיט איין רום און מיט פאָרניטשור וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי ביליגע בעטלעך אין דער רום און דאַן פאַר דער קיטשען אַ טישעל מיט צוויי טשערס, אַ פּאָר טעפּלעך, אַ צוויי טעלער, אַ צוויי לעפעל אַ גלאָז און שוין. די צווייטע רום האָבען מיר נאָך פאַרדונגען צו אַ באָרדער, וועלכער האָט אונז די העלפט רענט געצאָהלט, ביז דער וואָס איך האָב מיר די הענט ניט געוואַשען האָט מיר געהאָלפען און איך האָב די גאַנצע הייזקע אָפּגעקויפט און בין אַליין אַ לענדלאָרד געוואָרען, און געוואָלט

די גאַנצע הויז פאַרנעהמען, ס׳הייסט דריי רומקעס האָב איך געהאַט דאון־סטעירס און דריי רומקעס אפּ־סטעירס מיט אַ באַטה־רום, האָב איך געוואָלט שעהנע פוירניטשור איינקויפען און נעהמען לעבען ווי אַ מענש, נו, האָט מען דאָך עפּעס אַ פלונית׳טע, האָט זי מיר אָנגעהויבען חשבונות צו מאַכען, אַז מען קען גליקליך ווערען; זי האָט געגוג כח צו אַרבייטען, האָט זי געזאָגט, וועט זי אַריינגעהמען דריי באָרדערס אין די אפּסטעירס־דיגע רומס און אויך איבערלאָזען דעם אַלטען באָרדער. זי וועט וואַשען פאַר זיי, קאָכען פאַר זיי, מיט איין וואָרט: העלפען מיר אַרויפאַרבייטען זיך נאָך מעהרער, און איך נאַר האָב מיר געלאָזט איינרעדען אַ מעשה מיט געשעפטען מיט אַ בוידעם — און אויסבוידעם.

הערט איך טאַקע גוט איין, וואָס עס קען פּאַסירען אין אַמעריקא:

איהר ווייסט דאָך, ביי אונז אין דער היים זיינען געווען חסידים, און אַ חסיד פלעגט זאָגען: „ער האָט איין ג־ט און איין רבי׳ן“, איך ווידער, האָב געהאַט איין הויז, איין ווייב און איין קינד, אָבער אַ סך באָרדערס און אין דעם איין ג־ט, האָב איך אין גאַנצען פאַרגעסען; בלויז דער דאָלער איז ביי מיר דער אַלמעכטיגער גאָט געוואָרען. מיין פלונית׳טע איז מ׳יר דאַביי יעדען טאָג שעהנער און שעהנער געוואָרען. זי האָט זיך געפּוצט, געפּאָדערט, געפּאַרבט; אַ לעידי פון די הויכע פענס־טער געוואָרען. צו דער אַרבייט האָט זי שוין אַ שוואַרצען צו־גענומען און זי אַליין פלעגט כסדר ביים שפּיגעל שטעהן. גלויבט מיר איך ווייס אַליין ניט, ווי אַזוי איך האָב דאַן געקענט אַזוי בלינד זיין און ניט זעהן, וואָס אַרום מיר טהוט זיך! — — —

אַמאָל אין אַ אויף דער נאַכט, דאָס קינד איז געשלאָפען און איך קום אַהיים פון דער אַרבייט, מיין פלונית׳טע זיצט אויפגעפּוצט, ווי צו אַ חתונה. זי עמפּפאַנגט מיך מיט אַן

אויסערגעוועהנליכען חן׳דל, גיט מיר צו עסען און הויבט מיר אן צו דערצעהלען א מעשה מיט געשעפטען, מיט א בוידעם, ווי אזוי אונזערם א שכן איז אצונד גליקליך געווארען אין קא־ליפארניע ביי דעם גרויסען „ריעל עסטייט בום“ און דו זיצטסט, — זאגט זי צו מיר, אין דער פינסטערער שאפ און ווערסט פארפינסטערט, פארשווארצט מיט א פופציג פונטיג ביגעל־אייזען אין דער האנד! ווער וויל דאס פארפינסטערט ווערען, אויף אזא ליכטיגער וועלט? ! קענסטו דען ניט טהון אזוי ווי אונזער שכן? די בענק וועט דיר געווים געבען נאך טויזענד דאלער א מארגעדזש אויף דיין הויז, נעהמט מען און מען פאהרט אויך קיין קאליפארניע, מען בלייבט דארט א דריי־פיער חדשים, ווי אונזער שכן האט געטהון, מען קויפט ריעל עסטייט, מען פארקויפט עס, און מען קויפט ווייטער ביז מען ארבייט זיך ארויף. אז מען שטעלט ניט איין — זאגט די וועלט, — נעהמט מען ניט ארוים!“

„יא, יא, — זאג איך צו איהר, — ווי אזוי זאל איך דיך מיט אונזער אויג פון קאפ, מיט׳ן קינד, הייסט דאס, אליין איבער לאזען?“

„ווי אזוי האסטו מיך אין יוראפ אליין איבער געלאזט? און ווי אזוי האסטו דיך אהן מיר דא אין אמעריקא פינף יאהר גע־קענט באגעהן? פאר געלד טהוט מען אלעם! און דא ליעגט דאך טאקע געלד אויף דער ערד, נור מען מוז עס אויפהויבען און דערנאך וועלען מיר ערשט קענען לעבען, ווי עס דארף צו זיין.“

אזעלכע און נאך אזעלכע דיבורים, האבען מיר טאקע א חשק געמאכט צו זוכען א לייכטען דאלער. זי האט מיך נאך דעם זעלבען אויף דער נאכט כמעט, ווי אוועקגעיאגט פון דער היים, איך זאל אריבער פאהרען קיין נוארק, דארט האט גע־וואוינט מיינער א באקאנטער, וואס האט געלד אויף הייזער

געגעבען און זי האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל איהר נאָך די נאַכט תשובה ברענגען אויב איך באַקום טויזענד דאָלער פון איהם. הקיצור, וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען, איך בין אַהין־געפאָהרען, דאָרט האָב איך פארבראַכט אַ צוויי שעה, דער וועג הין און צוריק האָט אויך גענומען צוויי שעה, און צוועלף אַזייגער אין דער נאַכט בין איך אַהיים געקומען.

ווי איבערראַשט בין איך אָבער געבליבען, אַז אויף מיין קלאַפּען און קלאַפּען, עפענט מיר קיינער ניט די טיהר! קורץ, נאָך אַ וואַרטען פון אַ האַלבער שעה אין דרויסען, זעה איך אַז מיין פלונית׳טע מיט אונזער באָרדער קומט פון ערגעץ אַהיים, אָן אויסגעפּוצטע ווי פון אַ חתונה. דאַמאַלס, האָב איך שוין דוכט זיך געדאַרפט האָבען אויגען און זעהן וואו איך האַלט, נור מה נאמר ומה נדבר: די אנשי סדום האָט דער מלאך גע־שלאָגען מיט בלינדקייט אַזוי איז אויך געוועז דער פאַל מיט מיר, איך האָב ניט געוואָלט זעהן, וואָס אַנדערע בלינדע האָבען שוין געקענט זעהן. אַז איך האָב זי געפרעגט, פון וואַנען זי קומט אַזוי שפּעט, האָט זי מיר געענטפערט, אַז בכן, זי איז אויך ביי איינעם געוועזען מכוח דעם דאָזיגען ענין וואָס איך, און מיסטער קריכער האָט איהר אַ טובה געטהון און האָט זי באַגלייט, אַז זי זאָל אַזוי שפּעט ביי נאַכט אַליין ניט געהן, נור זי האָט דעם פאַרלאַנגטען מענשען ניט געטראָפען. איך האָב איהר דאַן דער־צעהלט, אַז איך האָב מצליח געוועזען און אַז איך באַקום מאָרגען פריה דעם טשעק, איז זי מלא שמחה געוואָרען, האָט מיך גלייך אין דער פריה געשיקט נעהמען מיין פעידע פון די פּאָר טעג וואָס איך האָב געאַרבייט, זי האָט מיך אויסגעריכט אויף דער רייזע נאָך די נעקסטע נאַכט צו פאָהרען קיין קאַליפאָרניע און איך בין געפאָהרען.

דאָרטען, אין קאַליפאָרניע, האָב איך אויסגעפונען, אַז עס זאָגט זיך לייכטער, ווי עס טהוט זיך. איך האָב קודם צוויי

חדשים געזוכט און געטאפט ביז איך האב געוואגט א שריט צו מאכען, ווייל איך האב געהערט, עס זיינען דארט גענוג מענשען געבראכען געגאנגען, און אזוי ווי איך האב זעהר שווער גע־הארעוועט אויף מיינע פאר דאלער, האב איך ניט אזוי שנעל געוואלט טאנצען צווישען די גרויסע טענצער, נור ביסלעכווייז בין איך באקאנט געווארען מיט די אלע הלכות גנבות, ווי אזוי מען קען קויפען אהן געלד און טאקע באלד פארקויפען פאר געלד אזוי בין איך אויך פאוואליע פאוואליע נאך געגאנגען דעם טענצעל און עס איז מיר גראדע געלונגען.

איך בין דאן געווען אין לאס אנדזשעלעס, די הויפט־שטאדט פון קאליפארניע און אזוי לאנג ווי איך האב דארטען ארום גע־בומט האט מיין פלונית׳טע אין דער היים ארום געבאס׳ט, און מיר האט זי חן בריוועלעך געשריבען און מיך געהייסען בלייבען און ביזנעס טהון, און איך פערד בצורת אדם, האב נאך אלץ געהאלטען די אויגען פארמאכט, ביז איך האב באקומען פון מיינעם א קאזין א בריעף, אז מיין פלונית׳טע פיהרט זעהר ניט־שעהנע שטיקלעך מיט דעם מיסטער קריכער, דעם באדרער אונזערן, און דאס קינד געהט צו גרונד. דאמאלס האב איך אנגעהויבען מיינע פארוויקעלטע ביזנעס פאוואליע אויפ־צו־וויקלען אבער איך האב נאך אלץ ניט געוואלט גלויבען און האב מיר איינגערעדט, אז דאס איז צוליעב קנאה. נור אז איך בין שוין געווען פערטיג צוריק צו פאהרען קיין נויארק, נעהם איך א נויארקער צייטונג אין דער האנד אריין און דערזעה אונטער די נייעס אז אין האטעל פענסילוועניע אין שיקאגו האט זיך א פרוי פון זעקסטען פלאר ארונטער געווארפען און איז אויפ׳ן ארט טויט געבליבען. די פאלים האט אין איהר רום א לעטער געטראפען אין וועלכען עס איז פאלגענדעס געשטאנען:

„איך האב מיר דאס לעבען גענומען, ווייל איך בין ניט ווערט צו לעבען, איך האב געגען מיין גוטען פלייסיגען מאן אלי׳

עכטפאַרב און געגען אונזער איינציג קינד „יונה׳לע“ אַזוי שווער געזינדיגט און מיך פון מיין באַרדער, מיסטער קריכער, גע־לאָזט פאַרפיהרען, איצט זעה איך מיין פעהלער און וויל מעהר ניט לעבען אויף דער וועלט“.

איהר קענט שוין אַליין פאַרשטעהן, אַז איך בין אַ צו־טומעלטער געוואָרען, בין געלאָפען צו דער פאָסט, האָב אַ טעלעגראַם צו דער פאַלים אויפגעגעבען קיין שיקאַגאָ און האָב אָנגעפרעגט אויב די מעשה איז אמת און פון וואַנען די פרוי איז? איך האָב נאָך דעם זעלבען טאָג אַנטוואָרט באַקומען, אַז די מעשה איז אמת און אַז דאָס איז טאַקע מיין פלונית׳טע, הייסט דאָס. נו, בין איך שוין קיין נויאָרק געפאָהרען, דאָרט האָב איך מיין קינד אַלס לעבעדיגען יתום געטראָפען.

בקיצור, דאָס איז געוועזן דער סוף פון מיינע גליקליכע גע־שעפטען און קיין צרות האָבען מיר שוין ניט געפעלט.

איך האָב נאָך מיין פרוי אפילו קיין קריעה ניט געריסען, בין נאָך איהר קיין שבעה ניט געזעסען, נאָר דאָס קינד האָב איך געלאָזט אויסלערנען קדיש זאָגען, זאָל ער כאָטש ניט וויסען, אַז ער האָט קיין מאַמע ניט געהאַט.

הקיצור, איך האָב דאָס קינד צו מיין קאָזין אַריינגעגעבען, ער זאָל מיט זיינע קינדער צוזאַמען ערצויגען ווערען, אין סקוהל און אין תלמוד תורה געהן און איך האָב צוגעזאָגט גוטע געלד פאַר איהם צו צאָהלען. דאָס הויז האָב איך פאַרקויפט און בין צוריק קיין קאַליפאָרניע אַוועק. איך האָב מעהר ניט געוואָלט וויסען פון החונה האָבען, פון בעל־בתישקייט, איך האָב געלעבט, ווי אַ פרייער פויגעל און האָב עהרליך געדיענט צום דאָלער. יעדען ווינטער פלעג איך צו מיין קינד קיין נויאָרק פאָהרען אויף אַ זעקס וואָכען און דערנאָך צוריק צו פאָהרען קיין קאַ־ליפאָרניע צו מיין מעשה מיט געשעפטען מיט אַ בוידעם....

אזוי איז אוועק א יאהר נאך א יאהר און מיין איינציג קינד איז ביי מיין קאזין אין בארד געשטאנען, איז געגאנגען אין האי־סקוהל נאכהער אין ביזנעס קאלעדזש, עס האט מיך טאקע אפ־געקאסט גוטע געלד, נור וואס איז דען שייך צו זאגען — אן איינציג קינד, — וואס ער האט פון מיר בריעפליך פארלאנגט, האב איך איהם געשיקט.

ויהי היום, און די פאסט ברענגט מיר א לעטער צו טראגען. אזוי ווי איך נעהם איהם אין דער האנט אריין, פארשמעקט ער מיר די האנד. איך מאך איהם אויף, שלאגט ערשט ארויס א שמעקעדיגקייט. וואס קען דאס זיין? דאס איז דאך מיין קינד׳ס שריפט! נו, וואס איז היינט אנדערש ווי אלע מאל? איך הויב אן צו לעזען: דער לעטער איז אין אידיש געשריבען, אפילו דאס ענגלישע וואס ער האט אריינגעמישט איז אויך געווען מיט אידישע אותיות. ער האט געוואוסט אז מיט דעם קויפט ער מיך אפ.

„מיי דיער פאטהער! — שרייבט ער צו מיר, — צעהן יאהר דורך אאאנד האב איך דאס פארגעניגען געהאט דיך יעדען יאהר אלם גאסט צו האבען וואס דאס האט מיר פרישען מוטה און קראפט געגעבען מיין שטודיאום צו פארטזעצען און אצונד אז ג־ט האט מיר געהאלפען, פיהל איך זיך גליקליך דיר מיטצוטהיילען, דאס איך האב גרעדשואירט פון קאלידזש. איך פיהל מיך אבער נאך דעם פיעל לערנען זעהר שוואך און איך וואלט דיך זעהר גערן געוואלט זעהן, אגב האב איך מיט דיר זעהר וויכטיגעס צו רעדען, וועגען דאס וויכטיגסטע פון לעבען. מיי דיער פאטהער! איך געה אוים מיט א פיינער מיידעל און איך דענק צו פער־הייראטען זיך, נור מיט דיין צושטימונג נאטירליך, און אזוי ווייטער און ווייטער.

דערהערט, אזא געשיכטע, האב איך באשלאסען תיכף נאך ניו יארק צו פאהרען; ווער ווייסט וועמען ער האט דארט

אויסגעקליבען, איך מוז אלס טאטע גוט איבערצייגען מיך, אויב ער פאלט ניט אריין ווי איך בין אריינגעפאלען.

קומענדיג נאך ניו יארק, האט ער מיר דערצעהלט, אז ער נעהמט א גערא‏טענע קאלעדזש־מיידעל, ניינצעהן יאהר אלט און זי הייסט „העלען „לעבוואהל".

„און מיר ווילען טאקע ניט אויף לאנג חתונה האבען", — האט ער מיר צו ענדע געזאגט.

„וואס הייסט דאס עפעס: „ניט אויף לאנג חתונה האבען"? פרעג איך איהם — אונזערע טאטעס און זיידעס, אז זיי האבען חתונה געהאט, איז עס דוקא געווען אויף לאנג! זיי האבען אייניקלעך און אור־אייניקלעך פון דער חתונה דערלעבט! און איהר אמעריקען באים, ווילט גאר „ חתונה אויף ניט לאנג?!" אז באהיט און באשערמט זאל מען ווערן פון אזעלכע מאדעס!"

„פא! — זאגט ער צו מיר, — עס ווייזט אויס, אז אין אמעריקא וויל דער אלטער דור דעם נייעם דור ניט פארשטעהן.

„אודאי! — זאג איך צו איהם, — איהר, דער יונגער דור ווילט איינפיהרען, אז די היהנער זאלען זיך לערנען שכל ביי די אייער!"

„ניט פון דעם איז די רייד — זאגט ער — איך האב געמיינט: אז אין א קורצער צייט וועט זיין אונזער חתונה, און טאקע אויף א לאנגער צייט, אויף אונזער גאנץ לעבען".

„דאס איז שוין גאר א גאנץ אנדערער שמועס — האב איך געזאגט — נור האסטו דיר טאקע אזוי אויסגעקליבען, אז עס זאל זיין אויף לאנג? פון וואנען האט זיך צו דיר גענומען אזא מבינות? איך ווייס אז דא אין אמעריקא געהט אלעס הארי־אפ צו, אלעס כאפטמען און דערנאך עסט זיך עס צו, אט קויפט מען א דאמען־העט, מען געהט אין איהם דריי וואכען און מען קויפט שוין א נייע; אט קויפט מען פוירניטשור אין הויז אריין, קוים א פאר יאהר אויסגעהאלטען שיקט מען עס לעזאזאל און

מען פילט אָן די רומס מיט נייע, און אַ ווייב נעהמען איז אויך אַזוי: „האָרי־אַפּ!

„פּאַ! דאָס איז גראַדע פּאַרקעהרט, דאָ אין אַמעריקא, געהט דער באַי אוים מיט דעם מיידעל אַ פּאָר יאָהר, זיי באַ־קענען זיך פריהער און דערנאָך האָבען זיי חתונה, און ביי אייך אין דער היים האָבען די טאַטעס די חתנים און די מאַמעס די כלות אויסגעקליבען.

„אמת, — האָב איך געזאָגט, — נור לעג נאָך עפּעס צו, דאָס די קינדער האָבען דאָס גרעסטע צוטרוי צו זייערע עלטערן געהאַט און האָבען זיך אויף די עלטערן׳ס מבינות פּאַרלאָזען, ווייל זיי האָבען געוואוסט, אַז די עלטערן זיינען זיי קיין שונאים ניט און ביי אַזאַ פראַגע ווי הייראַט, האָבען די עלטערן מעהר עקס־פּיריענס אין לעבען ווי יונגע קינדער, און נאָך דער חתונה, האָבען די קינדער אַלסדינג וואָס דאָס פּראַקטישע לעבען האָט געפאָדערט און וואָס זיי האָבן אַליין ניט פּאַרשטאַנען האָבן זיי ביי זייערע עלטערן, אָדער ביי אַנדערע עלטערע פּראַקטישע מענשען געפרעגט. אַזוי האָט זיך די אידישע וועלט געפיהרט. „שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך״, און היינט, וואָס האָט מען פון די יונגע פּאָרלעך? זייער גאַנצע קונץ באַשטעהט אין דעם וואָס זיי לאַכען פון די אַלטע, וואָס האָבען זייער לעבען מקריב געווען פּאַר די יונגע, און צו געהן אין טהעאַטערס, וואו זיי זעהן, אַז ווען איינעם אָדער איינע געלונגט ניט די פּאַרליבעניש, דאַרף מען זיך שיסען, הענגען סם׳ען, אין וואַסער שפּרינגען און ווייס איך וואָס נאָך פּאַר אַ מיתה משונה?...

נאָך׳ן טהעאַטער געהט מען זיך קויפען סענדוויטשעס, אי כשר, ניט כשר, מאַכט ניט אויס, און דאָס צו פרעגען, איז גאָר די גרעסטע שאַנדע, און אַזוי ווערען זיי ביידע פון אידישקייט אויסגעגאַנגען. אַביסעל פּאַרפיהרט זי איהם, ביז ביידע קריגען איין דעה און מיינען אַז זיי וויסען שוין אַלעס. ער, דער יונגער־

מאַן מיינט, אַז ער איז דער חכם, דער קנאַקער, ער קען זיין אויסגעהערין שוין גוט, כאָטש ס׳איז אַ נאַכטיגער טאָג. — נאָך דער חתונה זעהט ער, אַז זי איז גאָר ניט דאָס וואָס ער האָט געמיינט און זיין הויז איז ווייט ניט דאָס וואָס ער האָט ביי זיינע עלטערן געזעהן. אין דער היים, ווען דער טאַטע איז אַמאָל פאַר׳דאגה׳ט געוועזן פון די שלעכטע געשעפטען, ווי די מאַמע האָט איהם אויסגערעדט און האָט אַ חשבון געמאַכט, אַז מען דאַרף אין הויז גאָר ניט אַזוי פיעל, עס איז ב״ה דאָ פון אַלעמען: דעם קינד׳ס קליידעלע קען מען פאַרריכטען, דעם אַנדערען קינד׳ס שיכעלעך קען מען פאַרלאַטען און זיי וועלען יום-טוב גאַנץ לייטיש אַרויסגעהן; האָט דער אויבערשטער ווידער גע-האָלפען, אַז מען האָט גוט אויסגעמאַכט, האָט די מאַמע פון איין זייט און דער טאַטע פון די אַנדערע זייט אויסגערעכענט, ווען מען דאַרף אונטערהעלפען, פון די וואָס האָבען נעבעך ניט, — אַזוי האָב איך געזעהן אין דער היים, אָבער ווייז מיר דאָס ביי די היינטיגע יונגע פאַרלעך, וואָס געהען אוים!

זי דאַרף אַ צובערענגער, יעדען טאָג נייעס, נייע קליידער, נייע שיך, נייע העטס, נייע דזשולערי, נייע קענדיעס מיט טשאָקלעטס.

אַ הויז-ווירטשאַפט פיהרען באַשטעהט דאָ נור אין דעם וואָס מען פאַרקויפט זיך פאַר אַ שקלאַפין צו די 6—8 רומס פאַרניטשור, אָבער קאָכען און באַקען, ווי ביי אונז עלטערע פראַקטישע מענשען, ווילען די היגע פרויען ניט, און זיי ווילען אויך ניט וויסען פון קיין חלה נעהמען, פון קיין פלייש כשר-מאַכען און פון קיין שום זאַך וואָס זייערע מאַמעס האָבען גע-האַלטען״.

„פאַ! דו האָסט באמת אַ גוטען רעדנער-טאַלענט און ס׳איז אפשר אַ שאָד וואָס דו ביזט ניט געוואָרען קיין ראַביי, דו וואָלסט פיעלע מענשען געקענט באאיינפלוסען און איבעררײדען זיי

זאָלען דיך פאָלגען און נאָכפאָלגען, אָבער מיט מיין חתונה, איז אַן אָפּגעמאַכטע זאַך, איך קען אָהן מיין העלען ניט לעבען, מיר געהערען איינער צום צווייטען, נור בארוהיגען קען איך דיך, אַז מיין כלה איז די טאָכטער פון אַ פרומען אידען, אַ משגיח איז ער. און זי איז אַ „סעלף מעיד לעדי“. מיט איהרע אייגענע כחות האָט זי אויסגעקעמפּפט איהר ביסעל עדיוקיישאָן, איהר פאָטער האָט איהר ניט נור ניט־געהאָלפען אין דעם, ער האָט איהר נאָך געשטערט און ניט געוואָלט ליידען, אָבער זייענדיג אַ מיידעל מיט אַ פעסטען כאַראַקטער, האָט זי איהר קאַמפּף געוואונען“.

„מיין קינד! — האָב איך צו איהם געזאָגט, — אויב דאָס איז שוין אַן אָפּגעמאַכטע זאַך, וויל איך איבער דעם מעהר ניט רעדען, ג־ט זאָל געבען עס זאָל זיין גוט“.

נאָך דער לאַנגער צייט, וואָס איך האָב קיין טעם פון אַן עכטער פאַמיליען־היים ניט געפיהלט, האָב איך אַצונד זעהר שטאַרק אָנגעהויבען צו בענגען, נור אַזוי ווי חתונה האָבען האָב איך מעהר ניט געוואָלט ווייל איך האָב אין יעדער „חתונה קאַנ־דידאַטקע“ געזעהן די „אשה רע מר ממות“, האָב איך זיך גע־טראַכט, אַז ווי באַלד מיין זוהנ׳ס אויסגעקליבענע כלה איז אַ אידישען אידי׳ס אַ טאָכטער, וועל איך אפשר ביי מיין זוהן קענען האָבען אַ ריכטיגע היים אויף דער עלטער, און איך האָב מיר אין מיין קאָפּ אַ פּלאַן אויסגעאַרבייט, איך זאָל מיין זוהן אונטער־העלפען, ער זאָל קענען פאַר זיך אַ לעבען מאַכען, דאָס הייסט, געבען איהם אַ היבשען חתונה פּרעזענט. נור אַזוי ווי איך האָב מיך שוין איבערציינגט, אַז אַלע סודות טאָהר מען אפילו פאַר אייגענע קינדער ניט אויסזאָגען, האָב איך איהם פון מיין גאַנצען פאַרמעגען ניט אויסגעזאָגט, איך האָב איהם נור ענטדעקט פון אַזוי פיעל וויפיעל איך האָב געפונען פאַר נויטיג אין יענעם מאָמענט.

שפעטער ווען זיי זיינען געקומען צו מיר צוזאמען, האָב איך זיי דאָס פאָלגענדע געזאָגט:

„אויב איהר ווילט אייך איינע די אַנדערע, זאָל אייך ג־ט העלפען, עס זאָל זיין מיט מזל, איהר זאָלט אייך אַליין בכבוד האַלטען, וועט איהר אויך פון אַנדערע האָבען כבוד און איך בין אַ טאַטע און וועל טהון, וואָס אַ טאַטע דאַרף טהון. איך האָב ליגען אין קעש זעכציג טויזענד דאָלער, גיב איך דיר מיין ליעבער זוהן, דערפון פופציג טויזענד דאָלער אַוועק, אויך האָב איך צוויי פּראָפּערטיעס אין ווערטה פון אַ זעכציג טויזענד דאָלער גיב איך זיי דיר אויך אַוועק, איך שטעל דיר נור איין באַדינג: דו זאָלסט מיך צו זיך אַלס באָרדער אויף אייביגע קעסט אַריינ־נעהמען און איהר ביידע זאָלט מיך בכבוד האַלטען. איך לאָז מיר איבער בלויז צעהן טויזענד דאָלער כדי איך זאָל ניט דאַרפען פון דיר אַ פּאָר סענט פאַרלאַנגען. די אינטערעסט פון דעם דאָזיגען קאַפּיטאַל וועט מיר ברענגען אַ צעהן דאָלער אַ וואָך אויף צו האָבען אַן איבעריגען דאָלער אין פּאָקעט, איך זאָל דיך ניט דאַרפען באַדערען“.

וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען: די שמחה וואָס דאָס יונגע פּאָרל האָט פון מיינע ווערטער געהאָט איז ניט צו באַשרייבען, אי ער, מיין זוהן הייסט עס, אי זי, מיין היינטיגע שנור, האָבען מיר די הענד געקושט און צוגעזאָגט, אַז איך וועל ביי זיי דער טהייערסטער אוצר אין הויז זיין.

„אויב אַזוי, מיינע קינדער! — זאָג איך צו זיי, — וועל איך מיט מיין ביסעל עקספּיריענס אייך צו העלפען צו אַרויפ־אַרבייטען זיך. דו מיין ליעבער יונה, וועסט ווערען אַ ריעל־עסטייטניק און איך וועל דיר צייגען ווי מען מאַכט אַ דאָלער“.

הקיצור, זיי האָבען חתונה געהאַט און איך האָב צו זיי אַריינגעמופט, איך האָב מיין זוהן פּאַרשיעדענע וועגען געוויזען, ווי אַ דאָלער צו מאַכען און ער האָט זיך גאַנץ שעהן אַרויפגע־

אַרבייט. ער איז געוואָרען ווערטה מעהר ווי דאָס דאָפּעלטע וואָס איך האָב איהם געגעבען. זיי האָבען שוין אויך אַ אינגעל, נור דאָ הויבען זיך אָן די צרות, ווייל ווי זאָגט די וועלט: „אַ געמאַכטע מכשפה איז ערגער ווי אַ געבוירענע. די שנור ערציהט דאָס קינד אַלס איינפאַכען גוי, זי דערצעהלט איהם פון אַלע גוי׳אישע חגאות און אַז איך נעהם אַמאָל דאָס קינד צו זיך און לערן מיט איהם „מודה אני“ זאָגען, אָדער „המוציא“ מאַכען, ווערט זי אין איין כעס אויף מיר, רייסט מיר דאָס קינד אַוועק און זאָגט אָנגע׳ברוגז׳ט: „שווער! איך בעט אייך, לאָזט מיר די קינדער געהן, מאַכט מיר פון זיי קיינע שלעפּערס ניט! געגוג אַז איך האָב אַ טאַטען אַ שלעפּער.“ קריסמעס שטעלט זי פאַר איהם אַ בוימעלע אַוועק, באַהענגט עס מיט כל מיני מעדנים און מיט עלעקטרישע לעמפּ־לעך אַרום און דערצעהלט איהם וואָס פאַר אַ שעהנער יום טוב קריסטמעס איז“.

איהר פיהרען זיך, איז מיר איינפאַך מקצר ימים, נור וואָר־שיינליך בין איך דאָך קיין בעסערס ניט ווערטה.

ר׳ שלום! — האָט ר׳ אלי׳ געזאָגט, — איך זעה איהר זייט שוין שלעפּעריג, עס איז שוין די העכסטע צייט צו שלאָפען, שוין צוויי אַ זייגער, איך בין אָבער שוין באַלד פאַרטיג“.

„דערצעהלט, דערצעהלט, עס מאַכט ניט אוים, איך הער — האָט ר׳ שלום געזאָגט, — עס איז זעהר אינטערעסאַנט“.

„הקיצור, — זאָגט ווייטער ר׳ אלי׳, — איך האָב אָנגע־הויבען שלאָפלאָזע נעכט צו האָבען און אַז מען שלאָפט ניט קומען דאָך פאַרשיעדענע געדאַנקען אין קאָפּ, האָב איך אַ חשבון הנפש געמאַכט, וואָס איך האָב אין אַמעריקא אויפגעטהון און בין צו דעם רעזולטאַט געקומען, אַז צווישען מיר און מיין שנור איז אַ קליינער אונטערשייד, — איך האָב געדיענט דער דאָלער־דיגער עבודה זרה און זי דיענט אַן אנדער מין עבודה זרה. איך

אָבער, האָב וועניגסטענס געמיינט, אַז איך בין א איד, זי אָבער, וויל גאָר ניט מיינען און וויל גאָר ניט וויסען, אַז זי איז אַ אידענע און פון איהרע קינדער וויל זי אפילו דעם מינדעסטען שטיקעל וואורצעל „איד" אַרויסרייסען, און ער, מיין זוהן, געהט איהר נאָך, ווי א קעלבעל נאָך דער קוה. ער איז זעהר אַ גוטער און דאָס באַגראָבט איהם מיט זיינע קינדער, מיט דער קהלה אין איינעם, ביז זיי האָלטען שוין דאָ וואו מיר ווייסען, — ביי ראבי ויזתא און ראבי האַלצקאָפּ.

מיין שנור האָט אָבער אַ גרויסען טעות, זי מיינט, אז איך בין שוין אַן אָפּגעשמיסענע הושענא, איך האָב זיי שוין אַלעם אוועקגעגעבען, נו, זיינען זיי דאָך די קנאַקערס, און איך, דער אַלטער מיט זיינע צעהן טויזענד דאָליאַרעס, וואָס פאַר אַ ווערטה האָב אין גאַנצען? דערוויל פרעגט מען שוין דעם אַלטען טאַטען קיין דעות און מען מענשעלט זיך אַליין, מען דרעהט זיך אַזוי אַריין, אַז איך גלויב, ער ועט זיך מיט זיינע ביזנעס אין גאַנצען פאַרדרעהען. עס דאַכט מיר אויס, אַז ער איז אַצונד מיט די שיך און זאָקען אין אַ גרויסער בלאָטע אַריינגעפאַלען. איהר לייענט דאָך פּעיפּערס, נו, ווייסט איהר דאָך שוין, וואָס עס טהוט זיך אַצונד מיט׳ן „ראקאוויי בום" נעבען ניו יאָרק, מענשען מיט גרויסע מיליאָנען זיינען געבראָכען געגאַנגען און האָבען קיין שטיקעל ברויט ניט צו עסען, נו, האָט דאָרטען מיין זוהן אויך אַרום געטאַנצט, און אַז ער האָט שוין פון מיר פאַרלאַנגט, איך זאָל איהם די צעהן טויזענד דאָלער באָרגען, וואָס ער מיינט, אַז דאָס איז מיין לעצטע געלד, איז אודאי ניט אַזוי פויגעלדיג איך האָב איהם אגב געענטפערט: „בלא" מיט אַ גרויסען אלף, געהט ער אַנגעבלאָזען.

נו, איהר האָט שוין אַלעס געהערט און מיין צוואה אויך דורכגעזעהן, זאָגט׳זשע מיר צו מיין פּלאַן איז גוט אָדער ניט,

איך זאָל אַן אייגענעם אידישען דור ערציהען פון מיין אייגען בלוט און פלייש, אידען, ווי אונזערע טאַטעס און זיידעס זיינען געוועזן מיט תורה, חכמה און דרך ארץ איז אודאי גוט און צו דעם וואָלט איך געדאַרפט אַ הילף פון ג־ט, אַז מיין זוהן זאָל טאַקע געבראַכען געהן. עס זאָל איהם אויף אַ שטיקעל ברויט ניט בלייבען, וועל איך איהם דאַמאָלס ווייזען, אַז אַ טאַטע איז פאָרט אַ טאַטע. איך האָב דאָך נאָך קרוב צו אַ מיליאָן דאָלער פאַרמעגען, וואָס ער ווייסט גאָר ניט דערפון און ועמען וועל איך דען דאָס איבערלאָזען אויב ניט פאַר מיין אייגען קינד? נור זאָל ער טאַקע זיין מיין אייגען קינד און ניט ווי די תוכחה זאָגט: „בנים תוליד... קינדער וועסטו געבוירען און אַנדערע פעלקער וועלען זיי האָבען“.

אוי אַמעריקא, אַמעריקא! ווי שווער איז ביי דיר אידען צו ערציהען!“ האָט ר׳ אלי׳ פאַרענדיגט מיט אַ זיפץ און טרעהרען אין די אויגען.

ר׳ אלי׳! איהר זייט פאַרטיג“ — האָט ר׳ שלום איהם געפרעגט.

„איך וויל נור צוגעבען, אַז איצט דענק איך צו ענטדעקען פאַר מיין זוהן דעם סוד פון מיין פאַרמעגען, וואָס ער ווייסט נאָך ביז היינט ניט דערפון און אויך פון דער צוואה... אַנדערש קען דאָך די קאָץ איבער׳ן וואַסער ניט קומען,“ — האָט ר׳ אלי׳ געענטפערט.

„צו דעם האָט איהר צייט, דאָס וועלען מיר אי״ה מאָרגען נאָך הבדלה טהון, נור איך מוז אייך געבען אַ תשובה אויף אייערע טענות צו אמעריקא, און דאָס וויל איך אייך נאָך אַצונד פאַר׳ן שלאָפען געהן געבען. הערט זיך איין ר׳ אלי׳: איהר באַקלאָגט אייך אויף אַמעריקא, ווען אַמעריקא וואָלט זיך גאָר געדאַרפט באַקלאָגען אויף אייך. אַמעריקא, איז ווי דוד המלך זאָגט „ארץ פרי“ אַ גאָלדען לאַנד מיט גאָלדענע מענשען, מיט אַ

גאָלדענער רעגיערונג. דאָ קען יעדער אמונה אָהן אונטערשיעד געהאַלטען ווערען. דער איד קען אַזוי פריי זיין אַ איד, ווי דער גוי איז אַ גוי, רייך ווערען איז אַ מזל זאַך, אָבער חיונה האָט דאָ יעדער מענש, נור וואָס דען „למלחה“ אונזערע קינדער ווערען דאָ פאַרזאַלצען, „מרעת יושבי בה“, מיט דעם שלעכטקייט און צו־שטימונג פון די וואָס וואָלטען געקענט עפּעס טהון, נור זיי זיצען מיט פאַרלעגטע הענד און לאָזען די הפקר מענשען טהון, נו, ווייסט איהר דאָך שוין, אַז הפקר מענשען מאַכען אַלעס הפקר.

נעהמט אן אונזער געלעסוויל האָבען מיר דאָ גאַנץ בעלי־בתישע פרומע אידען וואָס זיינען געוואָרען מצוה אידען, דאָס מיינט: אידען, וואָס האַלטען שוין ביי מקיים זיין בלויז איין מצוה: „שמנת עבית כשית“, אַז עס געהט זיי גוט און זיי האָבען זיך אַרויפגעאַרבייט, ווערט ביי זיי די אידישקייט אַרונטער־געאַרבייט, „מצוה אידען“ האָט איהר דאָ אין געלעסוויל אַ סך, נו, וואָס האָט איהר צו אַמעריקא ? ! האָט ליבער צו זיך אַליין ! איהר האָט זיך ערשט אַצונד דערמאָנט צו געהן העלפען לעשען דאָס פייער, ווען אייער אייגען הויז ברענט שוין ! פאַר וואָס האָט איהר מיר ניט געהאָלפען, אַז עס זאָל ניט דאַרפען דאַצו קומען, אַז מען זאָל אַזאַ הפקר יונג אַזאַ טרפה׳נעם ביין, ווי רעוורענד קוועקזילבער פאַר שוחט מלמד און פאַר חזן אויפנעה־מען ? איז דען פאַראַן אַ מעגליכקייט, אַז איין מענש זאָל מיט 65 קינדער קענען לערנען און אַז זיי זאָלען עפּעס קענען, אפילו ווען ער זאָל אַ גאַנצען טאָג מיט זיי לערנען, מכל שכן וקל וחומר, אַז דאָס גאַנצע לערנען הייסט עס, געדויערט צוויי שעה, פון פיער אַזייגער פאַר־נאַכט ביז זעקס אַזייגער ? אין אמת׳ן אָבער, לערנט ער מיט זיי לחלוטין גאָר ניט. ער דערצעהלט זיי אַ סטאָרי און דערנאָך זעצט ער אַוועק אַ מיידעל צו דער „פּיאַניצע“ הייסט איהר עפּעס אויפשפּיעלען און שיקט זיי אַהיים. פּונקט די וואָך האָט אַ מיידעל, וואָס געהט צו איהם לערנען דערצעהלט,

ווי רעוורענד קוועקזילבער ימ״ש, האָט צו זיין פרוי געזאָגט, בשעת זי איז געקומען מיט איהם אין חדר, אַז זי זאָל ווארטען אַ פּאָר מינוט ביז ער וועט פאַרטיג מאַכען, די קאָמעדיע, — פאַרשטעהסט איהר שוין: „ולמדתם אותם את בניכם״ איז ביי דעם „רע־ב״י״ אַ קאָמעדיע, שחיטה איז אַ קאָמעדיע, דאַווגען איז אַ קאָמעדיע און געלעסוויל האַלט אויס און צאָהלט פאר אַזאַ קאָמעדיע!... נו, וואָס האָט איהר צו אַמעריקא? האָט צו געלעסוויל און צו איהרע מנהיגים און „מנהיגות׳טעס״!

„ר׳ שלום! — זאָגט ר׳ אלי׳ צו איהם — איהר שיט מיר נור זאלץ אויף די וואונדען, אָבער איהר, וואָס איהר דאַרפט מיך שוין גוט קענען, זאָלט מיר מיין האַרץ אַזוי אָפּעסען?!״

„ניין, ר׳ אלי׳, — ענפערט ר׳ שלום, — ניט אייך וויל איך די האַרץ אָפּעסען, נור מיין אייגענע האַרץ טהוט מיר וועה און ווען אַ האַרץ איז איבערגעפילט, רעדט זיך מיט וועהטאָג, נור אַצונד איז דאָך שוין צו שפּעט, מען מוז לכבוד שבת אָביסעל אַ שלאָף טהון אויך, מאָרגען אי״ה נאָך הבדלה וועלען מיר מיט השי״ת הילף עפּעס טהון, אַז איהר וועט נור וועלען״.

„פון מיין זייט וועט אודאי קיין מניעה ניט זיין, אָבער וואָס איז דאָס היינט מיט מיין זוהן געשעהן, איך פעהל איהם שוין גאָר מסתמא ניט אויס? אָט הפּנים איז ער טאַקע גוט אין כעס און וויל טאַקע מיינער פּטור ווערען! אפשר איז אַזוי גאָר בעסער. זאָגט מיר ר׳ שלום איז דאָ ביי אייך ווי צו שלאָפען? ווען ניט געה איך אין האָטעל, — זאָגט ר׳ אלי׳.

„איהר דאַרפט אין האָטעל ניט געהן, דאָ האָב איך אַ צימערל מיט צוויי בעטען דירעקט פאַר געסט און דאָרט שלאָפט אונזער גאַסט, נור אַז איהר ווילט אַליין אין אַ צימער שלאָפען, האָב איך נאָך איינס מיט איין בעט, קומט טוט אייך אויס, — האָט ר׳ שלום געזאָגט.

„עס וועט בעסער זיין אין דעם איין-בעטיגען צימער, כדי מיר זאָלען אונז איינער דעם אַנדערן ניט שטערן דעם שלאָף“.

„דאָס באַלאַנגט צו אייך, ווי איהר ווילט“, — האָט ר׳ שלום געזאָגט.

„וואָס פאַר אַ געשריי איז דאָס אין גאַס? דוכט זיך פייער-לייט?“ — זאָגט ר׳ אלי׳

„יא, יא! — זאָגט ר׳ שלום, טאַקע פייערלייט פאָהרען, לאָמיר אַקאָרשט זעהן וואו דער פייער איז“.

און מיר אַלע דריי זיינען אין גאַס אַרוים.

צוועלפטער קאַפּיטעל

אַ ליל שימורים אין געלעסווילער שוהל. — דאָס ערשטע מאָל אין געלעסווילער קהלה׳ס געשיכטע, דאָס זקנים געהען צוועלף אַזייגער פרייטאָג־צו-נאַכט תהלים זאָגען אין שוהל. — לייבעלע דער אויבער־חכם איז דער קאָמאַנדיר, ער קריגט אַ שבת־גוי וואָס מאַכט אין שוהל ליכטיג. — ער ווערט דער חזן פון תהלים זאָגען, דער עולם זאָגט איהם נאָך וואָרט פאַר וואָרט. — אַ געטומעל אין רעוורענד קוועקזילבער׳ס הויז. — רעוו. קוועקזילבער׳ס געסט וואָס זיינען ערשט פרייטאג-צו־נאַכט עלף אַזייגער פון שיקאַגא געקומען, און דאָס איז זיין ברודער אַ רע־בי פון רעפאָרם טעמפעל און זיין שוועסטער אַ סקוהל טיטשערין, וועלכע שפילען אַלע אַ פּינאַקעל, דערשרעקען זיך אויך. — רעוורענד. קוועקזילבער טעלעפאָנירט צו דער פּאָלים, דער טשיף אָוו פּאָלים דערשרעקט זיך אויך. — ער וועקט אויף די פייער לעשער און מען טרעפט צוויי ברענעדיגע צי־גאַרען אויף רעוורענד קוועקזילבער׳ס טיש. — דאָס גאַנצע שטעדטעל איז וואַכענדיג און ביים רע־בי איז „וואַכעדיג“.

יונגע פריינדע! איך האָב אייך די פאָריגע וואָך מוצאי שבת דערצעהלט די אינטערעסאַנטע געשיכטע פון פרייטאָג-צו-נאַכט ביי ר׳ שלום׳ס טיש, די מעשה מיט דעם נייעם מיידעל־פאַראיין „בנות ישראל שומרות שבת די מעשה פון ר׳ אלי׳ מיט זיין ריעזיגען פאַרמעגען, זיין צוואה, זיין עצה פרעגען פון ר׳ שלום׳ן, אַצונד וועל איך אייך דערצעהלען, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט די זקנים, וואָס זענען נאָך צוועלף אַ זייגער, פרייטאג-צו-נאַכט נאָך דער רקידה׳לע אַוועק פון ר׳ שלום׳ס

טיש: אַרויסגעהענדיג אין גאַס דערהערען זיי דעם טורם־זייגער שלאָגען „איינס“....

„וואָס? — פרעגט איינער דעם אַנדערן — זאָל שוין זיין איינס אַ זייגער?“

„אודאי איינס, — ענטפערט איינער, דער שטאָדט־זייגער נאַרט ניט!“

„נו, וואוהין געהען מיר איצט?“ — פרעגען איניגע.

„לאָמיר געהן אין מיטען גאַס אַ רקידה׳לע“, — ענטפערט לייבעלע.

„אַ רקודה׳לע זיינען מיר שוין ביי ר׳ שלום׳ן געגעגאַנגען, אָבער וואו געהט מען שלאָפען?“ — פרעגט אייזיק צינדהאָלץ מיט אַ כעס׳דיגען טאָן.

„וואָס וועט שוין זיין, אַז מיר וועלען אין כעס ווערען איינער אויף דעם אַנדערן, וועט אונז דאָס אַ סך העלפען?“ — שטעלט זיך זיי אַקעגען פיניע האַקמעסער, — „ליבער זאָלען מיר אַן עצה אויסגעפינען, וואָס צו טהון היינט ביי נאַכט וואו צו איבער־נעכטיגען די נאַכט. מיט יעדען פון אונז האָט דאָך די זעלבע זאַך פּאַסירט: צוקריגט מיט די קינדער! און מיר האָבען זיך ניט וואו אַהין צו טהון“.

„אַמעריקאַ, אַמעריקאַ! קינדער האָסטו אונז געגעבען! האַקמעסערס זיינען דאָס, ניט קיין קינדער, זיי ווילען אונזער נשמה ווי מיט אַ האַקמעסער צוהאַקען, גאַנץ געלעסוויל זאָל זיך אַנצינדען“ — זאָגט אייזיק צינהאָלץ.

שעהן האָב איך זיך דערלעבט אויף מיינע אַלטע טעג, איך וויל קיין שמד׳ניק ניט זיין, האָב איך זיך ניט וואו אהין צו טהון! — וויינט דער אַלטער ראָזענצווייג, יוסקע חזיר־בוטשער׳ס שווער.

„וואָס איז היינט דער מעהר מיט לייבעלען? — פרעגט צינדהאָלץ — לייבעלע! ווער האָט דיר דאָס לשון אָפּגענומען?

וואָס דערצעהלסטו אַצונד ניט די חכמות פון דיין קלוגער טאָכ־טער ליזי, די סעקרעטערקע?

„אַ שאלה פרעגסטו? — זאָגט לייבעלע אויבער חכם, — אַ שאלה איז טרפה, די וואָס פאַרגעסען אַן ג־ט זאָלען האָבען געלע קינדער אין אַמעריקא און ביי זיי מוזען זיין אויף דער עלטער".

„אָבער לייבעלע! דו ביזט דאָך עפּעס אַן אויבער חכם, גיב אַן עצה וואו לעגט מען זיך שלאָפען? — האָט אימעצער גע־פרעגט.

„אויף שלאָפען צו לעגען זיך, האָב איך קיין עצה ניט, האַלב נאָך איינס אַזייגער אין דער נאַכט, דאַגעגען אָבער, האָב איך אַן עצה אויף „אַ ליל שמורים" צו האַלטען און אויף צו זיין די נאַכט".

„אדרבה, לאָז הערען!"

„איך וואָלט אַ מאָושען געמאַכט, מיר זאָלען אַלע אין שוהל געהן תהלים זאָגען, זאָל זיך אונז דאַכטען, אַז היינט איז שבועות נאַכט", — האָט לייבעלע אויבער־חכם געזאָגט.

„אַ שעהנער געדאַכטעכץ! — האָט אייזיק צינדהאָלץ מיט כעס געענטפערט — שבועות איז קבלת התורה, אָבער היינט וואָס איז די שמחה?

„היינט איז אויך קבלת התורה" — האָט לייבעלע גע־ענטפערט.

„ווי אַזוי?" — האָט איינער געפרעגט.

„וואָס הייסט, ווי אַזוי? — האָט לייבעלע געענטפערט — קבלת התורה איז טייטש „תורה נעהמען" און היינט ווילען מיר דאָך אויך צוריקנעהמען די תורה וואָס מען וויל ביי אונז אַוועק־נעהמען, מעגען מיר אויף זיין די נאַכט, ניט ריכטיג אפשר?"

„עס איז אפשר גאָר ניט אַזוי פון וועג גערעדט, — האָט אייזיק צינדהאָלץ געזאָגט, — אומר ועושה! געזאָגט און גע־טהון! נור טאָמער איז די שוהל פאַרשלאָסען?

„דערצו האָב איך שוין אַ מיטעל, — האָט לייבעלע גענעמ־פערט, — איך וועל אייך אפילו קריגען אַ שבת-גוי די עלעקטריק אָנצוצינדען, קומט נאָך מיר און אַלעס וועט רעכט ווערען".

אונזערע אַלע זקנים זענען אַוועק נאָך לייבעלען צו דער שוהל און לייבעלע אַליין געהט פאָראויס ווי אַ קאָמאַנדיר. ניט וויט פון שוהל האָט ער געפונען אַ גוי וועלכער האָט געהייצט דעם פוירנעס אין אַ גרויסער פאַבריק און נאָך אַ שטיקעל שמועס מיט איהם איז יענער אַרויס פון קעלער און אויף לייבעלעס אָנווייזען האָט ער געעפענט אַ פענסטער אין שוהל־קעלער, אַריין אין שוהל, אָנגעצונדען די עלעקטריק און גע־עפענט פון אינווייניג די שוהל-טיהר.

לייבעלע קלייבט צו זאמען די תהלים'לעך, וואָס ליגען פון איין יומכפור ביז צום אַנדערן באַהאַלטען, און ער טהיילט זיי אויס צו די זקנים, ער ווערט דער חזן, דער פאָר־זאָגער, זאָגט פסוק נאָך פסוק און די זקנים זאָגען איהם נאָך. מען זאָגט מיט כוונה און עס הערט זיך אין גלעסוויל צו ערש־טען מאָל דער אמת'ער „הקול קול יעקב", נאָך האַלבע נאַכט, פרייטאג-צו-נאַכט.

— —

ביים רעווערענד קוועקזילבער איז אויך אַ וואַך-נאַכט. ער האָט גראַדע די זעלבע נאַכט נאָך צעהן אַ זייגער צוויי געסט באַקומען, זיין ברודער ראַבי קוועקזילבער פון רעפאָרם טעמפעל „בעטה על" אין שיקאַגאָ און זיין שוועסטער, אַ טיטשערקע פון אַ דאָרטיגער פובליק סקוהל.ביידע געסט האָבען זייער ברודער געוואָלט איבעראַשען און אַזוי ווי שבת און זונטאג זיינען דאָך אין אַמעריקא די טיטשערס פריי, ווייל די סקוהלס

זיינען געשלאָסען, האָבען זיי זיך אַ גוד טיים לכבוד שבת און זונטאג געוואָלט האָבען און זיי זיינען צו־געפאָהרען קיין געלעס־וויל, אָנקומענדיג האַלב נאָך צעהן אַזייגער פרייטאג־צו־נאַכט.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז די שמחה איז ביי רעווערענד קוועק־זילבער ניט קיין קליינע געוועזען. די רעווערענדקע האָט אויף שנעל אַ פרישען סאַפּער צוזאמען געשטעלט, מען האָט געגעסען, געטרונקען און יעדער איינער האָט דערצעהלט זיין יציאת מצרים. דער ראַבי קוועקזילבער פון שיקאגאָ דערצעהלט דעם קוועקזילבער פון געלעסוויל אַזוי ווי המן האָט אַמאָל דערצעהלט צו זרש׳ן את כבוד עשרו, ווי גוט עס געהט איהם אין זיין קאָנ־גרעגיישאָן, ווי ער האָט דאָרטען ניט קיינע „סטאָמעק אידען" (כשרות אידען) און קיינע טאביק שמעקערס, וואָס זאָלען איהם קריטיקירען, ווייל אַלעס וואָס ער טהוט איז אָלרייט, און זיינע אידישע חמורים צאָהלען פאַר דער קאָמעדיע פיעל בעסער, ווי די סטאָמעק אידען, די אָרטאָדאָקסען און שלעפּערס, און אַז. וו.

דער קוועקזילבער פון געלעסוויל דערצעהלט ווידער דעם קוועקזילבער פון שיקאגאָ וועגען דעם גרויסען זיעג קעגען אַ גרינעם שלום אייזענשטאַרק און קעגען די אַלע אַלטע טאַביק־שמעקערס. נור יעדענפאַלס, — זאָגט ער, — מיין פּאָזישאָן איז ניט אויף רויזען געבעט, אָבער מיט אַביסעל פּאָליטיק, איך פון איין זייט און מיין מ׳סעס פון דער אַנדער זייט, שאַרט מען אָוועק די שטעכעדיגע דערנער פון וועג.

„אפשר וועלן מיר גאָר מאַכען אַ פינאַקעל — האָט ענדליך דער ראַבי פאָרגעשלאָגען.

„סוויט האַרט! — זאָגט דער רעווערענד צו זיין פרוי — פּליעז, די ווינדאָוס גוט פאַרהענגען און די קאָרטען אַהערגעבען, מיר וועלען אַלע מאַכען אַ פינאַקעל, לכבוד די געסט!"

די רעווערענדקע האָט גערן אויסגעפּאָלגט דעם פערלאַנג און חברה האָט זיך אַוועקגעזעצט צו פינאַקעל שפּיעל.

אַרום דער הויז איז געווען שטיל, שאַ קיין גערודער, עס שפּיעלט זיך אַ מחיה, אַ פאַרגעניגען, בפרט נאָך, אַז אויפ'ן טיש געפינט זיך אַ גוטער שנאַפּס, געשמאַקער וויין און פיינע סיגאַרען.

די ווייבער שפּיעלען געגען די מענער און נעבען ביידע צדדים ליגען קליינע הייפעלאך זילבער-געלד וועלכע געהן הין און צוריק לויט געווינס און פאַרלוסט.

פּלוצלונג דערהערט זיך עפּעס אַ מאָדנער טומעל מיט אַ גערודעריי, און רעווערענד קוועקזילבער געהט צו צו דער ווינדאָו שאַרט אַוועק דעם פאָרהאַנג און זעהט, אַז דער גערויש קומט פון שוהל, דאָרט לייכט זיך און עס דרעהען זיך אַרום מענשען, נור גוט זעהן קען מען ניט, ווייל די שויבען זיינען פון אַזאַ מין גלאָז, וואָס לאָזט ניט דורכזעהן.

„אָבער ווער קען דאָס זיין אין שוהל אַזוי שפּעט פריטאַג-צו-נאַכט האַלב נאָך איינס אַ זייגער? איך געה זעהן" — האָט רעווערענד קוועקזילבער געזאָגט.

„נאַטהינג דואינג! — האָט די רעווערענקע געזאָגט באַ-פעהלעריש, — איך האָב מורא. דאָס זיינען ניט קיין געוועהנליכע מענשען, וואָס קומען אַרומטומלען נאָך איינס אַזייגער ביינאַכט. דאָס מוזען זיין באַנדיטען גנבים. טעלעפאָניר צו דער פּאָליס, — האָט די רעווערענדקע געזאָגט, — און די געסט האָבען אויך דערצו מסכים געווען.

רעווערענד קוועקזילבער איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן, האָט אָפּגערופען דעם פּאָליס-סטיישאָן און איינגערוימט דעם קעפּטיין שטילערהייד אַ סוד, אַז אַ גרויסע צאָהל באַנדיטען זיינען אין שוהל און ער האָט מורא פאַר זיך אַליין, זיי זאָלען נאָכ'ן אויס-רויבען די שוהל ניט קומען צו איהם אויך.

דער קעפּטיין איז געווען פון דעם געוועהנליכען אַמעריקאַ-נער טיפּ פּאָליסלייט, וועלכע אַטענדען זייער פליכט מיט אַ

שלשלת, דאָס הייסט, ער איז געווען אַן איירישמאַן פון די סאַמע איבערגעשפּיצטע און ער פלעגט יעדען דזשאַב׳ל דורכפיהרען „כפתור ופרח׳דיג. די דאָזיגע הקדמה מוז איך מאַכען, כדי עס זאָל אייך, מיינע יונגע פריינדע, קיין וואונדער ניט זיין ווען איהר וועט דאָ הערען זיין איבערגעשפּיצטען איינפאַל....

דער דאָזיגער קעפּטיין האָט שנעל באַרעכענט, אַז ער מיט זיינע אַלע זעקס פּאָלים-לייט, זיינען צו שוואַך געגען אַ באַנדע רויבער און איבערהויפּט צוויי אַזייגער אין דער נאַכט, איז ער אויף אַן המצאה געפאַלען, וועלכע איז אויסגעקומען לויט זיין שכל גאַר איינס אין דער וועלט: ערשטענס וועט ער לויט זיין פּלאַן זיין געזיכערט געגען די נאַכט-רויבער, ,און צווייטענס טאָמער זיינען זיי גאַר קיין רויבער ניט, וועט ער די גאַנצע שולד מיט׳ן כעס פון די, וועלכע ער וועט אַצונד דעם שלאָף שטערן אויף דער אידישער שוהל און אויף זייער ראַביי אַרויפ-וואַרפען.

זיין פּלאַן איז געווען פּשוט: אַזוי ווי אין פּאָלים סטעשאָן-יאַרד זיינען אויך די פייער לייט געווען, האָט ער אַ סיגנאַל צו זיי געגעבען, אַז דאָרט טאָרט איז אַ פייער. די וואַך ווידער, האָט אַ סיגנאַל צו דער דערבייאיגער קויהלען-מיין געגעבען און יענע האָט זיך מיט איהר וויינענדיגען בלאָזער אויפ׳ן הויכען קול צו-לאָזט, אַזוי אַז אין פינף מינוט איז די גאַנצע פּאָליציי, אַלע פייער לעשער און כמעט דאָס גאַנצע שטעדטעל געלעסוויל אויף די פיס געשטאַנען. אַלעס איז געלאָפען צום פּאָלים-סטיישאָן און אפילו ר׳ שלום און ר׳ אלי׳ האָבען דאָרט ניט געפעהלט....

אַלע זיינען געווען נייגעריג צו וויסען וואו דאָס פייער איז און עס האָט קוים עטליכע מינוט גענומען איז די גרויסע רויטע פייער-לעשער מאַשין מיט די לייטערס מיט די שטריק און מיט אַלע איבעריגע מכשירים זיינען געווען פאַרטיג און דער קעפּטיין האָט אַ קאָמאַנדעווע געטהון:

„טו דהי דזשואיש טשוירטש!“

„מיר האָבען דאָרט צו טהון מיט אַ פיעל געפעהרליכערער זאַך ווי מיט פייער. מיר האָבען דאָרט באַנדיטען! — האָט ער אויף ענגליש געזאָגט. — און מיר וועלען זיי אַלעמען כאַפּען אָהן איין שאָס צו געבען, נור וואַטשמאַן מיין באַפעהל, וועט אַלעס זיין אַלרייט. איך מיט מיינע פּאָלים געהען פּאַראויס און די פייער מענער נאָך אונז און נאָך די איבעריגע מענשען...

„פייער מענער! — קאָמאַנדעוועט דער טשיעף, — נור שטריק גענוג מיט נעהמען! אַלע באַנדיטען וועלען מוזען צו־זאַמען געבונדען ווערען. דו דרייווער, טרייב די מאַשין, לאַנג־זאַם; דו שפּריצער, האַלט פעסט דעם שפּריץ אין דיין האַנד און ווען איך וועל קאָמאַנדעווען פייער! זאָלסט דו מיט אַמאָל פון דעם שפּריץ מיט אַלע כוחות וואַסער שפּריצען! ווייל אויב ניט, האָב איך מורא וועלען די באַנדיטען פייער שפּריצען פון זייערע רעוואָלווערען“.

„אָל־ראַיט“ — האָבען אַלע געענטפערט — און דער פעלד־צוג האָט אָנגעהויבען:

דער טשיף געהט פּאַראויס ווי עפּעס אַ זיעגרייכער גענעראַל מיט אַזאַ מין שטאָלץ ווי כאָטש דער דייטשער גענעראַל „הינדענ־בורג“ אָדער מאַקענזאָן“ הויך האַלטענדיג זיין קאָמאַנדיר־שטעקען, די זעקס פּאָלים-לייט צו צוויי אין אַ רייהע געהען איהם נאָך און געפּאַאָרט זיינען זיי וואונדערבאַר. די ערשטע רייהע באַשטעהט פון אַן אַלטען אויסגעדיענטען פּאָליסמאַן, דיק און קורץ, וואָס קוים קוים שלעפּט ער זיך, און נעבען איהם אַ יונגער אַ הויכער שגץ, ווי אַ דאַרער שטעקען. פאַרגלייכען האָט מען דאָס פּאַאָרעל געקענט צו אַ גראָבער פעטער קאַטשקע מיט אַ הויכען שטרויס. אין דער צווייטער רייהע, אַ מיטעל געוויקסי־גער מיטעל־יעהריגער שוואַרצער ניגער און נעבען איהם אויף דער לינקער זייט אַ רויטער איירישמאַן. די דריטע רייהע אַ

הויכער ווי המן׳ס תליה און נעבען איהם אַ ברייט קערפּערדיגער, געל־פּנים׳דיגער אויסגעדיענטער סאָלדאַט; דאָס זיינען געווען די שומרי העיר, און נאָך זיי איז די רויטע מאַשין מיט איהרע אַלע כלים און מכשירים צום פייער לעשען נאָכגעגאַנגען. פון אובען זיינען געזעסען די פייערמענער און גאַנץ פון אויבען דער שפּריץ־קינצלער מיט זיין פּאַרטרעטער, ווייל עס לאָזט זיך ניט וויסען וואָס עס קען פּאַסירען. און נאָך זיי געהט נאָך כמעט דאָס גאַנצע שטעדטעל אַזוי איז די קאַפּעליע מיט מזל צו דער שוהל אָנגעקומען, אָבער גאַנץ שטיל, כדי די באַנדיטען זאָלען ניט אַנטלויפען, אַזוי אַז אין שוהל האָבען די זקנים גאַרנישט געקענט הערען.

לייבעלע אויבער־חכם, איז פאַר׳ן עמוד געשטאַנען און תהלים געזאָגט און די זקנים האָבען מיט־געזאָגט, מיט אַמאָל דערהערען זיי אַ קלאַפּ אין טיהר פון שוהל באַלד דעם צווייטען קלאַפּ, זיי דערשרעקען זיך, ריהרען זיך פון אָרט ניט, די טיהר עפענט זיך און דער וואַסער־שפּריץ הויבט אָן זיין דיענסט צו טהון, די אַלטע ווערען אַלע פאַרגאָסען פון קאָפּ ביז די פיס, זיי פאַלען אנידער דערשראָקענע אויף טוידט, איינינגע חלש׳ן, די אַנדערע קרעכצען. דערווייל מיינט דער קעפּטיין, אַז די באַנדיטען זיינען שוין באַזיעגט מאַרשירט ער אריין מיט זיינע זעקס גבורים, מיט די פייער־לעשער און מיט׳ן גאַנצען עולם נאָך זיי. און מען דערזעהט באַלד די באַזיעגטע באַנדיטען.

איך דאַרף אייך מיינע יונגע פריינדע ניט מאָהלען דאָס בילד, וואָס זיי האָבען דערזעהן: אַלע זקנים ליגען ניט־טויט ניט־לעבעדיג אויסגעצויגען, פאַרכליאַפּערטע און פאַרוואונדעטע, פאַלענדיג האָט איינער די האַנד צערקלאַפּט, אַ צווייטער דעם קאָפּ, אַ דריטער דעם פוס, און אַזוי אַלע, נור איין לייבעלע דער תהלים־חזן איז כמעט, ווי אונבאַריהרט געבליבען, ווייל דער באַלעמער איז געשטאַנען אקעגען־איבער דעם עמוד האָט איהם

דער שפּריץ ניט דערגרייכט. נור בלאַס איז ער געוועז ווי די וואַנד, קיין וואָרט געקענט רעדען. דער דאָזיגער צושטאַנד האָט אָבער ביי לייבעלע׳ן ניט לאַנג אָנגעהאַלטען, ווייל אַזוי שנעל ווי ער האָט פאַר זיך דעם פּאַלים-קעפּטיין דערבליקט און די גאַנצע חאַליאַסטרע פּאַליסלייט, ווי משוררים פאַר׳ן חזן, און דאָ זעהט ער זיינע חברים די זקנים אַלע צו׳חלש׳טע, איז ער אויסער זיך געוואָרען און האָט אָנגעהויבען צו שרייען: „שעהמען מעגסטו דיך מיט דיין חאַליאַסטרע! וואָס האָבען דיר די אַלטע אונשולדיגע מענשען געטהון? וואָס דו ביזט זיי ווי האַלדאַפּניקעס באַפאַלען? דאַרפען מיר נישט תהלים זאָגען אין אונזער שוהל? פאַרוואָס גיסטו ניט קיין הילף פאַר די האַלב-טויטע אַלטע לייט? פאַר וואָס טעלעפאָנירסטו ניט אין האָספּיטאַל מען זאָל שיקען אַ דאָקטאָר? איך וועל די גרעסטע קלאַגע געגען דיר מאַכען. איך וויל זעהן אויב דאָס געזעץ ער־לויבט אייך, פריעדליכע זקנים ביי זייער גאָטעס-דיענסט צו באַפאַלען!“

דער קעפּטיין ווערט ערנסט, ער געהט צו צום אַלטען ראָ־זענצווייג וועלכער ליגט פאַר׳חלש׳ט, צו ברוך בער לאָקשענ־ברעט, יענער ליגט אויך אַזוי, ער קוקט שוין ניט ווייטער, ער לויפט אַרויס פון שוהל און וויל אויפוועקען רעוו. קוועקזילבער, ער זאָל איהם אויפקלעהרען וואָס דאָ טהוט זיך. ער טרעפט די טיהרען פון קיך אָפען, קיינער איז ניטאָ, ער געהט ווייטער, קומט אין דייניננ רום דאָ טרעפט ער די עלעקטריק לייכטען אויפ׳ן טיש פון פיער זייטען ליגען קאָרטען פון פיער הענד גע־שפּיעלט. עס שטעהט שנאַפּס מיט גלעזלאַך, געלד ליגט אויך. אָבער וואָס רויכערט זיך דאָ? ער גיט אַ בליק, דער טישטוך הויבט אָן צו ברענען. וואָס איז דאָס עפּעס? ער דערזעהט אַז צוויי ברענענדיקע ציגאַרען ליעגען אויפ׳ן טיש און דאָס טיש־טוך האָט פייער געכאַפּט. ער לויפט אַרוים און שרייט אויפ׳ן

הויכען קול: „פייער לעשער! קומט אַהער! דאָס פייער איז דאָ! קומט לעשען!“

רעווערענד קוועקזילבער, מיט זיינע געסט, וועלכע זיינען פון פינאַקעל אויפגעשטאַנען און צווישען דער חאַליאַסטרע אין שוהל אריינגעלאָפען דעם בייזוואונדער צו זעהן, האָבען פאַר איבערראַשונג גאַנץ פאַרגעסען די שפורען פון זייער פינאַקעל און פון זייערע ציגאַרען אויף׳ן טיש אַוועקצונעהמען און לייבעלע אויבער־חכם, וועלכער איז דעם קעפּטיין נאָכגעלאָפען, שטעהט ביי דער טהיער און שרייט:

„פּאָלים! פייערלעשער! קומט אַריין דאָ איז אַן אמת׳ער פייער“.

די פייער־לעשער קומען אַן שנעל און פאַרלעשען באַלד דאָס ברענענדיגע טישטוך מיט׳ן טיש. דער קעפּטיין מאַכט אַ פּראָטאָקאָל וועגען דעם וואָס ער האָט ביים רעווערענד אויף׳ן טיש געטראָפען: אַ פלאַש וויין, שנאַפּס־גלעזלעך האַלב אָנ־געפילט מיט שנאַפּס פון וועלכען מען האָט געטרונקען, און נאָך זעקס גלאָזען שנאַפּס אונטען אין אַ שאַפע, קאָרטען אויף פיער זייטען פון טיש, געלד אויף יעדער זייט און אויף איין זייט איז געלעגען אַ שעהנע פּאָאַר דאָלער, דאָס איז געווען דער געווינס פון דעם גליקליכסטען שפּיעלער. אויף דעם קומט אָן רעווערענד קוועקזילבער און לייבעלע אויבער־חכם זאָגט צום קעפּטיין:

„דאָס איז אונזער ראַביי, ער איז זעהר רעליגיעז, די שבת־ציגאַרען זיינען עדות דארויף, און די קאָרטען מיט׳ן געלד מיט׳ן געמבלען זיינען אויך עדות דארויף!“

„נאָט יור ביזנעס“ — זאָגט צו איהם רעוו קוועקזילבער, דער בעל תשובה, וועלכער איז אַריינגעקומען און געוואָלט פאַר־כאַפּען, אָבער עס איז שוין צו־שפּעט געוועז.

„אָבער יור ביזנעס איז צו סמוקען ציגאַרען שבת און צו געמבלען, — האָט לייבעלע איהם געענטפערט — שיסענדיג פייער פון די אויגען....

ערשט אצונד האָט דער קעפּטיין דערזעהן, אַז ער איז פון דעם רעוורענד פאַרפיהרט געוואָרען און ער קען אַ מיאוס׳ען פּסק האָבען, האָט ער דאָס געוואָלט גוט מאַכען. ער פאַרכאַפּט קודם די קאָרטען מיט׳ן געלד מיט׳ן שנאַפּס און ער לויפט צוריק אין שוהל אַריין, די חאַליאַסטרע שטעהען ווי די גולמ׳ס און האַלטען אין איין לאַכען.

„דאָ איז ניט דאָס פּלאַץ צום לאַכען, — איבער־דרעהט שוין איצט דער קעפּטיין די יוצרות. די גאַנצע גע־שיכטע וואָס דאָ האָט פּאַסירט מיט די אונשולדיגע מענשען איז רעוורענד קוועקזילבער׳ס, דעם באָס׳ס, דעם בוטלעגער׳ס, דעם געמבלער׳ס מלאכה. מיר וועלען זיך רעכענען מיט איהם! אַצונד פייער־לעשער וואַרפט אַלעס אַראָפּ פון אייער מאַשין און לעגט די אַלטע אַרויף און פיהרט זיי ווי אַמשנעלסטען אין האָספּיטאַל. — — — — — — — — — — — — — — — — —

צו־מאָרגענס איז ערשינען אין דער געלעסווילער צייטונג פאָלגענדער פּאָליציי באַריכט:

„ווער עס גראָבט אַ גרוב פאַר אַן אַנדערן, פאַלט אַליין אַריין: די פאַרגאַנגענע נאַכט זיינען די אַלטע אידען פון געלעס־וויל: ראָזענצווייג, לאָקשענברעט, שטעקעלמאַכער, האָקמעסער און אַז. וו. געגאַנגען אין זייער שוהל תהלים זאָגען, דאָס האָט וואַרשיינליך דעם רעוורענד קוועקזילבער ניט געפּאַסט, האָט ער טעלעפאָנירט צו דער פּאָליציי אַז אַ גאַנצע באַנדע מיט רויבער האַלטען אין באַרויבען די שוהל און ער האָט געהערט ווי זיי שמועסען דאָס גאַנצע שטעדטעל אַנצוצינדען און אין דעם געטומעל אַלעמען צו באַרויבען. דער פּאָליס־קעפּטיין האָט באַלד זיין פליכט געטהון און איז מיט זיין גאַנצער מאַנשאַפט

און מיט די פייערלעשער צו דער שוהל צוגעגאַנגגען, די שוהל סטריט איז ניט געווען גענוג ליכטיג און אין דער שוהל האָבען אַלע לאַמפּען געברענט, האָט זיך די פייער-לעשער אויסגע־דאַכט, אַז אין שוהל איז אַ פייער און מען האָט אין שוהל אַריינ־געשפּריצט אַביסעל וואַסער און ווען מען האָט דעם טעות דער־זעהן איז שוין געווען צו שפּעט. די אַלטע תהלים זאָגער, זענען נעבען געפאַלען און פון דעם דרוק פון שפּריץ זיינען אייניגע אַביסעל צערשלאָגען געוואָרען און האָבען גע׳חלש׳ט. דער קעפּטיין האָט זיי די ערשטע הילפע געגעבען און האָט זיי אין האָספּיטאַל אָפּגעפיהרט. זייער צושטאַנד איז ניט ערנסט...

דאַגעגען אָבער, איז די פּאָלים אַ סוד דערגאַנגגען, אַז רעוו. קוועקזילבער איז אַ פּשוט׳ער בוטלעגער, און אַ פּעיקער. די פּאָלים האָט פּערצופּאַל געטראָפען קאָרטען אויסגעלעגט פּאַר פּיער הענד און אויף יעדען פּלאַץ איז געלעגען געלד. די פּאָלים האָט די קאָרטען מיט׳ן געלד צוזאַמען פּאַרכאַפּט אויך האָט די פּאָלים אויפ׳ן טיש אַ פלאַש פון אַ האַלבען גאַלאָן שנאַפּס גע־טראָפען. די פּאָלים האָט אַן אונטערזוכונג געמאַכט און פּאַר־כאַפּט נאָך זעקס גאַלאָן שנאַפּס. עס איז ווערטה אָנצוצייגען דאָס נעבען רעוורענדס פּלאַץ אויפ׳ן טיש איז געלעגען אַ ברע־נענדיגער ציגאַר וואָס האָט באַלד אַ שרפה געמאַכט און נאָך אַ ברענענדיגער ציגאַר פון זיין שפּיעל-פּאַרטנער, וואָס, ווי באַ־קאַנט טאָהרען אידען אום שבת ניט סמוקען און אַ ראַביי טאָהר דאָס זיכער ניט. — — — — — — — — — — — — — — — —

יונגע פריינד! וואָס דעם שבת האָט זיך אין געלעסוויל אָפּגעשפּיעלט זיינען הונדערט ביכער ניט גענוג צו באַשרייבען, נור דער קיצור המעשה איז, אַז אין שוהל איז געווען אַלעם באַנעצט פון וואַסער, מנין איז ניט געווען. ר׳ שלום, ר׳ אלי׳ עכטפּארב, איך און לייבעלע האָבען טאַקע ביי ר׳ שלום ביחידות אָהן מנין געדאַווענט. דזשאָהן עכטפּאַר מיט׳ן סעקרעטער

זיינען געגאַנגען צעהן אַזייגער צום רעוורענד און האָבען די בשורה געהערט, אַז ער, דער רעוורענד קוועקזילבער איז פאַר־טאָג לכבוד שבת פאַרשוואונדען, זיין ווייב וויים ניט וואוהין. מיט איהם איז פאַרשוואונדען ליזי שפּיעלפויגעל. די אַלטע זיינען אַלע אין האָספּיטאַל געלעגען און טיעף געשלאָפען, זייערע קינדער זיינען אַרום זייערע בעטען געזעסען פאַרטראַכט און אומרוהיג.

שימקע קאַכלעפּעל איז בקול רם ובקול וויסקי אַרום גע־לאָפען שרייענדיג, אַז שלום אייזענשטאַרק׳ן וואָלט מען גע־דאַרפט פון שטעדטעל ארויסטרייבען.

„ער האָט אונזער קהל אַן עין הרע געגעבען. אונזער קאָנגרעגיישאָן איז געווען אַ טעמפּעל פאַר אַלע קאָנגרעגיישאָנס און דאָ קומען אַזעלכע גרינהאָרנס מאַכען מחלוקת צווישען די נאַרישע טאַטעס און די גוטע קינדער! אין טו העל, מיט די גרינע חיות!....

מיט׳ן פּרעזידענט דזשאהן עכטפּאַרב, וועלכער איז נאָך אין כעס געווען אויף זיין פאָטער, האָט יענעם שבת אויך עפּעס ניט געוועהנליכעס פּאַסירט. ער האָט אַ טעלעגראַם באַקומען פון׳ם עכטען מקום וואו דער ראַקאַוויי בום איז געווען, אַז ער זאָל זאָפאָרט קומען. די בלעטער האָבען דאַן הספּדים געבראַכט איבער די הונדערטע מענשען וואָס זיינען פון דאָרט געבראָכען אַוועק, פאַרלירענדיג מיליאָנען, און אונזער פּרעזידענט דזשאהן עכטפּאַרב איז אויך געווען בתוכם.... ער איז געפאָהרען לכבוד שבת ראַטעווען וואָס מען קען נאָך....

די חברה „בנות ישראלשומרות שבת“ מיט מיס אסתר מלכה און מיס ביבלאַווסקי בראשן, האָבען שבת־צו־נאַכט אַ מיטינג אָפּ־געהאַלטען און האָבען באַשלאָסען אַז זיי וועלען אַצונד אַ דאָפּעל־טע אָפּעגזיווע מאַכען: אי געגען זייערע עלטערן בפרט און אי געגען די קאָנגרעגיישאָן בכלל. ביי זייערע עלטערן וועלען זיי

פאָדערען, מען זאָל די פליישיגע דישעס אויפ׳ן מיסט אַרויסוואַרפען און נייע קויפען, מען זאָל אויך אויפנעהמען אַ נייעם עכט אָרטאָדאָקסישען שוחט, וועלכער זאָל טאַקע יאָ די עהרליכע רבנים געפעלען, און טאָמ׳ער ניט עסען זיי ניט מעהר אין דער היים און דאָס געלד וואָס זיי פאַרדיענען (ווייל אַלע אַרבייטען), וועלען זיי אויף כשר׳ע עסענס אין דער פרעמד באַנוצען.

אויך צו דער קאָנגרעגיישאָן האָבען זיי אַ צושריפט געשיקט, זיי ערקלעהרענדיג, אַז זיי האָפען דאָס די פיהרער מיט די מעמבערס צוזאַמען וועלען שוין האָבען די אויגען געעפענט און איינזעהן אין וואָס פאַר אַ בלאָטע די רעפאָרם רע־בי׳ס מיט די שימקע קאָכלעפעלס מיט די קנאַקערס, די ליזי שפיעלפויגעלס, האָבען זיי אַריינגעפיהרט.

כהיום איז זייער פאַרלאַנג, אַז די קאָנגרעגיישאָן זאָל איינמאָל פאַר אלע מאָל באַשליסען אַזאַ ראַביי אויפצונעהמען וועלכער זאָל אַ שטרענגער אָרטהאָדאָקס זיין און טאַקע ווי אַ איד אויסזעהן. ער זאָל האָבען אַ באָרד און פאות אויסערליך און ג־ט אין האַרצען אינערליך, ווייל אויב די אַמריקאַנער רעגיערונג שעהמ׳ט זיך ניט מיט אַזעלכע אידען און לאָזט זיי אַריין קיין אַמעריקא נאָך אויסער דער קוואָטאָ, דאַרפען מיר אידען זיך אוודאי ניט שעהמען מיט זיי פאַר רבנים אויפצונעהמען און זיי זאָלען פיהרען די קאָנגרעגיישאָן נאָך די פאָרשריפטען פון דער תורה. — און אויב קהל וועט זייער פאַרלאַנג נאָכגעבען, שליסען זיי זיך אַלע אָן צו קהל און אַלע מעמבערקעס, צעהלענדיג 43 יונגע מיידלאך וועלען אַזוי פיעל צאָהלען צו קהל ווי יעדער מעמבער און וועלען אַנטהייל נעהמ׳ען אין דעם אמת־אידישען אויפבליהען פון דער קהלה, אָבער ווען די קאָנגרעגיישאָן זאָל דאָס ניט נאָכגעבען, וועלען זיי אַזאַ קונץ באַווייזען, וואָס אַמעריקא האָט דאָס נאָך ניט געזעהן. זיי וועלען צו ר׳ שלום

אייזענשטאַרק און ר׳ אלי׳ עכטפּאַרב צו־שטעהן און העלפען שאַפען א נייע אָרטהאָדאָקסישע קהלה אין געלעסוויל, וואָס וועט באַזאָרגען דעם עולם מיט אמת׳ע כשרות, עס זאָל טאַקע זיין כשר און ניט געבלאָפט, און זיי מופען אַוועק פון די עלטערן.

דרייצעהנטער קאַפּיטעל

א מלוה דמלכה ווערט ביי ר׳ שלום אייזענשטאַרק געפּראַוועט אַ גאַנצע נאַכט. — ר׳ שלום לעגט פאַר ר׳ אלי׳ אַ בּייעם פּלאַן מיט ח״י תקנות, די געלעס־ווילער טויטע קהלה פרוש לעבעדיג צו מאַכען. — ר׳ אלי׳ ווערט שטאַרק באַגייסטערט פון די ח״י תקנות. — זונטאג אין דער פריה פאָהרט־אָפּ דער גרינער רעוורענד צוריק אַהיים.

יונגע פריינדע! איך זאָג אייך אמת׳דיג, אַז ג־ט׳ס רחמנות איז אויף דער פאַרגעהלטער קאָנגרעגיישאָן געלעסוויל געוועזען; די קאָנגרעגיישאָן וויל אַ מיטינג אָפּהאַלטען, זייער פּרעזידענט איז ניטאָ אין דער היים. די ליידיעס אייד סאָסייעטי וויל זיך פאַרזאַמלען, איז זייער פיהרערין ליזי שפּיעלפויגעל פאַרשוואונ־דען, און דאָ מאַכען די קינדער אָן אנגריף פון איין זייט און די אַלטע פון דער אַנדער זייט.

ווי איהר ווייסט שוין זיינען דאָך די אַלטע מיט אויסנאַהם פון איין ר׳ לייבעלע, אין האָספּיטאל געלעגען און ווען זיי זיינען צוזיך געקומען, האָבען זיי קיין לעפעל געקעכטס ניט געוואָלט אין זייער מויל נעהמען, אפילו ניט וואָס די קינדער האָבען פאַר זיי געבראַכט, נור אַז זייערע אייניקלאָך די מיטגלידער פון די בנות ישראל שומרות שבת זיינען מיט ר׳ שלום און מיט ר׳ אלי׳ן מוצאי שבת צו זיי אין האָספּיטאל מבקר חולה זיין געגאַנגען, האָבען די אייניקלעך צו די זקנים געזאָגט, אַז מאָרגען, זונטאג, וועלען זיי קאָכען אַ פרישׁ ביסעל זופּ ביי ר׳ שלום׳ן. מיס אסתר מלכה וועט אַכטונג געבען עס זאָל זיין כשר, ר׳ שלום וועט עס

לאָזען שחט׳ן ביי זיין שוחט און מים ביבלאָווסקי וועט עס ברענגען מיט איהר מאַשין און עס וועט זיין אָל־ראַיט.

די אַלטע האָבען אַנגעהויבען יונג צו ווערען. די שמחה וואָס די אַלטע האָבען דעם מוצאי שבת געהאַט דאָס זיי האָבען זייערע אייניקלעך צוריק געפונען וועלכע זיי האָבען שוין פריהער פאַר פאַרפאַלען געהאַלטען, איז ניט געווען צו באַשרייבען. זיי האָבען ר׳ שלום׳ן, ר׳ אליין און מיר די הענד געדריקט און זייערע אייניקלעך געקושט און מיר זיינען אַהיים געגאַנגען מלוה-מלכה מאַכען.

ביים אַרויסגעהן האָט אונז אַ דאָקטאָר געזאָגט, אַז די אַלטע וועלען מוזען פאַרבלייבען אין בעט אַרום אַכט טעג.

מיר זיינען געגאַנגען צוריק צו ר׳ שלום׳ן און דאָרט האָט שוין אויף אונז געוואַרט אַ מלוה-מלכה סעודה. מיר האָבען זיך געוואַשען, אתקינו סעודתא און די זמירות פון מוצאי שבת געזונגען און דאַן זאָגט צו מיר ר׳ שלום:

„נו ר׳ גרינער רעוורענד! דערצעהלט עפּעס אַ מעשה לכבוד מלוה דמלכה“... און איך ענטפער:

„די געשעהענישען פון געלעסוויל אין דעם איצטיגען מאָ־מענט האַלט איך פאַר פיעל וויכטיגער אַלס מיט מיינער אַ מעשה צו פאַרברענגען.

דערצעהלט איהר, ר׳ שלום אייער געלעסווילער מעשה! —

און ר׳ שלום לאָזט זיך ניט בעטען און הויבט אָן אלי׳ הנביא צו זינגען און לאָזט אויס:

„והשיב לב בנים על אבותם“ (אלי׳ הנביא וועט קומען און וועט צוריקקעהרען די הערצער פון די קינדער צו זייערע עלטערן) און איהר ר׳ אלי׳ קענט אַצונד דאָס זעלבע טהון, — זאָגט ר׳ שלום, — איהר הייסט דאָך טאַקע דערפאַר ר׳ אלי׳. איהר קענט אייער נאָמען פאַראייביגען און עפּעס גרויסעס אויפ־טהון, נור צוברעקעלט ניט אייערע כחות. נעהמט זיי צוזאַמען

אין איינעם און שאפט טאקע דא אין געלעסוויל עפעס גרויסעס, עפעס ערהאבענעס, עפעס אויסער געוועהנליכעס, אז אלע ארומיגע קאנטרי קהלות זאלען זיך פון אייך א מוסר אפלערנען און זאלען אייך נאכמאכען און דאמאלס וועט איהר האבען פאר־זארגט זיך אליין און אנדערע. עפעס זאגט מיר דאס הארץ, אז אייער זוהן מוז זיך אויך צו אייך צוריקקעהרען און מוז א איד ווערען. ער וועט האבען געלערנט, וואס געלע רעוורענדס זיינען. עס וועט איהם האבען רבי געלד געקאסט, וואס רעפארם קהלה הייסט און דאן איז דאך א פאקט, אז איהר האט די מאה, קענט איהר אויך האבען די דעה".

„לאזט הערען אייער פלאן, אדרבה!" — האט ר' אלי' גע־זאגט צו ר' שלום'ן.

„ר' אלי'! איהר ווייסט, אז צו א גרויסער הארטער מכה איז א פלאסטער צו־שוואך; דאס פלאסטערל קען אפשר נור די מכה צוריקהאלטען, אז זי זאל גרעסער ניט וואקסען, אבער די מכה גופא בלייבט ווייטער מכה".

„וואס דען איז צו טהון?" — פרעגט ר' אלי'.

„די מכה מוז פון א גוטען דאקטאר אפערירט ווערען, גענצ־ליך אויסגעשניטען ווערען. אמת עס קאסט געלד אזא מעשה און יסורים אויך, אבער דערנאך, אז מען זעהט, אז דער גאנצער קערפער הויבט אן צו לעבען, הויבט זיך אן צו ענטוויקלען, זעהט מען, וואס פאר א גרויסע מציאה די יסורים מיט די קאסטען זיינען געוועזן.

די מכות אין די קאנטרי קהלות זיינען פערשיעדענארטיג. גיט א קוק, למשל, אייער געלעסוויל, א קהלה פון הונדערט און פערציג מעמבערס, אלע מאכען א פיינעם לעבען, אלע וועמען די קינדער קאסטען אפ שווערע געלדער צו ערציהען זיי, און די קינדער בלייבען ערשט אהן ערציהונג אדער מיט א גוי'אישער ערציהונג. דאס וואס קינדער קאסטען אפ זייערע עלטערן נור

מואווינג פיקטשורס, שפּילעריי און נאַשעריי וואָלט גענוג געווען זיי אַן עכט גרינדליכע אידישע און אויך אַ מאָדערנע ערציהונג צו געבען.

היער אין געלעסוויל זיינען דאָ 65 קינדער, וואָס געהען אין חדר און איך פאַרשטעה, אַז עס וועט זיך געפינען נאָך אַ פינף־און־דרייסיג וועלכע געהען גאָר ניט אין חדר. דאָס הייסט הונ־דערט קינדער. די אַלע הונדערט קינדער זיצען דעם גאַנצען טאָג פון אַכט אַזייגער אין דער פריה ביז פיער אַזייגער נאָכמיטאָג צווישען פאַרשיעדענע אונערצויגענע ניט אידישע קינדער. די גאַנצע לופט וואָס זיי ציהען אין זיך אַריין דעם גאַנצען טאָג, איז אַ ניט־אידישע, דערצו האַלטען עס די טיטשערס פאַר זייער פליכט די קינדער אויפמערקזאַם צו מאַכען, ווען אפילו ניט דירעקט אָבער אונדירעקט גאַנץ זיכער, אַז עלטערן פון די „אָלד קאַנטרי" טויגען ניט און דאָס וואָס זיי זאָגען טויג אויך ניט, ווייל זיי זיינען גרינע און ניט גענוג מאָראַליש ערצויגען. (אין מאַנכע פעלע איז דאָס ליידער אמת). אַזוי לערנען זיך די קינ־דער אויס צו קריטיקירען זייערע עלטערן אין אַלעמען און קוים הויבען זיי אָן צו געהן אין „האַי־סקוהל", האַלטען זיי זיך שוין אודאי העכער און געבילדעטער פון זייערע גרינע עלטערן. אַזוי ווערען אונזערע קינדער פּשוט אָפּגעפרעמדט פון אונז. זיי פאַר־אַכטען אונז און קוקען אויף יעדען אידען פון אויבען אַראָפּ. זיי פאַרברענגען קוים 10 פּראָצענט פון דער צייט, צווישען אידען, 90 פּראָצענט צווישען גוים, וואו מען לערנט זיי אונדירעקט, אַז אַלעס וואָס אידיש טויג ניט. יעצט גיט אַ קוק וואָס פאַר אַ פאַרברעכען די קהלה מאַכט ווען זי נעהמט פאַר פינף־און־זעכציג קינדער בלויז איין מלמד און דער איינער טויג אויך אויף תשעה־ניינציג כפרות, ווייל ער לערנט זיי ניט מעהר, ווי סום איז אַ האָרם און כלב איז אַ דאָג און מורה איז אַ טיטשער, אָבער אַ ברכה מאַכען, המוציא, שהכל, מודה אני, דאַוונען, בענשען,

װעלכעס מיר האָבען מיט דער מאַמעס מילך אין אונז אריינ־געצויגען דאָס איז שוין אַרויס פון דער מאָדע, דאָס באַלאַנגט שוין צום אַלד סטייל און דער נאַרישער פאָטער צאָהלט נאָך געלד פאַר לערנען די שטותים ביז זיין קינד װערט דרייצעהן יאָהר אַלט, דאַמאָלס מאַכען טאַטע מאַמע אַ גרויסען טאַראַראַם, דער בר מצוה זאָגט די הפטורה מיט אַ ספיטש װאָס זיין ראַבי האָט איהם אויסגעלערענט און דערמיט ענדיגט זיך אַלעס; װען דער טאַטע זאָגט נאָכהער די הויכע ברכה „ברוך שפטרני מעונשו של זה“ (געלויבט איז דער אויבערשטער װאָס האָט מיך באַפרייט פון אַזאַ שטראָף!—און דער היינטיגער בר מצוה) געזעגענט זיך דער קדיש זיינער פון ג־ט פון דער שוהל, פון דער תורה און פון אַלע אידען. ער װערט אַ בעל עבירה און אויס איד“.

„הערט אייך איין ר׳ שלום — זאָגט ר׳ אלי׳, — איך הער פון אייך נאָך אַלץ ניט די רפואה, נאָר די מכה, און מכות האָב איך מעהר געקענט זעהן פון אייך אין אַמעריקאַ, דען איך בין שוין באַלד צעהן מאָל אַזוי לאַנג אין אַמעריקאַ װי איהר, אדרבה, װייזט מיר די רפואה צו די אַלע מכות, אָבער די רפואה זאָל זיין אַזאַ, װאָס מען זאָל קענען אנװענדען צו די אלע מכות אין די קאָנטרי־שטעדטלעך, דאָס מיינט אַז די רפואה זאָל ניט צו־טהייער קאָסטען, װייל די קאָנטרי קהלות װעלען עס ניט קענען באַצאָהלען, דאַמאָלס װעל איך װיסען, אַז איהר גיט אַן עהרליכע קריטיק, װייל צװאָס טויג סתם קריטיקירען אָהן דעם אמת׳ן גוטען װעג צו װייזען? ציינט מיר װי אַזוי די קאָנטרי קהלות פון בלאָטע אַרויסצושלעפּען און איך װאָלט זיך גליקליך געשעצט די ערשטע פראָבע פאַר אונזער געלעסװיל צו באַנוצען“.

„אָט טאַקע דאָס, ר׳ אלי׳, האָב איך געװאָלט פון אייך הערען, נו קומט מיט מיר װעל איך אייך װייזען װי אַזוי פון דער געלעסװילער און טאַקע אויך פון אַלע בלאָטעס אין די

קאָנטרי קהלות אַרויסצוקריכען. הערט אייך נאָר גוט איין, וואָס איך וועל אייך אַצונד זאָגען און אַז איהר וועט פאָלגען וועט איהר האָבען דעם ריכטיגען וועג און די אמת׳דיגע רפואה.

ר׳ אלי׳ זיסער, איהר קוקט אויף מיר, איך מאַך צו די אויגען און אָט זעה איך פאַר מיר אַ תלמוד תורה, וואָס איז מיט פערציג יאָהר צוריק אין קיוב געשטאַנען, און זעה אויך היינט אין דער עיר ואם בישראל פראַנקפורט אַם מאַין און אין דער בודאַ־פעסטער אָרטאָדאָקסישער קהלה פאָלקס שוהלען, בירגער שוהלען, גימנאַזיעס מיט תלמוד תורות דורכגעפלאָכטען און איך זעה אפילו דאָ אין אַמעריקא אין ניו יאָרק אַזעלכע שולען אונטער דעם נאָמען „ישיבות״ ווי למשל: ישיבת רבינו יעקב יוסף, ישיבת רבינו שלמה קלוגער אָדער ישיבת תורה ודעת, דאָרט וואו תורה צוזאַמען מיט וועלטליכע לימודים ווערען מיט אידישע קינדער געלערנט פון 8 אַזייגער אין דער פריה ביז זעקס אַזייגער פאַר נאַכט און די לימודים ווערען פון די פיהרער אַזוי איינ־געטהיילט דאָס די תורה זאָל דאַביי חלילה קיין היזק ניט האָבען און עס זאָל פון די וועלטליכע לימודים אויך ניט וועניגער ווי אין די גוי,אישע סקוהלס געלערנט ווערען, „החזק בזה וגם מזה אל תנח ידיך״ — זאָגט שלמה המלך. דאָס ערשטע זעהט מען אין די דאָזיגע תלמוד תורות און ישיבות אַז די קינדער לערנען אויס צו קענען גוט דאַווענען און זיי ווייסען וואָס צו דאַווענען, דאַן געהט מען אַ שריט ווייטער לערנט מען מיט זיי חומש, נ״ך, דקדוק, גמרא, א. אַז. וו. דער ריוח פון אַזעלכע תלמוד תורות איז אָבער ניט בלויז אין דעם לערנען אַליין נור אין דער ערציהונג בכלל. די קינדער ווערען אין אַ ריינער אידישער אַטמאָספערע אויפגעצויגען, מלמדים זיינען אין אַזעלכע תלמוד תורות יראי השם, ניט קיין פריי־דענקערס, ניט קיין היברו טיטשערס, נור מלמדים ללמד לשמור ולעשות ולקיים! ווייל ווי קען מען גאָר צו אימעצען אַנדערש ווי צו פרומע אידען אַזאַ טהייערען פאַר־

מעגען ווי אידישע קינדער אנפּאַרטרויען? און פון אַזעלכע תלמוד תורות קומען טאַקע אַרויס בעלי בתים בני תורה, יראים ושלמים, גוטע קעמפּפער פאַר׳ן אידישען פאָלק, מיט אַ זעלבסט־באַוואוסטען אידישען שטאָלץ און אימער מיט אַ פערטיגען „ודע מה שתשיב לאפּיקורוס“, זייער צינגעל איז געוועזן שאַרף. די הפקר יונגען פון אידישען לאַגער דערוויטערט צו האַלטען און אַזעלכע תלמודים וואַקסען אויס אַלס אמת־טרייע אידען, וואָס זיינען יעדע מינוט בּאַרייט צו האָבען מסירת נפש פאַר תורה און אידישקייט. נאָך עפּעס האָב איך געזעהן אין איין תלמוד תורה, וואָס איז זעהר אינטערעסאַנט, די וועלטליכע לימודים האָבען דאָרטען גוי׳אישע טיטשערס אונטעריכטעט, כדי די קינדער וויים צו האַלטען פון אידישע אפּיקורסים און פריי־דענקער. דאַגעגען, די אידישע לימודים האָבען טאַקע אמת׳ע יראי השם מיט זיי געלערנט“.

„יא יאָ, מיין ליעבער ר׳ שלום — איך וועל אייך איבער־שלאָגען די רייד, מיר זאָלען האָבען נחת און פרייד, — זאָגט ר׳ אלי׳ — וואָס ווילט איהר עפּעס פאַרגלייכען געלעסוויל, אַ קהלה מיט פאַרשיעדענע אַהערגעלאָפענע, אַלערהאַנדיגע אידען און ניט פון בעסערען קלאַס דערצו זיינען אַלע צוזאַמען ניט מעהר ווי הונדערט און פערציג פאַמיליעס אין צאָהל צו אַ קיוב, פראַנקפורט, בודאַפּעסט אָדער ניו יאָרק ווי אמת׳ע פיהרער זיינען אָן דער שפּיצע פון קהל און דאַן זיינען זיי דאָך עפּעס אין די טויזענדער אידען וואָס קענען אַזעלכע תלמוד תורות אויסהאַלטען!“

„מיין ליעבער ר׳ אלי׳! איהר האָט דוקא אַ גרויסען טעות, ווען איהר מיינט, אַז נור אין גרויסע שטעדט קען מען דאָס האָבען און אין אַזאַ געלעסוויל, ווא הונדערט און פערציג אידען וואוינען—ניט, — ענטפערט ר׳ שלום. — זעהט איהר אין די גאָר קליינע קאַנטרי קהלות, וואו עס וואוינען ניט מעהר ווי

צעהן, צוואנציג און דרייסיג אידישע פאַמיליעס, איז צרות, זיי קענען טאַקע ניט באַהויפּטען אי אַ שוחט, אי אַ חזן, אי אַזעלכע תלמוד תורות אויסצוהאַלטען, און אַז מען קען ניט אַריבער מוז מען אַרינטער, דאַרט מוזען ליידער די קינדער אין די גוי׳אישע סקוהלס געהן, אָבער ווען זיי קומען פון סקוהל אַהיים, זאָלען זיי וועניגסטענס אין חדר געפינען איבערגעגעבענע עהר־ליכע, פרומע און אידעאַלע מלמדים, וואָס זאָלען די טרויעריגע גייסטיגע אידישע לאַגע אין אַמעריקא בכלל און אין דער קאַנטרי־קהלה בפרט גוט פאַרשטעהן און מיט באַגייסטערונג, אויפאָפּפערונג און מיט אַלע בעסטע ספּעקולאַציעס זיך באַ־מיהען, אַז די קינדער זאָלען ביז צו זייער דרייצעהן יאָהר לכל הפחות קענען גוט דאַווענען, סדרה מעביר זיין, הפטורה לייענען און די חמשה חומשי תורה דורכגעהן און אַלע מיני ברכות, קדושות, מודים דרמנן אויף אויסענווענינג קענען. עס פאַר־שטעהט זיך אַז אַ מלמד טאָהר מעהר ניט האָבען ווי צוואנציג ביז פינף און צוואנציג קינדער צום לערנען און דאָרט וואו עס געפינען זיך פערציג קינדער ומכל־שכן מעהר, מוז דער מלמד אַן אַרויסהעלפער האָבען און אויף דעם אַלעמען מוזען טאַקע השגחה האָבען געצעהלטע פרומערע בעלי בתים וואָס האָבען נאָך ג־ט און אידישקייט אין האַרצען ניט קיין שימקע קאָכ־לעפעלס מיט ליזע שפּיעלפּויגעלס! אי וואָס וועט איהר זאָגען: עס דאַרף אָפּקאָסטען יעדען בעל בית אַ פּאָאַר דאָלער אַ וואָך מעהר, מאי כולא האי? וויפיעל דאָלערס געהען דאַ אַוועק פאַר די קינדער אויף נאַרישקייטען ווי אויף מואווינג פּיקטשורס וכדומה? און גראַדע פון די אַלע נאַרישקייטען האָבען די עלטערען גאַרנישט, אָבער פון די פּאָאַר דאָלער מעהר אין דער תלמוד תורה, וועלען זיי דאָך זיכער אַ בעסערען קדיש האָבען איבער הונדערט יאָהר! און וועניגסטענס וועלען זיך די אידישע זיהן און טעכטער ניט שעהמען מיט טאַטע מאַמע! און די

עלטערן וועלען זיך ניט האָבען געפלאָגט אומזיסט פאַר זיי. אַזעלכע מלמדים וואָלטען קודם כל זייערע תלמידים אויסלערנען אַ פרעמדען אידען ליעב צו האָבען און איהם מכבד צו זיין, שלום עליכם געבען און איהם מקרב צו זיין. די מלמדים וואָלטען געקענט און געדאַרפט ערקלעהרען צו די קינדער אַז די עלטערן וואָס זיינען מחלל שבת באַגעהען אַ גרויסע עבירה, ווייל קינדער מוזען דאָס וויסען און די עלטערן דאַרפען פאַר דעם גאָר ניט זיין אין כעס, נור פונקט פאַרקעהרט, ווען זיי הערען אַז די קינדער דערצעהלען וואָס זייער רבי האָט געזאָגט, זאָלען זיי זאָגען אַז דער רבי האָט רעכט.

די קינדער וואָלטען אויך געקענט און געדאַרפט וויסען, אַז נור דער יעניגער איז אַ ריכטיגער איד, וועלכער פיהרט אַן עכט כשר׳ע הויז, נעהמט פלייש פון אַזאַ שחיטה, וואָס מען ווייסט ווער דער שוחט איז, ניט קוקענדיג אויף די הכשרים פון די רבנים אין אַמעריקא, ווייל עס איז אַמעריקא. — ווייטער זאָלען די מלמדים איינפיהרען ערב ובוקר אַ מנין אפילו מיט עברינים, אַבי געדאַוועגט זאָל ווערען, ווייל דאָס איז אַ סגולה צו אידישער ערציהונג, און יעדען שבת זאָלען זיי אפילו פאַר עטליכע מענשען ברבים לערנען. און צו אַללעם ערשטען זאָלען זיי מיט׳ן גאַנצען כח אַרבייטען, עס זאָל זיין אַ מקוה אין שטעדטעל, ווייל דערמיט הויבט זיך אָן דער איד — און דאָ הערט מען אויף צו זיין אַ איד.

דאָרט וואו עס געפינען זיך דרייסיג-פערציג קינדער, זאָלען די בעלי בתים, ווי געזאָגט, אונטער דער השגחה פון זייער שוחט נאָך אַ מלמד צו-שטעלען. איינער זאָל מיט די אָנפאַנגער לערנען און דער אַנדערער מיט די קינדער וואָס זאָגען שוין עברי און לערנען חומש. דער מלמד זאָל מיט די קינדער נאָר אידיש רעדען אפילו ווען זיי פאַרשטעהן עס ניט. זיי וועלען דאָס ביס-לאַכווייז נעהמען פאַרשטעהן און קענען אידיש רעדען. דאָרט

וואו עס געפינען זיך נאָך מעהרערע קינדער, מוזען שוין דריי מלמדים זיין, און איבעראַל מוזען די מלמדים יעדען פרייטאג־צו־נאַכט נאָכ׳ן עסען זיך צוזאמענקומען מיט די עלטערן פון די קינדער און זיי צייגען וואָס די תלמידים האָבען פאַר דער וואָך אויפגעטהון.

„דאָס דאַרף אָבער צופיעל געלד קאָסטען און דאָס קען ניט יעדער פאָטער צאָהלען" — ענטפערט ר׳ אלי׳.

„אמת, — האָב איך געענטפערט — דאָס דאַרף צופיעל געלד קאָסטען, נאָר צו דעם איז דאָ אַן עצה. מיר אידען זיינען דאָך עפּעס „ישראל ערבים זה לזה", מיר זיינען גוט־זאָגערס איינער פאַר׳ן אַנדערן, ווען איין איד מאַכט עפּעס אַ פעהלער האַלטען אונז אפילו די גוים אַלעמען פאַראַנטוואָרטליך, טאָ פאַרוואָס זאָלען מיר זיך אַליין ניט האַלטען פאַראַנטוואָרטליך פאַר די אָרימע קינדער פון יעדער קהלה? ווי איז דען אין אייראָפּאַ? די רייכע עלטערן צאָהלען דריי־פיער מאָהל אַזוי־פיעל, ווי די ניט רייכע. אָדער ביי קהל: איינער צאָהלט זעקס רובעל אַ יאָהר און דער אַנדערער זעקס הונדערט רובעל, איש איש כפי יכלתו, יעדער לויט זיין מעגליכקייט. איהר וועט מיר אפשר זאָגען, אַז אין אַמעריקא איז אַן אַנדער לאַאַ, מעמבער איז מעמבער, אַלע גלייכע יחסנים, דערפאַר צאָהלען אויך אַלע גלייך, נו, פרעג איך אייך: האָט דען אין אייראָפּאַ דער ארעמאַן מיט זיינע זעקס רובעל אַ יאָהר געמיינדע־שטייער ניט דאָס זעלבע שטימרעכט, וואָס דער גביר מיט זיינע זעקס הונדערט רובעל שטייער? דערפאַר רופען מיר זיך דאָך „קהל הקודש"! אַ הייליג קהל, מיט יושר, מיט מענשליכקייט. דער רייכער ברענגט אַ גרעסערען קרבן צום מזבח און דער אָרעמאַן אַ קלענערען, יעדער לויט זיין יכולת, אָבער מיוחסים זיינען דיביידע גלייכע! אַזוי האָט עס די תורה געוואָלט און אַזוי מוז עס זיין, פאַרוואָס זאָל אויך אין אַמעריקא ניט אַזוי זיין? איז

דען דאָ טאָקע אַן אַנדער תורה ווי אין אייראָפּא? און בכלל גערעדט קענען מיר אפשר ניט דיסקוטירען דאָ וועגען אַנדערע קלענערע, זאָלען זיי מאַכען ווי זיי פאַרשטעהען, דאָ אין די גרעסערע קהלות, אָבער ווי דאָ אין געלעסוויל, קען מען אודאי איינאָרדענען אַ אידישע פיהרונג לויט׳ן אַלטען שטייגער. אַ קהל הקדוש? הערט אדרבה ווי אַזוי:

קודם כל, מוזען מיר וויסען וואָס הייסט קהל און וואָס איז דער תכלית פון אַ קהל. איז דען דער תכלית פון קהל זיך צו קהל׳ן? בעסער געזאָגט: זאָל טאָקע דער תכלית פון קהל זיין, כבוד און פרעזידענטשאַפט פאַר די רייכערע? די גראָבע יונגען, וואָס ווייסען ניט וואו ג־ט וואוינט און וואָס איד הייסט, נור ווייל עס איז זיי געלונגען דורך אירגענד וועלכען וועג צו דערטאַפּען עטליכע דאָלער און עס פעהלט זיי אוים אַצונד אַ שפּיעלעכעל, אַ צייטפאַרטרייב, אַ פּרעזידענשאַפט, וכדומה, פאַרכאַפּען זיי דאָ די ממשלה אין די הענט און אַזוי ווי קין דער׳הרג׳ענען זיי דעם גייסטיגען ברודער הבל, דער וואָס ברענגט עהרליכע קרבנות צו ג־ט און מען פאַרכאַפּט אַליין אַלעס און דער סוף איז, אַז מען געהט דערנאָך אַליין אַרום נע ונד, דען ווען דער גייסט פעהלט איז, „והי׳ כל מוצאי יהרגוני״, קומען די הפקר יונגען, די ספּיקערס און זיי איבערנעהמען די קאָמאַנדע, רעפאָרמירען די קהלות, מאַכען פון שוהלען טהעאַ־טערס, וואו מענער מיט פרויען קומען זיך חנ׳דלען, דער ראַבי מיט׳ן קאַנטער קומען אפילו ראש השנה און יום כיפור צו־פאָהרען אין שוהל און ווי די אַקטיאָרען מאַכען זיי דורך זייער שפּיעל און לאַכען פון די אידישע בהמות, וואָס לאָזען זיך אַזוי גוט מעלקען. און וואָלטען זיי כאָטש אונזערע קינדער געלאָזט צו רוה, וואָלט נאָך אַ האַלבע צרה געווען, כאַפּען זיי אָבער אונזערע קינדער אויך אַוועק! מען מאַכט זיי פאַר גוים און אַזעלכע פאַרזאַמעלטע רשעים קענען ניט הייסען קהל, זיי הייסען

„עדה הרעה", וועלכע מוז סוף כל סוף איינזינקען און גענצליך פארשוואונדען ווערען פון אידישען פאָלק, אַזוי ווי קרח ועדתו. דערהאַלטען קען זיך נור אַ קהל וואו ס'איז „ישראל־ואורייתא־וקוב"ה" צוזאַמען, וואו קהל פאַרפלאַנצט תורה, און יראת שמים. אונזער ערשטער גרינדער פון אידישען פאָלק, אברהם אבינו, האָט ג־ט אַליין אויף איהם געזאָגט „למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ד' לעשות צדקה ומשפט", דאָס מיינט אַז ג־ט האָט ניט גערעכענט די עשרה נסיונות פאַר אברהמ'ס יחוס נור דאָס וואָס ער האָט זיינע קינדער אין אידישען וועג געפיהרט. דערפאַר זאָגט זיך טאַקע ביי אברהם אבינו: „ואת הנפש אשר עשו בחרן", די נפשות וואָס אברהם אבינו און שרה האָט צו־געצויגען צו אחדות הבורא, זענען איהם גערעכענט געוואָרען, ווי ער אַליין וואָלט זיי באַשאפען, און דאָס מ'יין ליעבער ר' אלי', קענט איהר טאַקע אין געלעסוויל טהון. איהר קענט אייך שאַפען ניט איין עולם הבא, נאָר „ש"י" עולמות, די „ילדי שעשועים" קענען דורך אייך צוגעפיהרט ווערען צו אידישקייט, צו מורא שמים און איהר זאָלט האָבען דעם זכות פון אברהם אבינו! — — — — — — — — — — — — —

„אדרבה, לאָזט שוין הערען אייער פלאַן, — האָט ר' אלי' געזאָגט, — און ר' שלום הויבט אָן:

„געלעסוויל האָט היינט 140 מעמבערס מען קען צו־ציהען צו זיי אַלס מעמבערס די יוגענד: די יונגע לייט פון איין זייט און די יונגע מיידלאך פון דער צווייטער זייט, און יפה כח הבן מכח האב, די יוגענד באַשטעהט פון אומשולדיגע פיינע קינדער, מ'ען דאַרף זיי נור פיהרען, וועלען זיי וואונדער באַווייזען. קען אַלזאָ די קהלה האָבען צוויי הונדערט מעמבערס און לויט ווי מיר ווייסען מאַכט יעדערער דאָ אַ פיינעם לעבען און יעדער קען צאָהלען, זאָלען דעריבער די דאָזיגע תקנות היער איינגעפיהרט ווערען:

א) דער נאמען פון דער קהלה זאל זיין חברה מחזיקי הדת פון געלעסוויל, פא.״

ב) א מעמבער קען זיין יעדער איד פון 18 יאהר און

ג) עס קענען צוגעצויגען ווערען מעמבערם מיט פאסיווע רעכטע. יונגע לייט פון 16 ביז 18 יאהר און מיידלאך פון צוועלף יאהר און העכער, אלס מעמבערם וואס קענען עלעקטען און ניט עלעקטעד ווערען.

ד) די אקטיווע ווי די פאסיווע מעמבערם מוזען ביים איינ־טרעטען אלס מעמבער אן ערקלעהרונג אונטערשרייבען דאס זיי שווערען, אז זיי וועלען מיט לייב און זעעל ארבייטען דאס די שוהל און גאנץ קהל זאל געפיהרט ווערען שטרענג ארטא־דאקסיש לויט׳ן דין פון שלחן ערוך, און פון דעם מאמענט אן, וואס איינער זאל ביי א מיטינג די קלענסטע רעפארם פערלאנגען, ערקלעהרט ער זיך דערמיט אויסגעשלאסען פון דער קהלה.

ה) אלס שוחט אדער אלס מלמד קען נאר אזעלכער אויפ־געגומען ווערען, וועלכער איז אן אמת׳ער ירא שמים, און פון דעם מאמענט, וואס עס וועט זיך ארויסשטעלען, אז דער שוחט אדער מלמד נעמט גרינג שעטצען דעם קלענסטען אידישען מנהג, קען ער מעהר קהל׳ס שוחט אדער מלמד ניט זיין, און הויפט באוויז אז זיי זיינען טאקע עהרליכע יראי השם, זאל זיין דאס וואס זייערע קינדער מוזען אין׳ם זעלבען גייסט ער־צויגען ווערען. און טאמער פיהרען זיך זייערע קינדער ניט ווי עהרליכע פרומע אידען, דארף דער פאטער (דער שוחט אדער דער מלמד) מיט די קינדער צוזאמען ניט וואוינען און אזוי ווי זיי ווען קיין תשובה ניט טהון, דארפען די עלטערן מיט זיי אין קיין שום באריהרונג קומען.

ו) אין פאל פון א שטרייט איבער עפעס א מנהג, מוזען דער שלחן ערוך, די אמת׳ע ארטאדאקסישע פרומע קהלות און פרומע רבנים מאסגעבענד זיין.

ז) פרעזידענט פון דער קהלה קען יעדער איד ווערען (אפילו ניט קיין פרומער). ער מוז צוערשט איינגעשוואוירען ווערען אין שוהל, פאר׳ן ארון הקודש און פאר גאנץ קהל געבענ־דיג זיין שבועה בקול רם:

„איך דער ניי־געוועהלטער פרעזידענט פון דער קהלה מחזיקי הדת, שווער ביי די ספרי קודש און ביי אלעם וואס איז אונז, די ארטהאדאקסישע אידען הייליג, אז אבוואהל איך בין אין מיין פריוואטען לעבען ניט אזוי פרום, וועל איך אבער אלס פרעזידענט פון קהל, מיט מיין גאנצער אידישער נשמה ווירקען און אכטונג געבען, דאס קהל זאל אן אמת׳ער קהל הקודש זיין. איך וועל אלע תקנות שטרענג דורכפיהרען לויט׳ן דין פון שלחן ערוך, און יעדען פארשלאג וואס איז געגען דין אדער געגען די אלטע אידישע מנהגים מיט מיינע אלע כחות צוריקשטויסען, אזוי זאל מיר גאט העלפען, אמן״.

ח) דער גבאי פון דער שוהל, וועלכער שטעהט ביים ספר תורה, קען נור א שומר שבת זיין.

ט) יעדער מעמבער צאהלט צו קהל א שקל, דאס איז א דאלער א יאהר אלס מעמבער, העשיר לא ירבה, דער עושר דארף ניט מעהר געבען והדל לא ימעיט און דער ארעמאן דארף ניט וויינעגער געבען. יעדער מעמבער מוז זיך אבער אונטער־ווארפען צו די אויסגאבען פון קהל און אזוי פיעל ביי־צו־שטייערען, וויפיעל די קאמיטע פון קהל וועט אויסגעפינען, אז ער האט יכולת ביי־צו־שטייערען. אן עושר מעהר, א מיטעל בעל־הבית ווענינגער און אן ארימאן גאנץ ווייניג, אדער נור דעם שקל.

י) די שטייער־באשטימענדע קאמיטע מוז עלעקטעד ווע־רען פון אלע קלאסען מענשען פון דער קהלה, כדי די ביי־שטייערונג זאל זיין א גערעכטע.

יא) עס זאָל אַ ועד הכשרות עלעקטעט ווערען פון לויטער אַזעלכע מיטגליעדער וואָס פיהרען שטרענג כשר'ע הייזער און וואָס פאַרשטעהען לויט'ן שלחן ערוך וואָס כשרות איז.

יב) אַ קאָמיטע פאַר ערציהונג פון די אידישע קינדער זאָל עלעקטעט ווערען פון די עלטערען פון די קינדער, וועלכע זיינען ניט קיינע עמי הארצים און פאַרשטעהן וואָס חינוך הייסט און וועלכע זיינען יראי השם און מיינען די קינדער פאַר שומרי הדת צו ערציהען. זייענדיג דאַביי שונאים פון יעדער רעפאָרם, פון אַלעס וואָס איז געגען שלחן ערוך און נור די זאָלען קלויבען מלמדים, אָבער ניט יעדע יענטע זאָל דער מבין זיין און אַ רעוורענד קוועקזילבער העלפען אויסצוקלייבען.

יג) אַ צוגערייזטער מגיד אָדער חזן, זאָל נור אין דעם פאַל צו דער בימה אָדער צום עמוד צוגעלאָזען ווערען, ווען ער קען מיט שריפטען פון גדולי הדור באַווייזען, דאָס ער איז אַ ירא שמים און מיט זיין מגידות קען ער צוציהען דעם עולם צו יראת שמים. דער חזן ווידער, מוז אַ אידישען פנים האָבען, ניט ראַזירט אפילו ניט מיט סם די גאַנצע באָרד אָראָפּגענומען און באַווייזען, אַז ער האָט נאָך אין אַ טעמפּעל וואו עס זיצען מענער מיט פרויען צוזאַמען, ניט געדאַווענט.

יד) עס זאָל עלעקטעד ווערען אַ קאָמיטע וועלכע זאָל אַכטונג גבען דאָס אַ כשר'ע מקוה זאָל שטענדיג אין אָרדנונג זיין.

טו) אויך זאָל עלעקטעד ווערען אַ קאָמיטע צו פאַרזאָרגען „צדקה לעניים“, וועלכע זאָל מיט יושר אַלע צדקות פאַרטהיילען

טז) קיין שום פלייש, סיי רויהע סיי געררויכערטע פון אנדערע מקומות, אפילו מיט'ן הכשר פון כל הגאונים פון אמע־ריקא, דאַרף אַלס כשר ניט פאַרקויפט ווערען אין געלעסוויל, נור דאָס פלייש, וועלכעס איז פון געלעסווילער שוחט'ס שחיטה

און אונטער זיין השגחה. (גאַנץ דאָס זעלבע איז מיט אַלע של פסח זאַכען).

יז) די השגחה איבער'ן פלייש מוז זיין אויף דעם אופן, אַז דער שוחט זאָל דעם שליסעל פון דער בוטשעריי ביי זיך האַלטען, און ער אַליין, אָדער דער משגיח וואָס פאַרטרעט איהם און פאַר וועלכען ער איז פאַראַנטוואָרטליך מוז אין די באַשטימטע שטונ־דען פון פלייש פאַרקויפען אין דער בוטשעריי שטעהען און דער־נאָך פאַרשליעסען די בוטשעריי און דעם שליסעל צו זיך צו־נעהמען. איינער פון די ביידע, שוחט אָדער משגיח, מוז דאַביי אַ גוטער מנקר זיין, אויסער ווען דער קצב איז אַ ירא שמים און אַ גוטער מנקר, האָט ער נאמנות.

יח) קיין שום באַל דאַרף פאַר'ן בענעפיט פון קהל'שע נויטווענדיגקייטען ניט געפּראַוועט ווערען. אויסער אַזעלכע סעודות של מצוה וואָס מענער זיצען אין איין רום און פרויען אין אַן אַנדערע רום, דאָס זעלבע אויך ביי דער יוגענד".

* * *

אויב איהר, ר' אלי', וועט דיעזע ח"י תקנות דאַ קענען איינפיהרען, וועט די נייע פרישע גרינע קהלה האָבען אַ חיים ארוכים אַ לאַנג לעבען, אַ חיים של טובה, אַ לעבען מיט אַלדאָס גוטס, און אַ חיים של ברכה אַ געבענטשטען לעבען. גאַנץ אַמעריקא וועט זיך אָן אייך מתקנא זיין, און אַ סאַך קהלות וועלען אייך נאָכטהאָן, איהר וועט זיין אַ זוכה ומזכה את הרבים, ביי וועלכען עס שטעהט אַז „אין חטא בא על ידו". איהר וועט אַליין זוכה זיין צו אַלדאָס גוטס און וועט אָן אַנדערן מזכה זיין מיט אַלדאָס גוטס און עס וועט קיין שום מכשול דורך אייך ניט קומען"....

איך האָב אַ קוק געגעבען צו די פענסטער, עס איז ליכטיגער טאָג, מיר האָבען מיט שמחה געבענשט, איך האָב מיך מיט יעדען געזעגענט און בין אהיים געפאָהרען.

פערצעהנטער קאַפיטעל

דאָס אַלטע געלעסוויל באַקומט אַ נײַ פּנים. — דזשאַהן עכטפּאַרב, דער געוועזענער פּרעזידענט, איז אין ראַקאוויי־בום געבראָכען געגאַנגען, האָט דעם אַלטען נאָמען פאַרלאָרען, ער בעט דעם פאָטער ער זאָל איהם העלפען. — ר׳ אלי׳ זיין פאָטער זאָגט איהם, אַז ווען אַ איד טראָגט אַ גוי׳אישען נאָמען מוז ער פריהער געבראָכען געהן, דאַן הויבט אָן דער אידישער נאָמען צו לעבען. — דזשאַהן עכטפּאַרב ווערט אַ בעל תשובה און באַקומט צוריק זיין אַלטען קינדער נאָמען „יונה עכטפּאַרב״. — ר׳ יונה עכטפּאַרב אַלס ראש הקהל פון געלעסווילער קהלה. — ר׳ אלי׳ עכטפּאַרב לאָזט אַ קרן קימת הונדערט־פופציג־טויזענד דאָלער קעש און אַ בילדינג פאַר אַ תלמוד תורה מיט אַ פּאַראיקעל סקוהל. — ר׳ שלום מיט ר׳ אלי׳ ברענגען אַ שוחט אַ למדן און ער איז אַ פיינער מגיד. — די תלמוד תורה אויף׳ן אַלטען שטייגער. — ר׳ אלי׳, ר׳ שלום מיט אסתר מלכה אין ארץ ישראל. — דאָס גרויסע אונטערנעהמען אין ארץ ישראל. — ר׳ יונה עכטפּאַרב דער פאַרטרעטער פאַר אַמעריקאַ.

יונגע פריינדע! איהר ווילט וויסען ווי געלעסוויל קוקט איצט אויס? פאָהרט אַהין בלויז אויף איין שבת וועט איהר זעהן. און איך פאַרשפּרעך אייך אַז איהר וועט אויף אַמאָל שטאַרקע אפּטימיסטען ווערען. געלעסוויל וועט אייך איבער־צייגען פון תחית המתים. איהר וועט צוויי בילדער פאַר זיך בולט זעהן; דאָס בילד פון יחזקאל הנביא, ווי די אידישע עצמות היבשות, די פאַרטרוקענטע ביינער ווערען באַצויגען מיט פלייש, מיט אָדערן, מיט קאָפּ, מיט מוח, מיט לעבענס־גייסט און אויך דאָס בילד פון דער תורה ווי עס ווערט דערצעהלט: „ויבואו

מרתה" זיי זיינען געקומען קיין מרה, „ולא יכלו לשתות מים ממרה", און די אידען האבען ניט געקענט טרינקען קיין וואסער פון מרה, „כי מרים הם" ווייל די וואסערן זיינען ביטער געווען, „על כן קרא שמה מרה" האט דאס פאלק דעם ארט א נאמען געגעבען מרה, „ויורהו ד' עץ" השי"ת האט משה רבינו געוויזען א בוים, „וישלך אל המים" און ער האט עס אריינגעווארפען אין וואסער, „וימתקו המים" און דאס וואסער איז זיס געווארען, „שם" דארט, „שם לו חק ומשפט" האט (השי"ת) פאר משה רבינו געמאכט חוקים און משפטים פאר'ן אידישען פאלק, „ושם נסהו" און דארט האט ער דאס אידישע פאלק אויסגעפרופט.

ווען איהר, מיינע יונגע פריינדע, וועט יעצט גוט באטראכטען די געלעסווילער קהלה, זייער שוחט ומורה הוראה, זייערע חדרים, זייער שוהל, זייער פרויען פעראיין, זייערע צעירי בני ישראל ובנות ישראל, וועט איהר די צוויי דערמאהנטע בילדער אויסטייטשען אלס ביישפיעל פאר היינטיגע קאנטרי קהלות אין אמעריקא אויף דיעזען אופן: ווען דאס אידישע פאלק אלס אומגעלערענטעם און משוקע במ"ט שערי טומאה איז ארוים פון מצרים „ויבואו מרתה" האבען זיי זיך געהאלטען פאר קענערס (מלשון מורה), זיי האבען אלעס און אלעמען קריטיקירט, ווי דער סדר פון א גראבען יונג וואס פארשטעהט גאר ניט און רעדט זיך איין, אז ער פארשטעהט אלעס, „ולא יכלו לשתות מים ממרה" האבען די ערנסטע אידען וואס האבען יא געוואלט א גוט ביסעל וואסער (דאס מיינט תורה) ניט געקענט טרינקען, „כי מרים הם" ווייל אט די ביטערע יונגען די הפקר יונגען פון'ם ערב רב זיינען געווארען די „מורים" די טיטשערס און זיי האבען כסדר געפרעדיגט פון פרייהייט, פון הפקר אזוי ווי דער סדר פון הפקר יונגען, „על כן" דעריבער טאקע האט דאס הייליגע פאלק, די בני אברהם יצחק ויעקב „קרא שמה" גערופען דאס דאזיגע הפקרות פון אזעלכע מורים ומורות—טיטשערס און

טיטשערקעס וואָס פאַרפיהרען אונז, „מרה“ ביטטער, אזא הפקרות צושטאַנד אין ערציהונג פון אידישע קינדער איז ביטטער ווי דער טויט אליין. דערצעהלט אונז אָבער די הייליגע תורה וואָס עס האָט דאָביי געווירקט, אַז אַזעלכע הפקר יונגען פון׳ם ערב רב זאָלען קיין איינפלוס ניט האָבען אויפ׳ן פאָלק: „ויורהו ד׳ עץ“ ג־ט האָט געהאָלפען אַז מען האָט אָט די הפקר־יונגען די קורח׳ס ועדתו מיט אַ שטעקען וואָס ג־ט האָט געוויזען, זיי פאַרטריבען פון אידישען פאָלק, „וישלך אל המים“ און די געשיכטע האָט ג־ט אין מים (אין דער תורה) געוואָרפען, אַז מיר זאָלען זיך אָפלערנען, „וימתקו המים“ ווי אַזוי דאָס וואַסער, דאָס הייסט די תורה, קען ווידער ביי אידען זיס ווערען. השי״ת האָט געוויזען דעם פאָלק דעם עץ החיים, דעם אייביגען לעבעדיגען בוים וואָס מ׳יינט די תורה מן השמים, די הימלישע תורה מיט איהרע ריינע כללים ופרטים און דקדוקים דעם אייביגען לעבעדיגען בוים וואָס מיינט די תורה מן השמים, די הימלישע תורה מיט איהרע ריינע כללים ופרטים און דקדוקים און איהרע אמת׳ע כוונות „וישלך אל המים“, דאָס אידישע פאָלק האָט דעם עץ החיים אריינגעוואָרפען אין זייער תורה־לעבען, „שם שם לו חק ומ׳שפט“, זיינען באַלד אַנגענומען געוואָרען די הימלישע געזעצען וואָס קיין פאָלק האָט די זכי׳ ניט געהאַט אַזעלכעס צו זעהן אָדער צו הערען „ושם נסהו“ און טאַקע דאָרט איז דאָס פאָלק די פייער פּראָבע אויסגעשטאַנען, פון דאַמאָלס האָט זיך אָנגעפאַנגען רופען דאָס פאָלק „תורה פאָלק“, אַ געטליך פאָלק, ישראל ואורייתא וקוב״ה חד הוא...

די הפקר יונגען האָבען מעהר קיין שליטא ניט געהאַט, ווייל די תורה האָט זיי דעם וועג פאַרשטעלט.

„וואָס איז דאָ געשעהן?“ — האָב איך זיך אַליין געפרעגט, ווען איך בין מיט צוויי יאָהר שפּעטער געקומען אין געלעסווילער שוהל פרייטאג פאַר נאַכט נאָך פאַר די שקיעה, איך האָב

מעהר קיין ר׳ אלי׳ און קיין ר׳ שלום ניט געטראָפען, נור אַ שוהל מיט אידען, גרויסע אידען, קליינע אידען, אַלטע, יונגע, מיטעל־יעהריגע, איך בין פון שמש ארויפ געפיהרט געוואָרען אויף אַ מזרח זייטע, רעכטס פון ארון הקודש און איך האָב דערקענט אין דעם שמש: לייבעלע דעם אויבער חכם. גאָר ניט דער אַלטער לייבעלע, אַן אויסזעהן פון אונזערע היימ׳ישע אַלטע אידען מיט אַ שעהנער גרייז־גרויער באָרד. די שוהל איז כמעט געפאַקט, פול, אַלעס איז ביזי, אַלעס זאָגט געשמאַק שיר השירים.

איך הויב אָן צו קוקען רעכטס, לינקס, אויף אַלע זייטען, עס לעבט זיך, טאַקע ווי אין דער אַלטער היים. איך קוק רעכטס נעבען מיר באלד אויפ׳ן ערשטען זייטע נעבען ארון הקודש זיצט אַ איד אַ הדרת פנים מיט שעהנע בגדי שבת, אַ צילינדער אויפ׳ן קאָפּ און זאָגט געשמאַק שיר השירים פון זיין ר׳ יעקב עמדין׳ס סידור, און ווען ער ענדיגט שיר השירים, גיט ער מיר אַ וואַרעמען שלום עליכם און פרעגט מיך אויב איך בין דאָס דער איד וואָס האָט זיך ביי איהם שבת באַשטעלט און איך ענטפער איהם „יאָ“. איך האָב מעהר קיין צייט געהאַט צו רעדען ווייל אין דעם מאָמענט האָט זיך אַ לאָז געטהון אַ מחנה קליינע קינדערלעך צו מיר, אַלעס מיט עכט אידישע פנימ׳לאַך, אַלעס באַגייסטערט, יעדער אינגעלע וויל זיין דער ערשטער מיט זיין שלום עליכם. אַלע שטעקען מיר די קליינע צאַרטע הענטעלאַך, שלום עליכם, שלום עליכם! !... און דער וואָס האָט זיין שלום עליכם אוועקגעגעבען איז מלא שמחה צו זיין זייט צוריק גע־גאַנגען.

איך גיב אַ בליק זעקס בענק זיינען פול באַזעצט מיט חדר־אינגעלעך, נעבען יעדע צוויי בענק שטעהט אַן אינטעליגענטער אידישער איד מיט אַ שעהן געפלעגטען באָרד מיט יראת שמים

אויף זיין פּנים, דאָס זיינען די דריי מלמדים פון דער געלעס־ווילער תלמוד תורה״.

דער איד מיט׳ן צילינדער, וואָס שטעהט נעבען מיר, איז טאַקע דער מנהיג פון שטעטעל זייט צוויי יאָהר. ער איז א שוחט ובודק, בעל תפילה, מגיד און פרינציפּאַל פון דער ת״ת. ווי איך האָב פריהער באַמערקט, האָב איך רעכט קיין צייט ניט געהאַט מיט איהם צו רעדען ווייל איך בין שטאַרק ביזי געוואָרען: יעדער איינער פון שוהל איז צוגעקומען צו מיר און מיר א ווארימ׳ען ליעבליכען שלום עליכם אָפּגעגעבען, איך האָב א מזל געהאַט וואָס די ידים זיינען ידי יעקב געווען; וואָלט דאָס ידי עשו געווען, וואָלט איך זיכער געמוזט פאַר צוויי וואָכען די רעכטע האַנד טראָגען פאַרבונדען, אַזוי ווי עס האָט אַמאָל פּאַסירט מיט דעם ענגלישען פרינץ אין אַמעריקא, נאָך די פיעלע שלום עליכם׳ס וואָס ער האָט געמוזט געבען.

נאָך די שלום עליכם׳ס האָט דער שוחט דעם סיגנאַל גע־געגעבען: ער האָט אָנגעהויבען זאָגען קרבנות, דער גאַנצער עולם נאָך איהם, און אפילו די אַלע חדר אינגלעך האָבען זיך אַליין די סידורים אויפגעמישט און קרבנות געזאָגט.

אויפ׳ן באלעמער איז געשטאַנען א לאַנגע באַנק, דאָרט זיינען געזעסען א צעהן גאָר קליינע אינגעלעך, פון דריי ביז זעקס יעהריגע קינדער, נעבען זיי שטעהט אַן אַלטער איד און גיט אכטונג.

ווי דער שוחט האָט פאַרענדיגט קרבנות זאָגען, הויבט ער אָן אשרי יושבי ביתך עוד יהלוך סלה!

יונגע פריינדע! וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען? איך, וואָס האָב געקענט געלעסוויל פון פאַר צוויי יאָהר צוריק, האָב געפיהלט דעם ריכטיגען טייטש פון „אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה״, איך ווייס ניט אויב אימעצער אַנדערש האָט עס נאָך אַמאָל אַזוי געפיהלט ווי איך. צום עמוד איז צוגעגאַנגען

דער שמש, לייבעלע, ער האָט געדאַווענט מנחה פאַר׳ן עמוד. ווען ער האָט געענדיגט אשרי און אָנגעהויבען „יתגדל ויתקדש שמי׳ רבה״, האָט דער קול קול יעקב פון די קליינע קינדערלאַך וואָס זיינען געזעסען אויפ׳ן באַלעמער־באַנק אָנגעהויבען צו קלינגען, אמן! נאָך זיי דאָס קול פון די חדר אינגלעך פון די זעקס בענק: „אמן״! באַלד דאַרויף איז געקומען דער „אמן יהא שמי׳ רבה מברך לעלם ולעלמי עלמיא״, ווי אַ הימלישע מלאכים־קאַפּעליע, באַגלייטעט פון אַלע אידען פון שוהל. איך וויל טאַנצען פאַר שמחה, איך גלויב מיינע אויגען מיט מיינע אויערען ניט. וואָס איז דאָס געשעהן? שלאָף איך? איז דאָס אַ חלום, אָדער איז דאָס טאַקע אַ ווירקליכקייט? וואו זיינען ר׳ שלום מיט ר׳ אלי׳ן אַהינגעקומען? זיי וואָלטען דאָס געזעהן!...

מיר האָבען די שטילע שמונה־עשרה פון מנחה אָפּגעדאַווענט, לייבעלע שמש האָט די הויכע שמונה עשרה אָנגעהויבען, די קינדער האָבען ברוך הוא וברוך שמו אמן אויפ׳ן הויכען קול געזאָגט. עס איז געקומען צו דער קדושה, די טהייערע, זיסע קינדער־שטימעלעך פון אויפ׳ן באַלעמער מיט די חדר קינדער׳ס שטימעלעך האָבען ווי די הייליגע מלאכים די שוהל לופט אָנגעפילט און פאַרהייליגט מיט זייער נקדש את שמך בעולם כשם שמקדישים אותו בשמי מרום ככתוב על יד נביאך וקרא זה אל זה ואמר.

די טהייערע אידישע קינדערלעך האָבען אַליין געקוואָלען פון דעם אידישען הימלישען פאַרגעניגען. אַ בייזער אַלטער איד, אַ קנאי, וואָס איז נעבען מיר לינקס געזעסען האָט אויסגעשאָסען: „אין דער ערד מיט אַלע טהעאַטערס! אין דער ערד מיט אַלע שאָאָס! וואו אויף דער וועלט איז נאָך פאַרהאַנען אַזאַ פאַרגעניגען, אַזאַ עונג רוחני? איך קוק איהם אָן און דערקען איהם: דאָס איז אייזיק צינהאָלץ פון די אַלטע זקנים,

ער שעפּט דאָס אין זיך אַריין דעם גאַנצען תענוג און די אַלע זכרונות שיסען נעבעך פון איהם אַרוים.

לייבעלע האַלט שוין סלח לנו אבינו כי חטאנו — ער גיט אַ טיעפען זיפץ — מחל לנו מלכנו כי פשענו — נאָך אַ טיעפערן קרעכץ. — דער שוחט רוימט מיר אַ סוד אין אויער אַריין: „דאָס אידעל איז אַן אמת׳ער בעל תשובה. ער טרעט כמעט ניט אַרוים פון שוהל. גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט לערנט ער ספרים מיט עברי טייטש, רעכט אָפּ חצות׳ן, יעדען סענט וואָס ער פאַרדיענט שיקט ער קיין ארץ ישראל.

הקיצור מיר האָבען שוין געהאַלטען סוף מנחה, לייבעלע האָט דעם טלית אויפ׳ן עמוד געלאָזט, דער שוחט איז צום עמוד צוגעגאַנגען, האָט דעם טלית איבער׳ן קאָפּ אַנגעטאָהן און מיט אַן אנגענעהמער שטימע אָנגעהויבען לכו נרננה לשם און די באַלעמער אינגעלעך האָבען מיט אַ קוויטשיק קול׳כעל „נריעה לצור ישענו״ פאַרענדיגט, און דאָס שבת דאַוונען הויבט אַן פון אַלע ווינקעלעך פון שוהל צו וואַרעמען. דער שוחט האָט שעהן, אידיש בעל תפילה׳ש געדאַוועט, קיין איינציג וואָרט ניט איבערגעזאָגט צוויי מאָהל. מען האָט אַ מאָל פון דעם מיט איהם גערעדט, האָט ער געזאָגט: „צו וואָס צוויי דריי מאָל אַ וואָרט? איז דער בעל תפילה אַן עהרליכער מאַן, גלויבט מען איהם אויפ׳ן וואָרט ווען ער זאָגט עס נאָר איינמאָל, איז ער אָבער אַ ליגנער, גלויבט מען איהם דאָך ניט אפילו ווען ער וועט הונדערט מאָל דאָס זעלבע וואָרט זאָגען.

נאָכ׳ן דאַוונען זיינען מיר אַלע אַהיים געגאַנגען, איך האָב ביי דעם שוחט דעם אַלטען היימישען שבת געטראָפען, ער האָט קיין עה״ר אויסער אינגלעך פיער מיידלאַך, איינס קלענער ווי דאָס אַנדערע און אַלעם האָט די סידורים נעבען זיך אויפ׳ן טיש געהאַלטען און געדאַוועט. מיר האָבען באַלד שלום עליכם געזאָגט ניט מאַריך געווען, קדוש געמאַכט, געוואַשען און גע-

געסען, דאַן זמירות געזאָגט. דער שוחט האָט מיר אַביסעל תורה געזאָגט און באַלד גענומען בענטשען.

„דער עולם, וועט באַלד אין שוהל זיין, — האָט ער מיר ערקלעהרט, איך זאָג פאַר׳ן עולם וווינטער פרייטאג-צו-נאַכט נאָכ׳ן עסען און זומער שבת ביי-טאָג נאָכ׳ן שלאָפען“.

מיר האָבען געבענשט, און מיר זיינען אין שוהל געגאַנגען, זיינע קינדערלעך זיינען נאָכגעקומען. די שוהל איז שוין געפאַקט געוועז אפילו די גאַלערי איז מיט פרויען און צוקונפטיגע פרויען אָנגעפילט געוועז. דאַמאָלס איז גראַדע געגאַנגען די סדרה „ויחי“. דער שוחט האָט זיך אויף דער בימה אַוועקגעשטעלט רעדען מיט אַ שטילען טאָן. האָט געמאָלען בילדער פון יעקב אבינו מיט זיינע אייביגע קינדער. יעדעס וואָרט איז געוועזן זיס, לאַגיש און געשמאַק.

„באַטראַכט, מיינע פריינדע, דאָס שעהנע ליכטיגע בילד, — האָט ער מיט אַן ערנסטער מינע געזאָגט, — ווי דער גרייז-גרויער יעקב אבינו רופט זיינע קינדער צו זיין בעט פאַר זיין אַהיים-געהן אין זיין אייביגער רוה און זאָגט צו זיי: „קינדער, טהייערע מיינע, שבטי יה, איהר זאָלט וויסען זיין, אַז די אַלע בילדער, וואָס האָבען זיך ביי מיר ביז אַצונד געמאָהלען און אויך די דאָזיגע וועלכע עס האָבען זיך מיט אייך געמאָהלען ביז מצרים און אין מצרים און אפילו וויטער, — אַז ג-ט וועט אייך פון דאַנען אַרויס-נעהמען און פיהרען אין דעם לאַנד וואָס ער האָט צוגעשוואוירען צו אונזער זיידען אברהם, אָט די אַלע בילדער וואָס וועלען זיך ביי אייך מאָהלען, וועלען זיך כסדר אין אַלע אייביגקייטען ווידער-האָלען, אַזוי ווי ג-ט איז אַן אייביגקייט אַזוי זייט איהר אַן אייביגקייט און ווען עס וועט זיך אויסדאַכטען אַז אָט אָט געהט איהר אונטער, זאָלט איהר אייך אָן מיינע יעצטיגע ווערטער דערמאָנען און דאָס אידישע ליכטעלע, די אידישע נשמה וועט ווידער אָנהויבען צו לייכטען און צו

לעבען: „ויקרא יעקב אל בניו", דער אייביגער גייסט פון יעקב׳ן דערמאנט אונז יעדעס יאָהר אין דער סדרה פון דיעזען יאָהר, ווי ער רופט זיינע קינדערלעך, „ויאמר" און ער זאָגט: „האספו" פאַרזאַמעלט אייך, האַלט אייך צוזאַמען מיט איין האַרץ מיט איין געדאַנק, „ואגידה לכם" און איך וועל אייך דורך מיין בילד צוזאַמען בינדען אַז איהר זאָלט זיין אַן אגודה אחת, איין בינטעל, „ואגידה לכם" דער יעקב-גייסט וועט אייך פאָראויס זאָגען, „את אשר יקרא אתכם" וועגען אַלע לאַק שפּייזען, די אלע גליקען, וואָס וועלען אייך רופען „באחרית הימים" אין די טעג ווען עס וועט זיך אייך אויסדאַכטען אַז איהר האַלט שוין ביים אחרית, ביים סוף, ביים אונטערגעהן. „באחרית הימים", דאַמאָלס ווען איהר וועט מיינען אַז עס האַלט שוין ביים אחרית, וועלען זיך אַנהויבען „הימים", ווייסט איהר אָבער ווען? אַז עס וועט זיין ביי אייך „הקבצו" פרישע קיבוצים, דער תכלית פון דעם קיבוץ זאָל זיין „ושמעו בני יעקב" איהר זאָלט די בני יעקב׳לאַך דעם קול קול יעקב הערען ושננתם לבניך, „ושמעו אל ישראל אביכם", איהר זאָלט די קינדער אַזוי ערציהען, אַז זיי זאָלען הויך, גרויס, האַלטען וואָס זיי וועלען פון זייער אור-פאָטער ישראל הערען, עס זאָל וויטער זיין „כי שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל", אַז זיי זאָלען קעמפפען געגען אַלע מעכטיגע וואָס ווילען דעם יעקב בייקומען.

„ראו-בן" איבעראַל וואו איהר געהט און וואו איהר שטעהט, זאָלט איהר זעהן, נאָכקוקען אייער קינד, אַז עס זאָל זיך פון אייך ניט דערוויטערען „בכורי אתה", „יעקב פאָלק, דו ביזט מיין בכור — זאָגט ג-ט; קדש לי כל בכור" איהר זאָלט פאַר מיר הייליגען אייערע בכורים און דאָס גאַנצע פאָלק, וויל ער איז דער ערשטער פון אלע פעלקער, „כחי וראשית אוני", איהר זאָלט אייך אָנטהון מיין כח, מיין שטאַרקייט מיין „עוז", וואָס מיינט די תורה וועלכע הייסט „ראשית אוני", „יתר שאת, ויתר

עוז" מעהר אַרויפהויבען די תורה איבער אַלע חכמות און וויסענ־שאַפטען, ווייל אַלע חכמות וועלען מיט דער צייט פאַרטונקעלט ווערען, וואָס היינט איז ביי דער וועלט אַ חכמה, איז מאָרגען גאָר אַ נאַרישקייט אָבער די תורה בלייבט דער „יתר" אויף אַלע אייביגקייטען"....

„אַצונד מיינע פריינדע, קומט אַריין אין דער תלמוד תורה, וועלען מיר זעהען וואָס אונזערע קינדערלעך האָבען די וואָך גע־לערנט, — האָט דער שוחט פאַרטגעזעצט.

אַלע זיינען אַריינגעגאַנגען אין דער תלמוד תורה, דאָרט האָבען די מלמדים שוין געוואַרט מיט זייערע תלמידים און תלמידות. די קינדער האָבען אַלע ברכות, קדושה, מודים, ויהי בנסוע, אויסענווענדיג געזאָגט און צום סוף האָבען די גרעסערע קינדער די שווערע סדרה ויחי טאַקע מיט דעם אַלטען ואני בבואי מפדן מיט דער רש"י מיט דעם אַלטען אידישען חדר ניגון געזאָגט, אַז איך האָב גאָר ניט געגלויבט מיינע אויערען און האָב געדענקט אַז דאָס איז אַ חלום...

פאַהרט קיין געלעסוויל פאַ., וועט איהר זעהן וואו עס האָט שוין געהאַלטען ביי וימש חשך, די פינסטערניש איז געווען דער גאַנצער ממש, איז איצט „ולכל בני ישראל הי' אור במושבותם" ס'איז ליכטיג געוואָרען.

אַהיים געהענדיג פון דעם פאַרהערען האָב איך דעם שמש לייבעלע אויבער חכם געטראָפען, איך האָב איהם מעהר ניט אָפגעלאָזט, ער האָט מיר דערצעהלט, אַז ער ווייסט גאָר ניט פון זיין טאָכטערס געביין, און אַז דער געוועזענער דזשאָהן עכטפאַרב איז שוין היינט ר' יונה עכטפאַרב און ער איז טאַקע דער ראש הקהל און ער געהט יעדען אין דער פריה צום שוחט לערנען, ער האָט פריהער זיין פאַרמעגען פאַרלוירען טאַקע אין ראקאַוויי בום, און זיין פאָטער ר' אלי' האָט איהם פאַר אַ איד געמאַכט. ר' אלי' מיט ר' שלום'ס גאַנצער פאַמיליע זיינען

שוין אין ארץ ישראל. ר׳ שלום האָט אויסגעאַרבייט אַ גרויס־אַרטיגען פּלאַן פאַר ארץ ישראל און זיין פלימעניק וואָס האָט איהם דאָ געשטיצט, האָט מיט ר׳ אלי׳ שותפות געמאַכט און אַצונד לעבען דאָרט אין ארץ ישראל פון זייער אויפטהון עטליכע הונדערט אידען.

איך האָב לייבעלען אַ גוטען שבת געוואונשען און בין צוריק אַוועק צום שוחט, ער האָט מיר אויף מיין פרעגען ביי אַ גלעזעל טהעע דערצעהלט, אַז ר׳ אלי׳ האָט פאַר זיין אָפּפאָהרען קיין ארץ ישראל מיט ר׳ שלום׳ן די געלעסווילער קהלה אויף אייביג פאַרזאָרגט. ער האָט אויפגעשטעלט אַ בילדינג מיט אַ פּאַראָקיעל סקוהל. די ענגלישע לימודים לערנען 4 גוי׳אישע טיטשערס און די אידישע למודים: 3 אידישע פרומע טיכטיגע מלמדים און איין אידישע מיידעל וואָס האָט קאָלעדזש גראַדו־אירט און איז דערביי אַן אמת׳ע פרומע אידישע טאָכטער, גיט פאַר די מיידלאַך די אידישע ערציהונג. קהל האָט אויסגאַבען זעקס הונדערט דאָלער אַ וואָך, און אויף דעם זיינען פאַרהאַנען צוויי הונדערט מעמבערס וואָס צאָהלען פון איין דאָלער ביז פינף דאָלער אַ וואָך, יעדערער לויט זיין יכולת. ר׳ אלי׳ האָט אויך אַ קרן קימת פאַר קהל געלאָזט, די תלמוד תורה בילדינג און קעש $150,000 וואָס ברענגט זעקס טויזענד דאָלער אַ יאָהר אינטערעסט פאַר דער תלמוד תורה, וועלכע קען נור דעם אינ־טערעסט באַנוצען. צום קרן דאַרף מען זיך ניט צוריהרען. איך זאָג אייך, — זאָגט דער שוחט צו מיר, — געלעסוויל וועט נאָך דאָס בילד פון אַן עכטער אידישער קהלה אין אַמעריקאַ זיין. און איך האָב איהם געענטפערט — הלואי!

„אפשר וואָלט איהר מיר געקענט זאָגען וואָס איז געשעהן מיט דער אסתר מלכה, ר׳ שלום׳ס משפחה?“ — האָב איך איהם געפרעגט.

„יאָ! — איז געווען דער אַנטוואָרט. — ר׳ שלום׳ס אסתר מלכה האָט חתונה געהאַט מיט ר׳ שלום׳ס פּלימעניקס אַ שוואָגער, אַ יונגער מאַן מיט גרויסע קענטנים, וועלכער איז דער גאַנצער קאָפּ געווען פון דעם ארץ־ישראל־פּלאַן. ער האָט אַ גרויסע אַקציע־געזעלשאַפט דאָ אין אַמעריקא צוזאַמענגע־שטעלט. די גרעסטע אַקציאָנערען זיינען: זיין שוואָגער וועל־כער האָט אַ מיליאָן דאָלער אינוועסטעט און ר׳ אלי׳ וואָס האָט אַ האַלבען מיליאָן דאָלער אינוועסטעט און ער איז דער גע־שעפטס ליטענדער דירעקטאָר פון דעם גרויסען געשעפט אין ארץ ישראל און ר׳ שלום האָט דאָרט אַ גאַנץ גוטען דזשאָב“.

„און אפשר קענט איהר מיר טאָקע זאָגען וואָס פאַר אַ געשעפט דאָס איז?“ — האָב איך ווידער געפרעגט.

„אודאי וועל איך אייך זאָגען: דאָס איז אַן אונטערנעהמונג וואָס מיט דער צייט וועלען טויזענדער אידען דערפון אין ארץ ישראל פּרנסה האָבען. קודם האָבען זיי דאָרטען געקויפט פאַר אַן ערך פון אַ האַלבען מיליאָן דאָלער פעלדער און גערטנער וואָס זיינען גוט באַארבייט געווען, דאַן האָבען זיי גרויסע שטאַלען פאַר גרוים פיה און קליין פיה אויפגעשטעלט, דערנאָך די בעסטע בהמות און שאָף פון אויסלאַנד אימפּאָרטעט אַהין און אויפגעשטעלט פאַרשידענע פאַבריקען וואָס אַרבייטען אויס אַלע מילך פּראָדוקטען, די טהייערסטע דעליקאַטעסען־קעזען. אויך פּירות ווערען פון די פאַרמערם צוזאַמען געקויפט און ווערען קאָנזערווירט אין בלעכענע קליינע כלים. דאָס אָפּ־פאַל פון די פּירות דיענט צום עסען פאַר די בהמות. די בעסטע פלייש־קאָנזערוען אונטער דער השגחה פון גאוני ארץ ישראל ווערען אויך אין קליינע בלעכענע כלים פאַבריצירט. די גאַנצע זאַרג וואָס זיי האָבען געהאַט מיט די פלייש קאָנזערווען איז געווען וואָס מען זאָל טהון מיט דעם טרפה׳נעם פלייש וואָס האָט קיין אָפּגאַנג ניט אין ארץ ישראל, דאָס האָט די געזעל־

שאפט אבער אזוי געלעזט, דאס זי האט אריינגעצויגען א פראנ־צויזישע געזעלשאפט וועלכע קאנזערווירט עס און איבערליפערט עס צו דער פראנצויזישער קאמאנדא קיין סיריען און קיין פראנק־רייך אלס „פאלעסטינער דעליקאטעסען“, פון די פעל ווערען דארט פארשיעדענע סארטען לעדער געמאכט און די פערטיגע סחורות קומען אויס אזוי ביליג, דאס זיי קענען קאנקורירען מיט דעם וועלט־מארקעט, ווייל די ארבייט איז דארט ביליג. א גרויסע שיפס געזעלשאפט, האט דעם עקספארט פאר זעהר א נידעריגען פרייז איבערגענומען און זי פיהרט אהער קיין אמע־ריקא דעם גרעסטען טהייל פון די פראדוקטען, און ר׳ יונה עכטפארב, אונזער ראש הקהל, איז דער פארטרעטער אין אמעריקא, ער זיצט היער און זיינע גרויסע אגענטען מאכען די געשעפטען. קהל קאסט איהם א יאהר אפשר צעהן טויזענד דאלער....

„וויזט טאקע אוים, אז ארץ ישראל הויבט אן צו לעבען?“

„אלץ הייסט לעבען! אז די גאולה וועט קומען וועט מען טרעפען אן אויסגעבויטע „ארץ זבת חלב ודבש“, אן ארץ ישראל וואס איז פארטיג צו געבען דעם אידישען פאלק פון כל טוב, הלואי וואלטען נור אידען אביסעל צוהעלפען!

„געלויבט השי״ת! נור ווי דערלעבט מען שוין דאס?!

עפּילאָג.

ליעבע לעזער! אַז איהר זענט אַזוי גוט געדולדיג געווען ביז איצט און אונז איז שוין באַקאַנט די „מעשה געלעסוויל״ פון דעם „גרינעם רעוורענד וועלכער קעמפּפט געגען דער געלער געפאַהר״, דאַרף אונז נאָך אַביסעל אינטערעסירען דער „סיום מעשה געלעסוויל״, וועלכער האָט זיך מיט דער שעהנסטער מלוה דמלכא סעודה געענדיגט. צו דער סעודה זיינען געקומען די מאַמעס מיט די שוועסטערן פון דער גאַנצער יוגענד פון פּאַ־ליטישענטאון פּאַ. און דער גרינער רעוורענד האָט די געלע־געגנהייט אויסגענוצט און ער האָט ביי דער סעודה נאָך די זמירות פון מוצאי שבת, אלע געסט מיט דער פאָלגענדער סיום מעשה געלעסוויל־רעדע איבערראַשט:

יונגע פריינדע! ליעבע געסט! זאָגט מיט מיר אין איינעם: „חסל סידור מעשה געלעסוויל כהלכתו״ — מעשה געלעסוויל האָט זיך געענדיגט ווי דער אידישער „הלוך״ ילך׳ט. — ווי אַזוי ילך׳ט דער אידישער הלוך? ככל משפטו וחקתו! אידען זיינען געווען אידען און אידען וועלען בלייבען אידען און אַז מען האָט אפילו אַמאָל געבלאָנזשעט, איז טרעפט מען מ׳ענשען וואָס ווייסען דעם וועג און אַז מען פרעגט — טרעפט מען ווידער צוריק, צוריק אַהיים צו אונזערע משפטים וחקים, צוריק צו אונזער תורה. כאשר זכינו לסדר אותו, אַזוי ווי מיר האָבען די מעשה געלעסוויל געהערט אין דער טעאָריע, כן נזכה לעשותו, אַזוי זאָלען מיר נאָך זוכה זיין צו טהון אין דער פּראַקטיק, און אַזוי קענען מיר האָפען אַז לשנה הבאה בירושלים.

און כדי מיר זאָלען זי ניט פאַרגעסען וויל איך איצט פאַרענדיגען מיט אַ וואונדערבאַרען מאמר חז״ל וואָס עס וועט אונז זיכער אייביג אין זכרון בלייבען. ווילט איהר הערען?

„אודאי! אודאי! נשמע, נשמע! — האָט זיך פון אַלע זייטען געהערט.

מיינע ליעבע צוהערער, שוועסטער און ברידער!

אַ וואונדערבאַרע ערשיינונג געפינען מיר צווישען די פערלען פון תלמוד פון אונזערע גרויסע וועגווייזער די חכמי הגמרא. די גמרא אין מגילה דף י״ג דערצעהלט אונז פאָלגענדע געשיכטע:

רבי יהושע בן קרחה אומר אסתר ירקרקת היתה וחוט של חסד משוך עליה. רבי יהושע בן קרחה, וואָס איז געוועזען איינער פון די סנהדרין אין די צייטען פון צווייטען רבן שמעון בן גמליאל, דער נשיא פון די סנהדרין, אַ הונדערט יאָהר נאָכ׳ן צווייטען חורבן בית-המקדש, זאָגט אַז אסתר המלכה איז גאָר-ניט אַזאַ שעהנע געוועזען דאָס דער נאַרישער מלך אחשורוש האָט זיך אַן איהר פאַרליעבט, נור (ירקרקת היתה) זי איז גאָר אַ גרינע געוועזען (וחוט של חסד) און אַ חן׳ודיגער „חסד פאָדים״ (משוך עליה) האָט זיך איבער איהר געצויגען״...

אַזוי ווי יעדער וואָרט פון אונזערע גרויסע וועגווייזער, איז ניט קיין פוסטע מעשה׳לע און האָט אַ טיעפזיניגע באַדייטונג, פאַרשטעהט זיך אַז דער גרויסער רבי יהושע בן קרחה, דער גרויסער ריכטער און מיטגליעד פון די סנהדרין, האָט אונז דאָ אויך קיין פוסטע מעשה׳לע ניט געוואָלט דערצעהלען, פון וועלכע ווי עס דוכט זיך קומט אונז גאָר דערפון קיין מאָראַל און קיין וויסענשאַפט ניט אַרויס, דען וואָס קענען מיר אָפלערנען פון דער מעשה׳לע אַז אסתר המלכה איז ניט געוועזען קיין שעהנע, נור אַ גרינע און אַ חן׳ודיגע?

איהר וועט מיר אָבער צוגעבען, אַז נאָכדעם ווי דער גרויסער רבי יהושע בן קרחה האָט אונז די דאָזיגע געשיכטע דערצעהלט און ווען דער גרויסער רב אשי, וועלכער האָט אַלע פּערלען פון די ברייתות און אגדות הש״ס צוזאַמען געקליבען, כדי דעם אידישען פאָלק אַן אייביגען אוצר צו איבערלאָזען, האָט עס פאַר ווירדיג געהאַלטען אין דער הייליגער גמרא צו פאַראייביגען, ליגט אודאי אין דעם מאמר אַן אוצר פון אַ געדאַנק באַהאַלטען.

קומט אַלזאָ מיט מיר, מיינע טהייערע יונגע פריינדע! איהר וואָס האָט אייך געדולד און צייט גענומען די גאַנצע „מעשה געלעסוויל" וואָרט פאַר וואָרט אויסצוהערען, און איהר אידישע מאַמעס און אידישע טעכטער וואָס זענט יעצט געקומען אַן אמת אידישען פאַרגעניגען צו האָבען, קומט אַרויס צוזאַמען מיט מיר אויף דער פרישער גייסטיגער לופט, אַרויס אין פרייען, אַוועק פון די טונקעלע פינסטערע הייזער, אַוועק פון די אונ-זיכערע נאַסען און לאָמיר צוזאַמען דעם געדאַנק זוכען, שפּאַ-ציערען מיר אין „גרינען" שפּאַצירען מיר אין דרויסען, דאָרט וואו די געטליכע נאַטור הערשט, דאָרט צווישען די שעהנע בליהענדע גרינע בוימער, דאָרט צווישען די פאַרשיעדענע הער-ליכע שמעקעדיגע בלומען און איהר וועט זעהן, אַז מיר וועלען איהם געפינען!.....

און אַט זעהט איהר מיינע ליעבע: „יגעתי ומצאתי תאמין" אַז מען זוכט געפינט מען. דאַן זעהט איהר דען ניט מיט מיר צוזאַמען אין דער פאַנטאַזיע דאָרט צווישען די שעהנע בליהענ-דע גרינע בוימער אַ קליינעם שעהנעם פאַרצווייגטען בוימעלע? נו, באַטראַכטען מיר נור גוט זיין שעהנקייט, זיינע שעהנע באַ-צויבערענדע גרינע בלעטעלעך מיט זיינע דופטיגע בליטהען, איך באַטראַכט זיי און וואָס מעהר איך פאַרטיעף זיך דערזעה איך זיך אויף אַמאָל שטעהן פאַר דעם דאָזיגען בוימעלע, איך פיהל זיך איצט, צוגענאַגעלט צו דעם אָרט, איך הויב עס אַן פון גאַנץ

נאָהענט גוט צו באַטראַכטען, איך באַוואונדער זיינע פרישע גרינע צווייגעלעך, זיינע שאָקעלדיגע בלעטעלעך, און איך דער־הער מיין אייגענע שטימע: „אַה, דו ליעב בוימעלע! ווי מקנא איך בין דיר! ווי שעהן, ווי פריש, ווי גרינצווייגיג איז דיין קרויזקאָפּ מיט זיינע שעהנע שאָקעלדיגע גרינע פרישע בלע־טעלעך!"....

אָבער פּלוצלונג בלייבט מיין שטימע שטיל, מיינע נערוועז ווערען צוטרייסעלט, עס ציטערט אין מיר יעדער אבר, איך האָב עפּעס אויף דעם באַצויבערענדעם קרויזקאָפּ פון מיין גרין בוימעלע דערזעהען, וועלכעס האָט מיין פריהעריגע ליכטיגע שטימונג פאַרטונקעלט. — „וואָס שרעקסטו, וואָס ציטערסטו, מיין ליעבער?" — פרעגט מיך דאָס בוימעלע, — און איך ענט־פער "ווי זאָל איך ניט ציטערען, אַז דאָס גרינע פון דיינעם באַ־צויבערענדעם קרויזקאָפּ, פון דיינע שעהנע יונגע צווייגעלעך, פון דיינע בלעטעלעך, אוי! דאָס אייביג שעהנע פרישע גרינע, וועלכעס האָט תמיד מיין לעבען אַזוי פאַרזיסט הויבט זיך אָן צו פאַרליערען און איך מוז נעבעך צוזעהן ווי עס דראָהט דיר „די געלע געפאַהר" דיין קרויזקאָפּ, דיינע צווייגעלעך הויבען זיך אָן צו „פאַרגעלען"! — זיי וויקלען זיך איין, זיי פאַרוועלקען, זיי טרוקענען אוים און פאַלען פון דיר אַרונטער. אוי, מיין ליעב בוימעלע! וואָס וועט פון דיר ווערען? דו פאַרליערסט דיין שעהנע פאַרב, דיין גרינקייט!"

„שרעק זיך ניט מיין ליעבער" — ענטפערט מיר דאָס בוי־מעלע — איך שטעה שוין און עקזיסטיר שוין אַזוי, קרוב צו צוויי טויזענד יאָהר. אַמאָל דאָ אַמאָל דאָרט רייסט מען מיך אוים פון איין אָרט און מען וואַרפט מיך אויף אַן אַנדער אָרט און אַ סך פון מיינע גרינע צווייגעלעך, פון מיינע גרינע בלע־טעלעך זיינען שוין געל, פאַרוועלקט, פאַרטרוקענט, — אָבער די דאָזיגע געלע טרוקענע בלעטלעך קאָנען מיך ניט מיאוס

מאַכען, ווייל וואָס געלער, וואָס טרוקענער די דאָזיגע בלעטלעך ווערען אַלץ בעסער און געזונטער איז דאָס פאַר מיר: זיי טרוקענען איין און פאַלען פון מיר אַרונטער. דאָס איז דערפאַר ווייל זיי געהערען זיך שוין גאָר מיט מיר ניט אָן, זיי זויגען ניט מעהר מיינע ברוסטען ציהען ניט מעהר מיין זאַפט דערפאַר מוזען זיי אַרונטער פאַלען פון מיר. איך גיב זיך נור איין טריי־סעל און עס הויבען אָן פון מיר צו שפּראָצען פרישע גרינע צווייגעלעך, גרינע בלומעלעך און גרינע בלעטעלעך, וועלכע זויגען מיינע ברוסטע, ציהען מיין זאַפט, און איך בליה ווייטער מיט זיי און זיי מיט מיר"....

* * *

טהייערע אידישע מאַמעס! טהייערע אידישע שוועסטער! און טהייערע יונגע פריינדע! איהר, די צוקונפט פון אייביגען אידישען פאָלק! ווען מיר זעהן אונזערע בוימעלעך, אונזערע צווייגעלעך און בלעטעלעך אין די אַמעריקאַנער „קאָנטרי קהלות" און נאכהער אונזערע פיהרער און פאַרפיהרער, די רעוורענדס, די ליזי שפּיעלפּאַגעלס מיט די שימקע קאַכלעפעלס, מוזען מיר דערפיהלען אַ ציטער אין אַלע גלידער, און דאָס בלוט קאָכט, די נשמה ווי זי וואָלט פון שלאָף געוועקט: „שטעה אויף, שלאָף ניט, רעד, שריי, וועק, (קרא בגרון אל תחשוך, כשופר הרם קולך), נעם צונויף דיינע יונגע כחות פון דער היים, האָב פאַר קיינעם קיין מורא ניט נאָר פאַר איין ג־ט! (לא עת לחשות), עס איז ניט קיין צייט צו שווייגען (רק עת לדבר), דאָ מוזטו רעדען, שרייען, ווייל אויב השי"ת האָט איינעם גע־געבען פעהיגקייטען צום רעדען, איז דאָס גרעסטע פאַרברעכען צו שווייגען.

ענטשולדיגט מיר, מיינע ליעבע אידישע טאַטעס און מאַמעס און ענטשולדיגט מיר מיינע טהייערע יונגע פריינדע, וואָס איך

האָב אייער צייט און אייער געדולד צו גענומען, אייך מיין אינטערעסאַנטע מעשה, „מעשה געלעסוויל" אין די אמת'ע עכטע פאַרבען צו דערצעהלען. ווי איהר ווייסט שוין איצט און ווי איהר קענט שוין געלעסווילער געשיכטע: כשמה כן היא, געל ווי אַ העליש פייער, ברענט פלאַמט, פלאַקערט ביז זי ווערט אין גאַנצען פאַרברענט און עס בלייבט קוים אַ זכר פון אידיש־קייט און איחר, — אָבער ניט געזאָרגט! — הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל! אונזערע פאָאַר שומרים, אונזערע פאָאַר זקנים און איבערהויפּט אונזערע אידישע טעכטער שטעהען דאָ און קוקען זיך צו צו דער שרפה און עס מאַכט זיך אַמאָל, דאָס ווען אַלעס איז שוין פאַרברענט, פאַרפלאַמט, נעהמען זיך אונזערע יונגע אידישע טעכטער צוזאַמען מיט זייערע זיידעס און זיי טרעטען צו צו דער שווערער מלאכה: אַוועק צו רוימען די אַראָפּגעפאַלענע פאַרברענטע קלעצער, די אַלע געבראָכענע ווענד, די פאַרברענטע און פאַרפוילטע פאַדלאָגעס און צו בויען נייע הייזער, צו פלאַנצען נייע גאַרטענס, נייע פלאַנצונגען, נייע בלומען נייע פרוכט, דאָס געלע ווערט פאַרשוואונדען, דאָס גרינע דאָס בליהענדיגע הויבט אָן צו שפּראָצען, צו לעבען, צו בליהען, ונבנתה עיר על תילה, אמן כן יהי רצון...

* * *

יונגע פריינדע! איצט גרייט אייך צו צו דער צווייטער מעשה:

„מעשה געל־גרין־וויל", וועלכע וועט ערשט זיין ריכטיג טשיקאַווע, ווייל די קאָנגרעגיישאָן אין געל־גרין־וויל, איז אי גרין אי געל. — און דאַ זיינען טאַקע די עכטע צרות: די קאָנ־גרעגיישאָן קאָן ניט גרין ווערען ווייל די געלע מעמבערס דער־לאָזען ניט, און קען ניט געל ווערען ווייל די גרינע דערלאָזען ניט. ס'איז אַ מעשה פון „ניט אַהין און ניט אַהער". די דאָזיגע מעשה וועט זיכער אַזוי לאַנג זיין ווי מעשה געלעסוויל אָבער רייכער

און אינטערעסאַנטער אין בילדער, און אייך מיינע פריינדע, גיב איך דאָס רעכט צו אורטהיילען וועלכע פון די ביידע קהלות איז שעהנער, לעבהאַפטער, אינטערעסאַנטער און ריכטיגער....

* * *

און איצט צוריק צו אונזער פריהעריגען שמועס וועגען דעם מאמר: „רבי יהושע בן קרחה אומר אסתר ירקרקת היתה“.... רבי יהושע בן קרחה זאָגט אַז אסתר איז געוועזן אַ גרינע. רבי יהושע בן קרחה, וועלכער האָט נעבעך די פאַרצווייפעלטע שרעקליכע טרויעריגע לאַגע פון דעם אידישען פאָלק פאַר זיך געזעהן און אַז ער האָט אַ וויטערן בליק געגעבען אויף דער טונקעלער צוקונפט פון די שפּעטערע דורות, די ממלכת כהנים וגוי קדוש, אָהן אַ בית המקדש, אָהן אַ מזבח, אָהן עבודה, אָהן אַ לאַנד, אָהן אַ מלוכה און אָן אָהן אויטאָריטעט, — די אידישע פיהרער ווערען פון רוימישען דיספּאָט מיט די פיס געטרעטען, די אידישע תורה ווערט ביי דער אידישער יוגענד פאַר'מיאוס'ט פאַר די אידישע עדעלע טעכטער מיט זייער אידישען חן און מאַראַל ווערען די רוימישע שמוציגע אונמאָראַלישע טעאַטערס געעפענט, נייע וועגען פאַר'ן „בית יעקב“ גע־וויזען, די טיהרען פון דער רוימישר געזעלשאַפט ווערען פאַר זיי געעפענט, כדי דאָס אידישע לעבען צו דעמאַראַליזירען, די טאָכ־טער פון ציון'ס אדעל צו פאַרפיהרען, זייערע הייליגע אידעאַלען צו פאַרלעשען, כדי דאָס אידישע פאָלק זאָל אויף דיעזען אופן אָהן זיינע גוטע געטרייע פרומע מאַמעס בלייבען, איז ווען ר' יהושע בן קרחה האָט דאָס אַלעס געזעהן, האָט ער צו די אידישע טעכטער געזאָגט: איהר בנות ציון היקרות! איהר טהייערע אויסגעצייכענטע אידישע טעכטער! פאַרגעסט ניט אייער שטאָלץ, פאַרגעסט ניט אייער פאַרגאַנגענהייט, פאַרגעסט ניט אייער שוועסטער אסתר וועלכע איז צופעליג אַ גרויסע קעניגין געוואָרען, די פרוי פון דעם מעכטיגסטען אחשורוש, און אין דער

צייט ווען ס׳איז אויך געווען אַ חרפה אַ בושה אַ אידישע טאָכטער צו זיין פון דעסטוועגען ווען המן הרשע האָט אַ פרייע האַנד באַקומען (להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים מנער ועד זקן טף ונשים ביום אחד) צו פאַרטיליגען, צו הרג׳ענען, צו פאַרניכטען אַלע אידען פון יונג ביז אַלט, קינדער און ווייבער אין איין טאָג, האָט זיך אָט יענע אסתר ניט באַהאַלטען אין איהר קעניגליכען פאַלאַץ דאָרטען צו פוצען און צו פוידערען זיך כדי צו ווערען יעדען טאָג אַ „סעלף-מייד-ליידי״, ווי עס טהוען די היינטיגע אַלרייטניצעס, נור זי האָט זיך גאָר צו דעם אַלד סטייל גראַדע גענומען, „לך כנוס את כל היהודים וצומו עלי ואל תאכלי ואל תשתי שלשת ימים לילה ויום“, געה מיין פעטער מרדכי, — האָט זי געזאָגט, — פאַרזאַמעל אַלע אידען וואָס פאָלגען און הערען נאָך די מרדכי׳ם, האַלט אָפּ תעניתים דריי טעג און דריי נעכט פאַר אונזער אייביגען אידישען ג־ט, איך אַליין מיט מיינע אידישע חבר׳טעס ועלען אויך פאַסטען, „ובכן אבוא אל המלך אשר לא כדת״ און אַזוי וועל איך קומען צום קעניג געגען זיין געזעץ, אָבער לויט מיין אידישען דת, „וכאשר אבדתי״ און אַז איך זאָל פאַרניכטעט ווערען, „אבדתי“, איז דאָס ביי מיר אויך רעכט, זאָל איך פאַרלאָרען געהן ווי אַ אידישע העלדין מיט אַלע אידען צוזאַמען, דען וואָס טויג מיר דער געלער גאָלד גלאַנץ ווען איך הדסה די גרינע צווייגעלע, מוז פון מיין „שטאַם-בוים״ אָפּגעבראָכען ווערען?.....

מיין גרינקייט איז מיין שייכות צום אַלטען אייביגען שמע־קעדיגען געווירץ-בוים, דעריבער קען איך דאָס ניט לאָזען פאַר־געלט ווערען ווען עס דראָהעט מיר „די געלע געפאַהר״ ניין! — האָט אסתר אויסגעשריען — אַ גרינע וויל איך בלייבען! אַ שייכות צום הדסה בוים וויל איך האָבען!

אָט דאָס דערצעהלט אונז דער גרויסער רב אשי, וועלכער האָט אַלע טהייערע פערלען פון די אגדות און ברייתות הש״ס

אויף דעם גרויסען רקיע התלמוד, ווי די ברענענדיגע ליכטיגע שטערן אויסגעשטעלט, אז זיי זאלען אונזער לאנגען גלות-וואנדערן באלויכטען.

רבי יהושע בן קרחה אומר, רבי יהושע דער זוהן פון קרחה זאגט אונז, „אסתר ירקרקת היתה״, אידישע טעכטער! אידישע אסתר׳ס! בלייבט גרינע! קעהרט זיך אן מיט אונזערע גרויסע אדעלע פרויען, וועמעס גייסט עס וועט אייביג אין דער אידישער געשיכטע לעבען „אל תטוש תורת אמך!״ פארלאזט ניט די הייליגע אידישע זיטען פון אונזערע גרויסע מאמעס, פארלאזט ניט זייער הייליגען צניעות-מאראל! ערציהט אייערע קינדער אזוי ווי אידען האבען אלע מאל זייערע קינדער ערצויגען! איהר דארפט קיין גרעסערען און בעסערען ביישפיעל ווי אונזער שוועסטער די קעניגין אסתר וואס האט עררייכט דאס גרעסטע אירדישע גליק, וואס א מענשענס טאכטער קען עררייכען — צו ווערען די קעניגין איבער 127 לענדער, פון דעסטוועגען „אסתר ירקרקת היתה״ איז אסתר א גרינע געבליבען, ס׳איז ביי איהר א קנאפער גליק געווען א גוי׳אישע קעניגין צו זיין און זי האט זיך פעסט אנגעהאלטען אן דעם עץ החיים וואס לעבט אייביג, אין דער אידישער אמונה, „וחוט של חסד און דער חסד פון בורא וואס איז ממש נור ווי אויף א פאדים געהאנגען, אז דאס אידישע פאלק זאל ניט פארניכטעט ווערען, „משוך עליה״ באציהט זיך אויף איהר, איהר אידישער כאראקטער, איהר ירקרקות׳דיגקייט, איהר גרינקייט, איהר שייכות צום אידישען פאלק האט דאס אידישע פאלק פון פארניכטונג גערעטעט.

אידישע טעכטער! בלייבט גרינע! תנו כבוד לירקרקות! גיט כבוד די גרינע!....

ע נ ד ע !